STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06661

UNTER DI BLOYE ARGENTINER HIMLEN

Golde Gutman

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

גאָלדע גוטמאַן (קרימער)

אונטער די בלויע ארגענטינער הימלען

(יהודית)

ראָמאַן אין צוויי בענד

באַנד איינס

בוענאָס־איירעס — 1954

דאָס דאָזיקע בוך איז געהייליקט
צום אָנדענק פון מיין פלימעניק

זעליק־מאיר קאָן

אַ הויכער אַוויאַציע־אָפיציר אין
די נ. אַמעריקאַנער לופט־קרעפטן,
וועלכער איז פאַרשוווּנדן געוואָרן
בעת אַ לופט־שלאַכט איבער נאַצי־
דייטשלאַנד, אין דער צווייטער
וועלט־מלחמה.

פון דער זעלבער מחבר

צווישן קראַנקע (שפּיטאָל־רעפּאָרטאַזשן)

וואָס מיין פריינט האָט דערציילט (דערציילונגען)

בעסאַראַביע 1918 (ראָמאַן)

מיין שטעטל יעדינעץ (ראָמאַן אין 2 בענד)

צווישן בערג (דערציילונגען)

מלחמה־יאָרן 1914־1918 (ראָמאַן)

די מוטער רחל (ראָמאַן אין 2 בענד)

גאָלדע גוטמאַן (קרימער)

קאַפּיטל איינס

יהודית האָט צעריקט דעם שווערן פאָרהאַנג איבער דעם נידעריקן טירל פון איר צימערל און זי איז געבליבן שטיין אויף דער שוועל. די ברייטע, ברוינע בליקן אירע האָבן אַ שוועב־געטון איבערן גאָרטן און אויפֿגעשיינט. אַט זענען אירע אויגן געוועזן הימל־בלוי און באַלד ווידער גאָלדיק, פול מיט אַן אָפענער לעבעדיקייט, ווי דער שיין פון וויאָלעטן, גרינעם וואַסער און באַזוימט מיט דינע רינגעלעך בלייכן טוי. באַוואונדערונג האָט זיך געריסן פון אירע נצחונדיקע בליקן און אַ פרייד פון אַן עקשנותדיקן קראַנקן, וועלכער איז בייגעקומען אַ שווערע קרענק. דער גאָרטן האָט זי אָנגעפילט מיט פרייד און שטאָלץ, דאָס איז געווען איר אַרבעט. אַרום איר ברייט מויל האָט זיך צעלייגט איר שטענדיק־שטילער שמייכל. דער שמייכל האָט אביסל פאַרווישט די צוויי טיפע קאַרבן אַרום אירע ליפּן. די דאָזיקע קארבן זענען יאָרן לאַנג געלעגן אַרום איר מויל און פאַראַטן אַ טיפן אומעט, אַן עלנט וואָס האָט גענעסטיקט אין איר נשמה.

יהודית איז געוואָרן אַרומגעכאַפּט פון א מאָדנער יום־טובדיקייט. אַזאַ גדולה פלעגט אויפגיין אין איר אין די טעג פון שבועות, ווען די פעלדער און גערטנער אין איר דאָרף האָבן געבליט און געשמעקט. זי איז געשטאַנען אויף דער שוועל און האָט צעפּראַלט אַלע אירע חושים און זיך גרויס געהאַלטן מיט דעם געפיל פון מענטש, וועלכער קען זיך פרייען מיט דער נאַטור. זי האָט געשלונגען די קלאַנגען פון צעזונגענעם אַרום. זי האָט זיך געפרייט מיטן געצוויטשער פון די שוואַלבן ערגעץ אויף די צווייגלעך פון אירע ביימלעך מיט ווייס־בלויען צוויט. אַ קיל, זומערדיק ווינטל האָט פאַרשייט געררישט איבער די קרוינען־קעפּ פון די נידעריקע, גלייכע מאַראַנצן־און לימענע־ביימלעך אַרום דעם שטיבל. דער זאַפטיקער ריח פון דער שוואַרצער, פריש־צעאַקערטער ערד און פון אַלערליי גרינצייג, וואָס זי האָט אַליין פאַרזייעט — אַלץ האָט אויף איר געקוקט מיט רו און מיט זאַטקייט. און א מאָדנער שטאָלץ האָט געוועקט אין איר נייע כוחות און נייעם, גוואַלדיקן ווילן צום לעבן און צו פלאַנצן בלומען, צו צעגראָבן די

ערד און ווידער בייצוקומען אַלע שטרויכלונגען, וואָס וועלן זיך באַנייס שטעלן אויף אירע וועגן.

דאַן איז איר שוואך הארץ געוואָרן באַזעלט מיט אַ מערקווירדיקער רויִקייט און עס האָט רעגלמעסיק געטיקט ווי דער מעכאַניזם פון אַ נייעם, גוטן זייגער. דאָך האָט צווישן די האַרץ־פּעדימלעך ווייטער געברויזט און געבושעוועט דער מאָדנער אומעט, געברומט אומהיימלעך און צולהעיסדיק, ווי אַ קליין שדעלע, א נישטגוטער, וואָס פּאַרטונקלט די פרייד און זאָגט אָן בייזע בשורות...

יהודית האָט זיך געווערט קעגן דעם „שדעלע". זי האָט אַ שמייכל־געטון און אויפגעהויבן אירע רויזן־אויגן צום הימל. זי האָט געהאַט דאָס געפיל, ווי זי וואָלט געוועזן אין איר היימיש דאָרף, ווו די שטילקייט דעקט־איין אַלע דאָרפישע כאַטעס מיט די שטרויענע דעכלעך. דעקט־איין דעם טאַטנס טשערעדע. און איבער דער שטילקייט האָט געגרוט אַזאַ טיפער, בלויער הימל ווי אַן אומענדלעך צעכוואַליעטער בלויער ים. אַ נייע כוואַליע פון פרייד האָט א שטורעם־געטון אין האַרצן. זי איז אַוועק טיפער אין גאָרטן, אויפגעהויבן פון דער ערד דעם מעשענעם פּיסק פון אַ לאַנגער וואַסער־קישקע און האָט אָנגעהויבן צו באַשפּריצן די בלומען. דאָס וואַסער האָט געשפריצט פון מעשענעם פּיסק אַרויס און אימפּעטיק געריזלט און געשטראָמט אַרום די בלומען־שטענגעלעך. קליינע שיכטן ערד האָבן זיך אויפגעהויבן, אַדורכגעמישטע מיט ווייס־בלויע בלעטעלעך פון יונגע, אַראָפּגעפאַלענע קנאָספּן.

געטריבן פון אַ קיל ווינטל זענען די וואַסער־ריטשקעלעך שפּילעוודיק געפלאָסן צווישן די בייטן. די קילקייט האָט זיך ווייט און ברייט אויסגעשפּרייט. אַ העלער טוי האָט זיך געזילבערט איבער די צעפּראַלטע, פּיל־קאָלירנדיקע רויזן־קעפּ. זיי האָבן זיך עלאַסטיש געקנייטשט, ווי בלייכע, זיידענע שלייערן איבער קילע, צעוויגטע ים־כוואַליעס.

יהודיתן האָט זיך געדאַכט, אַז יעדעס בלעטל און יעדעס קליינע רויזעלע איז געוואָרן ווי אַ באַזונדערע וועלט פאַר זיך. יעדעס בלעטל האָט אויסגעזונגען אַ באַזונדערן ניגון, אַ לויב צו דער פרוכטבאַרער ערד. און די אַלע ניגונים האָבן זיך צונויפגעגאָסן אין איין וווּנדערלעכער סימפאָניע, וועלכע האָט זי מיטגעריסן ווי צו אַ טאַנץ אין א געפלעכט פון אַלערליי פאַרבן.

זי האָט זיך דערשראָקן פאַר דעם נייעם אימפּעט, וואָס האָט זיך אין איר צעשריען און אויך פאַר דעם באַגער צו טיילן זיך מיט עמעצן די גרויסע פרייד אירע, וואָס די וווּנדערלעכע בלויע פרילינג־טעג האָבן ענדלעך אין איר אויפגעוועקט. זי איז געוואָרן אומרויִק און האָט קעגן איר איי־

גענעם ווילן אַ טראַכט־געטון: מען זאָגט, אַז אַ פרוי אין די דרייסיקער יאָרן בליט־אויף אין איר גאַנצער פּראַכט... עס וואָלט גוט געווען צו טרעפן אַזאַ איינעם, וואָס זאָל אַריינקוקן אין איר נשמה. זי וואָלט אויפֿגעבליט אין איר גאַנצער הערלעכקייט און — אים וואָלט זי אויך גליקלעך געמאַכט.

באַלד האָט זי דערפילט, אַז דאָס שדעלע אונטער איר האַרץ־גריבל האָט זיך צעהוליעט און איר נישט געלאָזט טראַכטן. — דו האָסט אַ קראַנק האַרץ, יהודית — האָט זי צו זיך געזאָגט — היט אָפּ דיין געזונט, אויב דו ווילסט נאָך לעבן...

אַ גרוי כמאַרעלע האָט זיך אָפּגעזעצט אַרום איר געשלאָסן מויל. דאַן האָט זי אַ באַוועג־געטון מיטן קאָפּ און אירע צוויי שווערע צעפּ זענען אונטערגעשפּרונגען אויף אירע שמאָלע, כמעט קינדערישע פּלייצעס. זי האָט געפּרוווט אַראָפּוואַרפן פון זיך די וואָרענונג. אָבער אַ שטים אין איר האָט זי ווי געבעטן: „כאָטש נאָך איין מאָל דאַרפסטו זיך אַנטפּלעקן פאַר אַ געליבט וועזן. דו וואָלסט דאַן אויפגעזונגען פאַר אים, אויסגעוועבט די שטילסטע, איידלסטע קלאַנגען פון דיין לעבנס־ליד, אויסגעזונגען דעם טרויער און אויך די פרייד, וואָס צינדט־אָן דיין בלוט און גיבן דיר נישט קיין רו. דאַן וואָלסטו אויפגעבליט ווי די דאָזיקע רויזן פון דיין גאָרטן. און אויב דו וועסט דיך דאָס מאָל ווידער אַנטוישן, וועסטו שוין מער נישט ליידן ווי דו האָסט געליטן צוליב נאַטאַליאַן. דו וועסט נאָר פאַרגיין ווי אַן אָפּגעריסן וואָלקנדל און ווידער איינגעוועבט ווערן אין דיין אומעט און אין דיין בענקשאַפט נאָך עפּעס אַזוינס, וואָס איז ליכטיק און גרויס.

זי האָט זיך געווערט קעגן יעדן שלעכטן פאַרגעפיל. זיך דרייסט אָנגעכאַפּט אָן דעם ווילן צו לעבן. א פאַרשעמטער שמייכל האָט זיך אויסגעלייגט אַרום איר געשלאָסן מויל. זי איז געווען צופרידן, וואָס קיינער פון אירע נאָענטע האָט נישט געוווּסט, אַז די צעבליטע פרילינג־טעג האָבן אויפגעוועקט אין אירע זינדיקע באַגערן און אויך אַ גוואַלדיקע דרייסטקייט אָנצוכאַפּן זיך אין אַן אַ נייער ליבע. און ווייטער האָט יהודית אַ טראַכט געטון: איך וועל קיינמאָל פאַר קיינעם נישט אַנטפּלעקן די דאָזיקע זינדיקע געדאַנקען; מיינע געפילן זענען מיין איינציקע רייכקייט, מיין הייליקייט; איז וויל איך נישט, אַז עמעצער זאָל מיין הייליקייט פאַרשווענכן און אויסלאַכן.

אין געסל האָט זיך אָנגעהויבן צו רודערן. טירן האָבן זיך צעסקריפּעט און מילך־וועגעלעך האָבן זיך גיך פאַרבייגעטראָגן. דאָס שווערע, אייזערנע טירל אין ברייטן טויער פון דאַן קראַכמעלס פאַבריק האָט זיך אויפגעמאַכט מיט אַ מאָדנעם גרילץ און אַרבעטער האָבן זיך אַריינגעשאַרט אין הויף.

זי האָט אויפגעהויבן די בליקן און געזען, ווי פארבייגייער האָבן זיך אָפּגעשטעלט און באַוווּנדערט איר גאָרטן. איינער אַ מאַן פון אַ יאָר דרייסיק, אַ הויכער און אַ שמאָלער, איז געבליבן שטיין בײַם פּליטל און האָט זי אָנגעקוקט. ער איז געווען אָנגעטון אין אַ גרינעם ספּאָרט־אַנצוג און דער ווייסער קאָלנער פון ספּאָרט־העמד — אויסגעלייגט איבערן קאָלנער פון רעקל. שמאָלע קנייטשעלעך האָבן זיך געפאַלדעט אַרום זיינע פאַרזשמורעטע אויגן און די בלאָנדע, שיטערע הערלעך אויפן קאָפּ האָבן זיך געשויבערט אונטערן לייכטן, קילן ווינטל. ער האָט אַ רוף געטון:

— מעג מען אַריינגיין אין גאָרטן?

זי האָט זיך דערנענטערט צו אים, מיטשלעפּנדיק די שווערע וואַסער־קישקע. די דינע וואסער־שטראָמען האָבן זיך צעשאָטן העט ווייט איבער די גראָזן, זיי באַפּערלט מיט טראָפּנס ווי זילבערנע קייקעלעך. זי האָט אויפגעהויבן צו אים די בליקן. אויך ער האָט ברייטער די אויגן צעעפנט. אַ מאַגנעטישער כוח האָט זיך געריסן פון זיי; און דער כוח איז אַריינגעפאַלן אין אירע בליקן און האָט אראָפּגענידערט אין איר נשמה און אין איר בלוט. יהודית האָט אַ ציטער געטון און איר אָטעם איז געוואָרן אָפּגעהאַקט. די גלידער זענען איר געוואָרן שוואַך און נאָכגיביק, ווי זי וואָלט מיטאַמאָל פאַרלוירן דעם ווילן. זי האָט אינסטינקטיוו אראָפּגעלאָזט די בליקן. אַ בלוטיקע רויטקייט האָט באַדעקט איר געזיכט. דאָס ווינטל האָט שפּילעוודיק געשויבערט דעם ברייטן זוים פון איר געבלימט פּויעריש אַרבעטס־קלייד און דאָס וואַסער פון דער קישקע האָט געוואַשן אירע הויכע, גלייכע, מיידלשע פיס.

ער האָט זיך צעשמייכלט. איר פאַרלוירנקייט איז אים געפעלן געוואָרן און ער האָט איבערגעריסן די שטילקייט:

— איך האָב אַהער פאַרבלאָנדזשעט פשוט און אומגערן. איך מאַך דאָ אָפּט מיינע שפּאַציר־געגנג, האָב איך געזען אייער גאָרטן און מיר וואָלט געפעלן איינצוואָרדענען דאָ מיין אַרבעטס־ווינקעלע.

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן און געהאַלטן אָנגעשטעלט אויף איר די ווייכע, מאָנענדיקע בליקן. זיין שטים איז געבליבן שטעקן אין איר נשמה. זי האָט געהאַט דאָס געפיל, אַז דער דאָזיקער מענטש איז אירער אַן אַלטער באַקאַנטער. זיינע בליקן און זיין זינגעוודיקע שטים זענען שוין לאַנג, לאַנג אַרומגעלאָפן אין איר געדעכעניש. זי האָט אים אָפּגעגאָסן מיט אַ נייגעריקן בליק און פאַרלוירן געשטאַמלט:

— איך האָב שוין פאַרדונגען מיין איינציק צימער.

ער האָט איר איבערגעשלאָגן די רייד:

— אַ שאָד, אַ גרויסער שאָד!

יהודית האָט צוגעגעבן:

— שוין צוויי וואָכן אז דאָס צימער איז פאַרדונגען.

באַדויערן האָט זיך געריגצלט אויף זיין שטערן און אַ ווילן זיינס אויסצופירן. ער האָט ווידער געפרעגט:

— און ווען איך באָט איך אָן צוויי מאָל אַזוי פיל? דאָ וואָלט איך געאַרבעט רויק; דאָ איז דאָך אַלעס וואונדערלעך שיין, — האָט ער צעפירט פאר זיך מיט די הענט און געוואָרט אויף אַן ענטפער.

זי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין און אויסגעמיטן זיינע בליקן, מורא באקומענדיק פאַר זיי.

ער האָט אַרויסגעפילט דעם דינעם ציטער פון איר האַרץ און אויך אַ בענקשאַפט. אין אים האָט זיך חוצפהדיק צעשריען א באגער צו זיצן מיט איר אונטער די געדיכטע צוויט־ביימעלעך. זיך שפּילן מיט אירע גאָלדענע, שווערע צעפּ, און אירע פאַרחלומטע אויגן זאָלן רוען אויף אים; ער זאָל אומגעשטערט קאָנען איינזאַפּן אין זיך דעם דאַרפישן ריח פון איר גאָרטן און אויך דעם דופט פון איר זאַפטיק, ליידנשאַפטלעך מויל. ער האָט צו איר אויסגעשטרעקט זיינע צוויי לאַנגע הענט און ווידער איבערגעריסן די שטילקייט:

— לאָמיר זיך באַקענען. מיין נאָמען איז גינער און איך בין אַ ייִדישער מאָלער.

זי האָט אַוועקגעלייגט אויפן גראָז די וואַסער־קישקע, אָנגענומען די שפּיצן פון זיינע פינגער און געזאָגט:

— יהודית, מיין נאָמען איז יהודית.

זיינע דינע ליפּן האָבן זיך אַ קרום געטון און די נאָזלעכער האָבן זיך אומרויִק באַוועגט ווי די נאָזדערע פון אַ פערד, וואָס דערפילט דעם קילן ריח פון טייך. ער האָט זיך צעשמייכלט און היימישלעך אַ זאָג־געטון:

— אידיט איז אַ היסטאָרישער נאָמען. אידיט איז געווען אַ שיינע נשמה. אָבער איר זאָלט נישט מיינען, אז איך בין ווי יענער ווילדער טיראַן האָלאָפאָרנעס. איך בין נישט מער ווי אַן אָרעמער טרוימער — האָט ער געזאָגט לאַכנדיק — אַ דאָן קיכאָט. אַצינד בעט איך ביי אייך אַ דערלויבעניש אַריינצוגיין אין אייער גאָרטן און צו באטראכטן דעם דאָזיקן גן־עדן התחתון — האָט ער צו איר גערעדט אין א פערפעקטן שפּאַניש.

איר איז געווען מאָדנע, וואָס ער האָט זיך פאַרגעשטעלט פאַר איר ווי אַ ייִד. די אָפּנקייט פון זיין שטים און די היימישקייט האָבן אין איר געוועקט צוטרוי צו אים. זי האָט שווייגנדיק אויפגעמאַכט דאָס טירל און אים אַריינגעלאָזט אין גאָרטן. ער האָט זיך אימפּעטיק א טראָג־געטון

צווישן די בלומען און א שמייכל האָט זיך אָפּגעזעצט ארום זיינע פאַרזשמורעטע אויגן און פולע מיט קינדישער פרייד.

יהודית איז אים נאָכגעגאַנגען און פאָרזיכטיק אָפּגעריסן איינציקע, פאַרוועלקטע בלעטעלעך פון די בלומען־שטענגעלעך מיט בלוט־רויטע, שווערע בלומען ווי רויטע פייגל.

ער איז געבליבן שטיין נעבן איר שטיבעלע און עס באַקוקט. די פּילקאָלירנדיקע בלומען, וואָס האָבן איינגעהילט דאָס שטיבל, די רויט־ און ווייס־געפּארבטע פּאַסן ביי די ברעגן פון די גרינע, קליינע לאָדנדלעך פון איינציקן, אָפענעם פענצטערל, דאָס דריי־שפּיציקע דעכל פון רויטע ציגל אָדער פון טשערעפּ, דאָס צוויטשערן פון שוואַלבן צווישן די בייטן און די שטילקייט — דאָס אַלץ האָבן אים דערמאָנט אָן די קליינע, פריצישע טויבן־שטיבעלעך. אַזוינע שטיבעלעך האָט ער תמיד געזען אויף די עקראַנען פון די קינאָס, וועלכע ער האָט באַזוכט, און ער האָט זיי געמאָלן, די שטיבעלעך, און זיי זענען געווען זיינע ערשטע, דערפאָלגרייכע שאפונגען.

שטייענדיק נעבן שטיבל האָט אים זיין קינסטלערישע פאַנטאַזיע אויגנבליקלעך אוועקגעפירט ערגעץ אין אַ רוסיש דאָרף, אַהין, דאָרט, ווו יהודית איז געבוירן געוואָרן. ער האָט געהערט די קלאַנגען פון האַרמאָשקעס און געזען די דרימלענדיקע סעדער מיט גערטנער; געזען יהודיתן זיצן אונטער ווייסע צוויט־ביימלעך פלעכטנדיק רויטע, ברייטע לענטעס אין אירע שווערע, גאָלדענע צעפּ. אירע ברייטע בליקן, פולע מיט באַוווּנדערונג, האָבן גערוט אויף די מאַרגאַריטקעס אַרום דעם זוים פון שטילן, בלויען טייך. באַלד האָט ער זי געזען אַרומלויפן צווישן די מאַרגאַריטקעס, אַרומשפּרינגען ווי אַ ווילד, אומגעצוימט ציגעלע; געזען די אינסטינקטיווע מיידלשע שרעק, וואָס האָט זיך געכוואַליעט אין אירע ברייטע גאָלדיקע בליקן, און איר קינדישן צוטרוי.

ער האָט זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צו איר און געוואָלט זען דאָס קליינע מיידעלע. אָבער פאַר זיינע אויגן האָבן זיך געוויגט צוויי געשטאַלטן,ביידע וווּנדערבאַרע: איינע — די דאָרפישע יהודית, שטייענדיק צווישן קאַרשן־ביימלעך, וועלכע רייסט קארשן און וואַרפט זיי איז א קיישעלע אַריין; זי האַלט אָפן איר קינדיש מיילעכל און ווייזט דערביי אירע צוויי שורות ווייסע, קליינע און געזונטע ציין. די בלויע פרילינגן אין אירע ברייטע בליקן רייסן זיך ערגעץ ווייט, ווייט. און די אנדערע — אַ פרוי אין די דרייסיקער יאָרן, די גלידער צייטיקע, פונקט ווי די גרויסע רויזן פון איר גאָרטן. און אירע גלידער און איר גאַנץ לייב־און־לעבן לעכצן און דאָרשטן נאָך דער פרייד פון מוטערשאַפט... ער האָט אָפּגעמאָסטן מיט אַ זשעדנעם בליק די שמאָלע ליניעס פון איר קערפּער. זיינע נאָז־

פליגל זענען געוואָרן אומרויִק, אַזוי אומרויִק, ווי זיין אויפגעברויזט בלוט, און אויך ווי יהודיתעס הארץ. ער האָט מיט אַלע חושים פון א דערפּאָרע־נעם לעביונג אינסטינקטיוו דערפילט, אז איר קליינער, כמעט קינדישער קערפּער האָט אין זיך איינגעשלאָסן א נישט אויסגעברענט פייער און דאָס דאָזיקע פייער האָט נאָך מער צעצונדן סיי זיין פאַנטאַזיע און סיי זיין חוצפה פון אַ דערפאַלגרייכן מאַן.

זיין בליק האָט זי געמאכט אויפציטערן. זי איז אוועק אלץ טיפער צווישן די בלומען, ציפּנדיק בלעטעלעך פון די בלומען־שטענגעלעך און דערביי געזוכט קלאָר צו מאַכן דעם מאָדנעם געפיל, וואָס גינער האָט אין איר דערוועקט; זי האָט זיך געווערט קעגן דעם געפיל פוןליידנ־שאַפט, זיך געשראָקן פארן באַגער צו וועלן זיצן מיט אים אונטער די צוויט־ביימלעך און קושן זיינע אויגן, אויסזויגן פון זיי דעם מאגנעטישן כוח.

ער איז איר נאָכגעגאנגען און שטיל געשעפּטשעט:

— כודיט, פארוואָס לאָזט איר מיך איבער אַליין?

זי איז געבליבן שטיין און אויפגעהויבן צו אים דאָס פּנים, וואָס איז געווען באַהויכט מיט אַ בענקשאַפט און שטילן אומרו.

גינער האָט אַ פליסטער געטון:

— כודיט, ווער זענט איר? פאַרוואָס אַזאַ רעזערווירטקייט?...

זי האָט געשמייכלט און אירע ווייסע, קליינע ציין און איר גאַנץ לייב־און־לעבן האָבן מיטגעשמייכלט. גינער האָט מיט די שפּיצן פון די פינגער קוים באַרירט אירע אַקסלען און אַריינגערעדט אין אירע אויגן:

— כודיט, איך בעט אייך, פאַרדינגט מיר דאָס צימער! כודיט, מיר איז נייטיק דאָס דאָזיקע ווינקעלע, נייטיק צוליב מיין שאַפן.

זי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין און צוגעגעבן:

— אַהער דאַרף זיך אַריינציִען אַ מאַמע מיט א שוואַך קינד.

— אויף וויפל צייט האָט זי געדונגען דאָס צימער? — איז ער גע־וואָרן צודרינגלעכער.

זי האָט געענטפערט:

— ביז איבערן זומער.

אומצופרידנקייט האָט זיך אויסגעלייגט אַרום זיין מויל. ער האָט אומגעדולדיק צווישן די ליפּן אַרויסגעזייעט:

— דערלויבט מיר כאָטש צו קומען אַהער באַוואונדערן אייער גאָרטן!...

זי האָט אים אָפּגעמאָסטן מיט דער גאָלדיקער בלויקייט פון אירע אויגן, געטראַכט אַ ווײַלע און אומגערן געענטפערט:

— אויב עס איז אייך ליב, קומט אַמאָל צו.

— ער האָט אָנגענומען איר האַנט און זי געדריקט:
— אַ דאַנק אייך, כודיט, אַ דאַנק!

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן און אַריינגעקוקט טיף אין אירע אויגן. אַרום זיי האָט זיך צעוויגט דאָס קילע, פרימאָרגנדיקע ווינטל און די גרויסע רויזן־קעפּ האָבן זיך באַוועגט, ווי זיי וואָלטן עפּעס פאַרשטאַנען און עפּעס געוואָרנט...

קאַפּיטל צוויי

מאַרטאַ, די שכנה, וואָס האָט זיך באַדאַרפט אַריינצין אין יהודיתעס צימער, איז געשטאַנען אין איר גרויסן זאַל און האָט געווישט דאָס מעבל, אָנגעטון אין אַ שוואַרצן, שווערן שטוב־כאַלאַט, צוגעקנעפּלט ביז צום האַלדז און מיט שווערע, הילצערנע שיך אויף די באָרוויסע, באַאָדערטע פיס. זי האָט אויסגעזען פאַרוועלקט און ווי קריגעריש. פון שוועך־לייביקן גוף האָט זיך געטראָגן אַן אייביק דערשטיקטער צאָרן. דער כעס האָט אַרויסגעשפּאַרט פון אירע טיפע, שוואַרצע אויגן און פון דער פאַריסענער, ברייטער און כמעט מענערישער גאָמבע.

פון די שווערע, געשניצטע שטיקער מעבל אין סטיל פון לואיס דעם פינפצנטן, פון גרויסן, שוואַרצן וואַנט־זייגער, פון בלויען כינעזישן בלומען־טאָפּ מיט פאַרוועלקטע בלומען, וואָס איז געשטאַנען אויפן זעקספּיסיקן טיש, פון די טיף אויסגעצויגענע גרויע ווינקלען, פון די געבעטע, ווייס־איבער־צויגענע טיפע שטולן אַרום דעם טיש פון האָלץ האָט געווייעט מיט אומעט, מיט סודותפולער שטילקייט און ווי ברוגז האָט אויסגעזען דער זיידענער, באַפרענדזלטער בלויער פאָרהאַנג איבערן ברייטן פענצטער, וועלכער האָט זיך לייכט באַוועגט און אויסגעזען ווי די אַראָפּגעלאָזטע, שווערע ווִיעס איבער די אויגן פון זינדיקע אלמנות.

אויך אין מאַרטאַס קיילעכדיקע אויגן האָט געגעסטיקט אַ דערשטיקט פייערל און דורשט צו זינד. זי האָט מורא געהאַט צו טראַכטן וועגן דער דאָזיקער זינד, זיך געשעמט פאַר זיך אַליין און מורא געהאַט פאַר גאָט און פאַרן מאַנס כיטרע אייגעלעך. זי האָט געוואַרט אויף אים און שטיל געצאָרנט און געשאָלטן.

דער מאַן איז געבליבן שטיין צווישן די צוויי העלפטן פון פאָרהאַנג איבער דער טיר פון זאַל און זי אָפּגעגאָסן מיטן שאַרפן גלאַנץ פון זיינע

שמאָלע אין קאָפּ אַריינגעזונקענע אייגעלעך, ווירדע צו זיך אַליין און מאָגונג האָט אַראָפּגעקוקט פון זיין פּנים.

ער האָט אַ לענגערע ווײַלע געשוויגן, אָבער באַלד איבערגעריסן די שטילקייט.

— מאַרטאַ, הער אויף אַרומקריכן איבערן מעבל! גיי אַריין צו דער קליינער, גיי, זאָג איך דיר!

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן און געוואַרט אויף אַן ענטפער.

די שמאַטע אין אירע הענט האָט זיך האַסטיק גערוקט איבערן שפּיגל פון דער שאַפע און אירע האַרטע, כמעט מענערישע קינבאַקן זענען געוואָרן עקשנותדיק און פאַרביסן.

זיינע צוויי שפּיציקע אַקסלען, די שמאָלע קאַנאַווקעלעך אין די אויס־געצויגענע באַקן, די בליצלעך אין די אויגן און דאָס גאַנצע איינגעדאַרטע גוף האָבן זיך איינגעגעסן אין איר. אַזוי ווי זי האָט אים נישט געפאָלגט, האָט ער ווי אָפּגעהאַקט צווישן די האַלב־פאַרמאַכטע ליפּן געזאָגט שאַרף און ענערגיש:

— צו וועמען האָב איך גערעדט?

אירע גראָבע קורצע און ברודיקע הענט זענען געוואָרן אומרויִק, זי האָט מיט אַן אומרויִקן טאָן אין איר שטימע אַריינגערעדט אין שפּיגל:

— איך האָב וואָס צו טון! גיי דו צום קינד און גיב איר די קאַווע מיט מילך. אָבער געדענק — האָט זי אויסגערופן מיט ביטערניש — דו זאָלסט עס אויפהערן צו באַלעווען! דו מאַכסט פון איר אַ תל!

ער האָט צונויפגענומען אַרום זיך דעם גאַרטל פון ברוינעם פרימאָרגן־ראָק, אַראָפּגעשלונגען עטלעכע בייזע זיפצלעך און באַלד צוגעגעבן מיט נעבעכדיקייט אין קול:

— מיט אַ קראַנק קינד דאַרף מען וויסן ווי אומצוגיין!

זי האָט אים איבערגעשלאָגן די רייד און געוואָרנט מיטן ווייזפינגער:

— די קליינע ווערט פון טאָג צו טאָג אַלץ ערגער און אומדערטרעג־לעכער! איך בין מיד, פּילקע, סיי פון אירע קאַפּריזן און סיי פון... עפּעס אין איר האָט זיך ווי איבערגעהאַקט און דערוואָרגן אין שלונג די ווערטער, וואָס זי האָט אים געוואָלט זאָגן.

זיין פּנים איז געוואָרן דורכלויכטיק גרין ווי אַ גאַל און ווי זי וואָלט זיך פּלוצים אויסגעגאָסן. ער האָט אָבער דערשטיקט אין זיך דעם כעס און שמייכלענדיק געענטפערט:

— ווען דו וועסט צו איר האָבן מער געדולד, וועט די קליינע נישט זיין אומדערטרעגלעך! דו שפּילסט אויף אירע שוואַכע נערוון.

ער האָט אַ ווײַלע געשוויגן, באַלד צוגעגעבן בײסיק און אַ פּאָכע־געטון מיט אַ האַנט:

— זײ נישט אײנע פון די אומגליקלעכע מאַמעס און דײַן קראַנק קינד וועט נישט זײַן אומגליקלעך נעבן דיר.

גיהנומדיקע פונקען האָבן אַ שפּריץ־געטון פון אירע כמעט װײַנענדיקע אויגן.

דאַן האָט ער זיך האַסטיק אויסגעדרייט מיטן רוקן צו איר און איז אַרויס פון זאַל. די צווײ פּאָלעס פון שלאָפראָק זענען אים פאַרלאָפן דעם וועג, אײַנאײנעם מיטן ווײַבס קללות און זיפצן.

פילקע איז געווען אַן אַקסנהענדלער און צוגעשטעלט פלײש צו אַן ענגלישער פירמע. צוליב זײַנע געשעפטן איז ער דרײ וואָכן אין חודש געווען אונטערוועגס. ווען ער איז געווען אין דער הײם, האָט ער זיך אָפּ־געגעבן מיטן קראַנקן קינד, זי אַוועקגעפירט צום ים און אויך באַזוכט פּאַרקן און שפּיל־פּלעצער פאַר קינדער. אין די אויפדערנאַכטן האָט ער ליב גע־האָט צו באַזוכן קאָנצערטן און אויך די בעסטע אָפּערעס.

מאַרטאַן האָט ער אָנפּאַרטרויט די פאַרדינסטן און די גאַנצע באַלע־באַטישקייט. ער האָט געהאַלטן, אַז דאָס ווײַב איז פּראָסט און אומגע־בילדעט און ס'איז פאַר אים נישט שײן זי מיטצונעמען אין דער געזעל־שאַפט פון בעסערע מענטשן. ער האָט אין זינען געהאַט, אַז זײַן פּרעסטיזש ווי אַן ערלעכער פאַמיליע־מאַן זאָל נישט געמינערט ווערן. ער האָט דעם אײנציקן זון אַרײַנגעגעבן אין אַ רעליגיעזער שולע און אויך געשטרעבט, אַז די טאָכטער זאָל אויסוואַקסן אַ געבילדעטער מענטש. פון אונטערוועגס האָט ער געשיקט צו די קינדער לאַנגע בריוו, פולע מיט משלים פון דער ביבל און פון אַנדערע קלוגע געלערנטע מענטשן. דעם זון האָט ער צוגע־שיקט קלײנע סומעס געלט. אַזוי אַרום איז ער געבליבן צופרידן מיט זיך אַלײן און מיט זײַן געוויסן און דער עיקר — אַ געזיכערטער מיט דער גוטער מײנונג פון זײַנע נאָענטע.

פילקע האָט אָבער נישט געקאָנט געווינען זײַן אײנציקן זונס ליבע. ער האָט געוווּסט, אַז דער זון איז געראָטן אין זײַן מאַמען; ער האָט זיך אויך געמאַכט נישט ווויסנדיק, וואָס אַזוינס ס'איז פאַרגעקומען אין שטוב. פילקען האָט וויי־געטון, וואָס דער זון האָט ליבער געהאַט די מאַמען ווי אים און וואָס ער האָט אין האַרצן באַדויערט איר אומצופרידן לעבן.

קוקי, די קראַנקע נײַניאָריקע טאָכטער, האָט געהאַט דעם טאַטנס כאַ־ראַקטער. זי איז געווען דעספּאָטיש און איבערגעטריבן קלוג. דער זון קעגן זײַן אײגענעם ווילן אונטערגעוואָרפן זײַן, דעם טאַטנס, ווילן, צו לער־

האָט זי ליב געהאַט ביז משוגעת. אים האָט ווי געטון, פאַרוואָס דאָס ווייב האָט זיך תמיד באַקלאָגט אויף דער טאַכטערס כאַראַקטער.

ער האָט זיך געפילט געטראָפן און באַליידיקט ווען דאָס ווייב האָט אים פאַרגעוואָרפן זיין נאַכגיביקע באַנעמונג צום קינד. דאַן, אין יענעם אינדערפרי, האָט אין אים געזאָטן דער צאָרן. ער איז אַריין צום קינד אין שלאָפצימער. די קליינע איז אויפגעשפרונגען אין בעט, געפלאַטערט אין לאַנגען, ווייסן נאַכטהעמד און געפּאַטשט מיט די הענטלעך, זיך געצויגן צו אים ווי אַ שמעטערלינג צו דער זון:

— פּאַפּוסי, זיסינקער, איך וואַרט אויף דיר שוין מער ווי צען שעה! פּאַפּי!

ער האָט זי אַריינגענומען אין די אָרעמס און געטריי געקושט אירע אויגן. דאַן האָט ער זיך אויסגעגלייכט און מיט אַן ערנסטער שטים אַ זאָג געטון:

— דער פּאַפּי מוז היינט אַוועקפאָרן! זיי אַ גוט מיידעלע און מאַך נישט קיין סקאַנדאַלן.

צאָרנדיקע פונקען האָבן זיך צעצונדן אין די פיבערן פון אירע גרויסע, שוואַרצע אויגן. רוגז האָט אויפגעציטערט אַרום איר קליין מיילעכל און זי האָט שיעור־שיעור אויסגעבראָכן אין אַ געוויין. זי האָט אים מיטן וויַיז־פינגער געוואָרנט:

איך וועל דיך אויף קיין איין טאָג מער נישט אָפּלאָזן פון מיר! דו הערסט, פּאַפּי, זיסינקער, וואָס איך רעד צו דיר? אויף קיין איין טאָג נישט!

זי איז אַנטשוויגן געוואָרן, האָט איינגעגראָבן איר פּנים אויף זיין ברוסט און אויסגעבראָכן אין אַ געוויין. די שמאָלע, שפּיציקע אַקסלען און יעדער אבר האָבן מיטגעוויינט.

ער האָט געגלעט איר פּלייצע און נישט געוווּסט, וואָס צו טון מיט זיך. ער האָט אויפגעהויבן איר פּנים און אַריינגערעדט אין די פאַרוויינטע אויגן:

— וויין נישט, מיין קינד; טו דאָס פאַר מיינעטוועגן! צוליב דיר פאָר איך דאָך אַרום אַזוי פיל!

— ניין, ניין! — האָט זי זיך צעכליפּעט און געציטערט פון אויפרע־גונג — אַז דו וועסט מיך איבערלאָזן מיט מאַמי, וועל איך נישט איינגעמען די רפואות, וועל איך נישט עסן גוט און אויך נישט טרינקען קיין מילך.

אומעט האָט זיך אָפּגעזעצט אין דער טיפקייט פון זיינע בליקן; ער האָט געזען די רויטע, קרענקלעכע פלעקן, וואָס האָבן זיך אָנגעצונדן אין אירע שמאָלע, געלע בעקלעך; איז ער בלייך געוואָרן און נאָכגעגעבן:

— גוט, וועל איך נישט פאָרן...

די קליינע האָט זיך אַ ביסעלע איינגעשטילט און צוגעגעבן מיט אַ מינע פון אַ דערוואַקסענער:

— פּאַפּי, נעם מיך מיט אויף דיינע רייזעס, וועל איך דיך אָפּהיטן; דו זעסט אויס אַזוי שלעכט, פּאַפּוסי! — און זי האָט ווידער פאַרוואָרפן די הענטלעך אַרום זיין האַלדז.

ער האָט אַרויסגענומען אַ בייטעלע מיט געלט פון נאַכט־שאַפּקעלע און האָט עס איר אַריינגעשטופּט אין די הענטלעך, צוגעבנדיק מיט געבעט, מיט מאַנונג:

— נעם, מיין קינד, קויף דיר שפּילצייג און נאַשערייען. ווען איך וועל צוריקקומען, וועל איך דיר ערשט קויפן פון שענסטן און פון בעסטן.

גוטסקייט און געטריישאַפט איז געווען אין זיין שטים.

זי האָט נישט נאָכגעגעבן און געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין. צעריי־צונג האָט געשרפּעט אין די טיפע אָפּגרונטן פון אירע אויגן. זי האָט אַ וואָרף געטון דאָס בייטעלע אויפן דיל און ווידער אויסגעבראָכן אין יללה:

— איך וויל נישט קיין געלט און וויל נישט קיין שפּילצייג! מיט דיר וויל איך פאָרן, מיט דיר!

אויף אירע געוואַלדן איז געקומען צולויפן מאַרטאַ. זי האָט דעם מאַן צוגעוואָרפן אַ שטעכיקן בליק און אַ געשריי געטון צו אים:

— דו מאַכסט פון איר אַ תל! דו פאָרסט דיר וווהין דו ווילסט און מיט וועמען דיין האַרץ גלוסט... און איך מוז דאָ בלייבן אין דעם דאָזיקן גיהנום.

די האַרטקייט פון איר שטים האָט געווירקט. קוקי האָט אויפגעהערט צו וויינען, פאַרברעכנדיק די פינגער פון די הענט האָט זי זיך אבלדיק צעהוידעט אַהין און צוריק:

— מאַמי, מאַמעלע, איך וויל פאָרן מיטן פּאַפּי; זע, אַז ער זאָל מיך מיטנעמען!

— מיטן גרעסטן פאַרגעניגן! — האָט מאַרטאַ ביטער געשמייכלט — זאָל דיין טאַטע אויך אַמאָל וויסן וואָס גוט איז, זאָל ער!... — האָט זי גע־רעדט און אים ווידער דורכגענומען מיט אַ בייזן בליק.

דאַן פילקע האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן זוים פון בעט און האָט אָנ־געהויבן אָנצוטון די קליינע. זי איז געווען אָנגעבלאָזן און ברוגז, אַלע מאָל אַראָפּגעשלונגען עטלעכע זיפצלעך, צוגעוואָרפן צו דער מאַמען אַ האַרטן בליק און אים באַלד אָנגעשטעלט אויפן טאַטן, פול מיט געבעט און מיט דערשלאָגנקייט.

אַ געפּרעסטע שטילקייט האָט זיך אָפּגעזעצט אַרום זיי, אַ פולע מיט דערשטיקטן צאָרן. פון די טונקל־רויטע ווענט פון דינעם, ראָזעווען טיול

איבערן שניי־ווייסן, ברייטן בעט, פון די צעצווייגטע צווייגלעך ווייסן צווית הינטערן אָפענעם פענצטער, פון קוקיס ברוגזן פנים און פון יעדן ווינקל האָט געווייעט מיט אומבאַשטימטקייט.

אין מאַרטאַן האָט עס גערודערט ווי אין אַ קאָכיקן קעסל. האָט זי זיך אויסגעדרייט און איז אַרויסגעלאָפן פון שלאָפצימער. זי איז אַריין אין דער קיך און האָט אָנגעהויבן צוגרייטן דאָס אָנבייסן. אין דעם איז צוגעקומען צו דער טיר פון דער קיך סוסי, מאַרטאָס פלימעניצע, אַ מיידל פון אַ יאָר צוואָנציק, אַ הויכע און אַ שלאַנקע מיט אַ יונגן, צעצווייגטן בוזים און מיט גרויסע, זשעדנע גרינע אויגן. זי האָט איר אַ קוש געטון אין דער רעכטער באַק און זיך אָנגערופן מיט אַ שטיל, זיס קול:

— וואָס טוסטו עפּעס, מאַרטיטאַ?

מאַרטאַ האָט פאַרביסן געשוויגן; פינצטערקייט האָט זיך געהאַמערט אַרום אירע האַרטע קינבאַקן. זי האָט דערפילט דעם יונגן ריח פון סוסיס שמעקנדיקע גלידער און דעם דופט פון איידעלן פאַרפיום, וואָס האָט זיך כישופדיק געטראָגן פון אירע קויל־שוואַרצע, לאַנגע געלאָקטע האָר. מאַרטאַ האָט מער געפילט ווי געזען, אַז פון זוים פון איר ראָזע־זיידן קלייד האָט געווייעט מיט מיידלשער פאַרשייטקייט און מיט חוצפּה. סוסי האָט געשיינט ווי די זון; זי האָט געלויכטן און געשמעקט ווי אַ צעבליטער פרילינג אין פאַרגלייך צו אַ גרויען, רעגנדיקן האַרבסט.

סוסי האָט פאַרצויגן אַן אומשולדיק שמייכעלע אויף איר קיילעכדיק, כמעט קינדיש פנימל און ווידער איבערגעריסן די שטילקייט:

— וואָס מאַכט די קליינע און וואָס מאַכט דאָן פּילקע? ער איז נאָך נישט אַוועקגעפאָרן?

אַנטשוויגן געוואָרן און זיך אַ דריי געטון אויף די הויכע, אויסגע־הוילטע קנאַפּלעך פון אירע ראָזע זיידענע שיכלעך.

מאַרטאַ האָט אַראָפּגעבויגן דעם פאַרשעמטן קאָפּ און איינגעשטאָכן די בליקן אין דער שוואַרצקייט פון אונטער אירע גראָבע נעגל.

סוסי האָט צוגעגעבן:

— מאַרטיטאַ, אפשר דאַרף איך דיר צוהעלפן מאַכן די פּעקלעך?

— מיין מאַן וועט מיר העלפן, — האָט זי פאַרדראָסיק געזאָגט — מיר האָבן אַרויסגענומען אַ חתונה־ביכל... ער מוז מיר העלפן! ער מוז!...

— זאָל זיין אַזוי! — האָט סוסי געענטפערט, זיך אויסגעדרייט און איז שווייגנדיק אַרויסגעגאַנגען פון הייפל.

מאַרטאַ האָט איר נאָכגעקוקט מיט צעצונדענע בליקן, פולע מיט פאַר־אַכטונג און בייזן איינפאַל, זי האָט זיי אינסטינקטיוו אַריבערגעטראָגן צום האַקמעסער אויף דער וואַנט. איר שווערלייביקער גוף האָט אַ ציטער־

געטון. די שטים פון באַליידיקטן מענטש אין איר האָט איר אונטערגעזאָגט:

דאָס דאָזיקע האַקמעסער וועט מאַכן אַ סוף צום מאַנס און צו סוסיס לעבן! איך וועל דאָס האַקמעסער מיטנעמען אין דער נייער וווינונג. איך וועל...

זי האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן דעם דאָזיקן נקמה־געדאַנק און זיך געפּרוווט טרייסטן מיטן תירוץ, אַז נאָר דער מאַן וועט זיין שולדיק... ער פירט זי צו ווערן אַ מערדערן!...

זי האָט אָנגעהויבן רייניקן די גרינסן און אַ טיפער אומעט האָט אָן רחמנות געגנאָגט און געזויגן דאָס בלוט פון איר באַליידיקט האַרץ. טיף אין דער נשמה האָט זי זיך אַליין באַשולדיקט פאַר אירע צרות; זי האָט געפילט, אַז דער גרעסטער שונא וואָלט איר נישט געקענט אַזויפיל וויי־טון און צעברעכן איר לעבן, ווי זי אַליין האָט זיך וויי־געטון און זיך צעבראָכן.

זי האָט אָבער קיין כוח נישט געהאַט אָפּצושטעלן דעם צעלאָזענעם מאַן; אין איר האָט זיך אָנגעזאַמלט אָן אַ שיעור טרערן מיט בייזע קללות און ס'איז אין איר אויפגעקומען דאָס געפיל פון נקמה.

מאַרטאַ האָט דערצויגן סוסין, די פלימעניצע. אירע טאַטע־מאַמע זענען יונג געשטאָרבן און זי האָט זיי צוגעזאָגט צו דערציִען זייער איינציק מיידעלע. זי האָט איר וואָרט געהאַלטן. אָבער ווען סוסי איז אַלט געוואָרן פערצן יאָר, איז זי שוין געוועזן דאַן פילקעס געליבטע. מאַרטאַ האָט געהאַט אַ סך מומעס, אַלטע, פאַרזעסענע מוידן, און פעטערס פון דער מאַמעס צד, רייכע גוטבאַזיצערס, יחסנים, וועלכע האָבן געהערשט איבער די אָרעמע קרובים. אויך אירע טאַטע־מאַמע האָבן געהערשט איבער איר ווילן. זי האָט זיך נישט געטאָרט באַקלאָגן אויף דעם מאַנס אויפפירונג. קיינער פון איר משפחה האָט נישט געגלויבט, ווען זי האָט זיי בסוד דערציילט, אַז דער מאַן האָט געלעבט מיט דער קליינער פלימעניצע. זיי האָבן אים ליב געהאַט סיי פאַר זיין ערנסטקייט און נאָך מער צוליב זיין פרומקייט. האָט זי זיך געפילט אומבאַהאָלפן קעגן אַזוי פיל מענטשן און דער צאָרן אין איר האָט געברענט און זי געטריבן צו פאַרצווייפלונג.

קאַפּיטל דריי

דעם אַנדערן אינדערפרי איז געווען דער זונטיקדיקער מאַרק־טאָג. אויפן וועג אַנטקעגן יהודיתעס גאָרטן זענען געשטאַנען אַזוי ווי אין צוויי האַלבריינגען גרויסע שטעלן באַלייגטע מיט אַלערליי גרינצייג, מיט עפּל און מיט באַרן, ווייסע רעטעכער און קאַרטאָפליעס. אויף אייזערנע שטאַנגען

נעבן די שטעלן זענען געהאנגען שווערע צעפערטלט אָקסן, אויך פערטלען פון יונגע קעלבער, גאַנצע שעפעלעך און יונגע ציגעלעך האָבן זיך גע־שאָקלט אויף די האקנס. רויטע שטיקער זון האָבן געציטערט איבער דעם פאַרגליווערטן בלוט פון די געשאָכטענע בהמות און דאָס קילע ווינטל האָט זיך לאַכנדיק געשפּילט מיט די צעשויבערטע גריוועס צווישן די פערדישע, געשפּיצטע אויערן.

פּופּיק, אַ נידעריק, בייכלדיק ייִדל מיט אַ לאַנגן, ווייסן פאַרטעך ביז צו די שפּיצן פון זיינע שיך, איז געשטאַנען לעבן אַ קויש מיט ייִדישע גע־בעקס און מיט אַ קליין בעזימל געטריבן די פליגן פון קויש און גערופן קונים, געשריִען מיט אַלע כוחות: קויפט קאָרענעם לעקעך! קויפט זיסע פּורים־קוילעטשן, פרישינקע אייערקיכלעך און וואָרעמע ציבעלע־פּלעצלעך! קויפט, ווייבעלעך, כאַפּט אַ מציאה, ווייל עס זענען נאָך יונגע!...

יהודית איז אַרויסגעלאָפן פון גאָרטן, געקויפט ביי אים אַ שוואַרץ ברויט און איז איילנדיק ווידער אַהיימגעלאָפן:

— מאָרגן, דאָן פּופּיק, וועל איך אייך באַצאָלן — האָט זי אַ געשריי־געטון פון ווייטנס.

ער האָט איר נאָכגעפּאָכעט מיטן בעזימל און דאָס גוידערל אונטער זיין גאָמבעלע האָט זיך שמייכלענדיק געטרייסלט:

— ייִדישע, קערוין, יאָך האָב פּאַר ענק אַזוינס ווי אַזעלכעס! אָסער, צי עס האָט שוין אַזעלכעס געזען!

זי האָט אַ שמייכל־געטון און איז איילנדיק אַריינגעלאָפן אין גאָרטן. אויפגערוימטקייט האָט גערוט אויף איר פּנים און אויך טיפע פרייד. אין איר איז געבליבן שטעקן גינערס צאַרטע שטים אינאיינעם מיט די ווער־טער: „די טעג, כודיט, וועל איך דאָ ווידער זיין, אייער גאָרטן איז ווונ־דערלעך“.

זי איז אַוועק אין שטיבל און האָט אויפגערוימט. אַלץ אין איר האָט אויפגעלעבט. דער קליינער, כמעט קינדישער קערפּער האָט זיך רירעוודיק געטראָגן פון איין אָרט צום אַנדערן און אירע אויגן האָבן געשיינט מיט אַ מאָדנעם גלאַנץ. אין דעם האָט זי דערהערט דאָס קלינגען פון דער טיר־קנאָפּקע. זי איז אַרויסגעלאָפן און דערזען איר נייע שכנה מיטן קינד. אַ גרויסער לאַסט־אויטאָ איז געשטאַנען ביים טראָטואַר. יהודית האָט איר דערלאַנגט די האַנט און געשמייכלט:

— דאָס זענט איר, סעניאָראַ מאַרטאַ?

מאַרטאַ האָט אָנגעשטעלט אויף איר דאָס כמורנע פּנים און געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ.

יהודית האָט אַ פאַרלוירענעם שמייכל געטון און געפילט, אַז אַן אומ־היימלעך ווינטעלע האָט זיך צעבלאָזן אונטער איר האַרץ־גריבל און אַרויס־געוואָרפן אַ געפיל פון חרטה אויפן אַריינלאָזן די דאָזיקע שכנה.

אויך מאַרטאַ האָט אינסטינקטיוו מורא באַקומען פאַר יהודיתן. דאַן איז דער כעס צו איר מאַן געוואָרן נאָך שטאַרקער; זי איז שוין געווען גרייט צו פאָרן צוריק אַהיים. נאָר קוקי איז געבליבן רויק. זי האָט געהאַלטן אָנ־געשטעלט די שוואַרצע אָפּגרונטן פון אירע אויגן אויף יהודיתן און גע־שמייכלט. דעם קינדס צוטרוי צו יהודיתן האָט געווירקט אויף דער מאַמעס געמיט און זי האָט באַשטימט בלייבן.

יהודית איז צוגעגאַנגען צום לאַסט־אויטאָ און געהאָלפן מאַרטאַן אַראָפּ־נעמען אַ גרויסן, וואַלענעם מאַטראַץ. דער אויטאָ איז געווען פול מיט אַלטע שטיקער מעבל, מיט בינטלעך און פעקלעך, קישנס, קישעלעך און קליידער.

גומערסינדאָ, אַן אַרבעטער אין דער שכנותדיקער פאַבריק, איז צוגע־לאָפן און אַרויסגעריסן דעם מאַטראַץ פון זייערע הענט, אים אַריינגעטראָגן אין צימער און איז באַלד צוריקגעלאָפן העלפן אָפּלאָדן די זאַכן פון אויטאָ און זיי אַריינגעטראָגן אין צימער. נאָכן אויפשטעלן די בעטלעך האָט ער זיך אויסגעגלייכט, זיך אַוועקגעשטעלט אַנטקעגן מאַרטאַן און געזאָגט:

— פרויען טאָרן נישט טון קיין שווערע אַרבעט; ס׳מאַכט זיי שלעכט, זיס הערצעלע מיינס.

זי האָט געהאַלטן אָנגעשטעלט אויף אים אירע חושכדיקע בליקן און אומעטיק צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. דער כעס צום מאַן איז געוואָרן שטילער און אַ מאָדנע ווייכקייט איז אויפגעגאַנגען אין איר.

גומערסינדאָ איז געווען אַ מאַן פון אַ יאָר דרייסיק, אַ נידעריקער, מיט אַ פירקאַנטיקער פלייצע און צוויי צענומענע אַקסלען ווי פון אַ טרעגער. זיינע בלאָנדע אויף אַרויף פאַרדרייטע וואָנצעלעך, דאָס פולע, ווייסלעכע פנים, די גרויסע לעבעדיקע אויגן, זיין גאַנץ לייב און לעבן האָבן זיך איינ־געגעסן אין מאַרטאַן. ער האָט אַ רייב־געטון אַ האַנט אָן אַ האַנט און זיך ווידער אָנגערופן:

— נישטאָ, זיס הערצעלע, פאַרוואָס צו זיין טרויעריק. יעדער מענטש האָט זיך זיין גורל און זיין שטערן.

זי האָט אַרויסגעפילט רחמנות פון זיין שטים און אַן איבערמענטשלעכע גוטסקייט. אויך קוקי האָט אַרויסגעפילט די גוטסקייט זיינע און האָט זיך אָנגערופן:

— מאַמי, מאַמי, גיי אַרויס אין מאַרק און קויף פלייש אויף אַן „אַסאַדאָ״. וועלן מיר פאַרבעטן צום מיטאָג דעם סעניאָר. ער איז אַ גוטער! גומערסינדאָ האָט אָנגעכאַפּט אירע הענטלעך און זיי אָנגעהויבן צו

קושן. באַלד האָט ער זיך אויסגעגלייכט און ווי אַ וויכער אַרויס פון צימער. מאַמע און טאַכטער האָבן אים נאָכגעקוקט און געשמייכלט. מאַרטאַ איז אַריינגעגאַנגען אין קיכל און האָט געמאַכט פייער אויף אַ קליין, אייזערן גריפקעלע. קוקי האָט זיך אַוועקגעשטעלט אין אָפענעם פענצטער און נייגעריק נאָכגעקוקט די ווייבער, וועלכע האָבן געטראָגן פולע טאַרבעס פון מאַרק. גומערסינדאָ איז גיך צוריקגעקומען און מיטגעבראַכט אַ פולן קויש מיט פרוכטן און מיט גרינוואַרג. פלייש אויף אַן „אַסאַדאָ" און צוויי פלעשער וויין. אַוועקגעשטעלט דעם קויש אין אַ ווינקל פון צימער, האָט ער זיך אַרומגעקוקט אין אַלע ווינקעלעך און פריילעך געהויבן מיט די אַקסלען:

— איך וועל דאָ אַריינברענגען אַ ביסל אָרדענונג. אַ פרוי איז אַ שוואַכע באַשעפעניש — האָט ער אַ זאָג־געטון מיט באַדייטונג — און דער מאַנסביל מוז זי אָפּהיטן, אויב ער וויל האָבן אַ געשמאַקע „זיעלע".

מאַרטאַ איז אַריינגעקומען אין צימער, געבראַכט דעם קינד ברויט מיט פוטער. גומערסינדאָ האָט זיך געווענדט צו איר, געפירט פאַר זיך מיט די הענט און געשמייכלט.

— ווי אַזוי איז אייער נאָמען?

— מאַרטאַ! און מיין טאָכטערס — קוקיטאַ! — האָט זי שטיל, דערשראָקן און אַריינגעקורטשעט אין זיך געזאָגט.

— גוט, מאַרטיטאַ — האָבן זיך זיינע צוויי וואָנצעלעך אַ באַוועג געטון אַהין און צוריק און די טיפע גריבער און קיילעכדיקע, ווייבערישע באַקן זענען געוואָרן נאָך טיפער און פולע מיט פרייד:

— מאַרטיטאַ, היינט וועלן מיר עסן אַ מיטאָג אַ גאָר גרויסאַרטיקן!

ער האָט זיך אַ ציפּ־געטון דעם שפּיץ פון אַ וואָנצע, געכאַפּט דעם קויש און אים אַריינגעטראָגן אין קיך. מאַמע און טאָכטער האָבן זיך שוויגנדיק אָנגעקוקט און געשמייכלט. ביי זיי איז אויסגעקומען, אַז גומערסינדאָ האָט אַ ווייבערישע נשמה און ער איז נייגעריקער ווי אַ פרוי.

באַלד איז גומערסינדאָ צוריקגעקומען און זיך געווענדט צו מאַרטאַן אין אַ היימישן טאָן:

— מאַרטיטאַ, יעדער שטערבלעכער איז פאַרפליכטעט צו העלפן אַ שוואַכערן פון זיך, נישט אַזוי, זיס הערצעלע מיינס? פאַרוואָס זענט איר אַזוי שווייגנדיק?

זי האָט געזען זיינע געזונטע צוויי מענערישע הענט און די ברייטע, מיט האָר־באַוואַקסענע ברוסט, וואָס האָט זיך אַרויסגעריסן פון אַן אַרבלדיק לייבל. עפּעס אין איר האָט אַ ציפּ־געטון און אירע בליקן זענען פייכט געוואָרן. גומערסינדאָ האָט זיך געווענדט צו קוקין:

— דיך װעל איך אַלע טאָג פירן שפּאַצירן. דו זעסט אויס צו זײַן אַ שװאַכינקע, אָרעמינקע, אָרעמע.

קוקי האָט אים געענטפערט אין אַ טרויעריקן טאָן און געפירט פאַר זיך מיט די הענטלעך:

— מאַמי האָט נישט געוואָלט אַרויספאָרן אָן מײַן פאַפּי. מאַמי זאָגט, אַז אַלע מענטשן זענען שלעכט און אומרחמנותדיק. איז דאָס טאַקע אַזוי? איך פאַרשטיי גאָרנישט, — האָט זי קינדיש געשמייכלט און געהויבן מיט די אַקסלען.

גומערסינדאָ האָט זיך צעלאַכט און די װײַסע, געזונטע ציין און די צװיי שטאַרקע ברוסטן האָבן מיטגעלאַכט.

— יעדער מענטש, זיס הערצעלע מײַנס, האָט זיך זײַן גורל און זײַן מזל. איך װעל זײַן אײַער פרײַנט! יעדער מענטש מוז האָבן כאָטש איין גוטן פרײַנט.

יהודית איז אַרײַנגעקומען אין צימער. גומערסינדאָ האָט גלײַך באַמערקט דעם ערנסט פון איר פּנים און איז אנטשוויגן געוואָרן. זי האָט זיך אָנגערופן:

— מאַרטאַ, אפשר נויטיקט איר זיך אין עפּעס? אפשר געפּעס אָדער אַ טאָװעלע?

— און װוּ איז פּעטער גומערסינדאָ? — האָט ער זיך אַרײַנגעשטעלט צװישן איר און מאַרטאַן, זיך אַ קלאַפּ געטון אין דער ברוסט און צוגעגעבן:
— יעדע פרוי נויטיקט זיך אין דער הילף פון אַ זכר.

יהודית האָט אומהיימלעך געשמייכלט, זיך אויסגעדרייט, איז אַרויס פון צימער און אַוועק צווישן די בלומען. אַ מאָדנער אומרו איז אויפגעגאַנגען אין איר. זי האָט גוט געקאָנט גומערסינדאָן. ער האָט געאַרבעט אין דער פאַבריק ביי אַ רײַכן לאַנדסמאַן. אין געסל האָבן אַלע געוווּסט, אַז גומערסינדאָ האָט געהאַט אַ שוואַכקייט צו חתונה־געהאַטע ווײַבער. און קוים האָט ער זיך פאַרליבט, איז ער שיכור געוואָרן פון גליק. ער האָט זיך געשלאָגן מיט די מענער פון זײַנע געליבטע און איז גרייט געווען אויף די גרעסטע קרבנות.

אין יהודיתן האָט זיך צעשרײַען אַ געפיל פון וואָרענונג. זי האָט זיך אויסגעדרייט און דערזען מאַרטאַן מיט גומערסינדאָן, ווי זיי רעדן עפּעס צווישן זיך. זי האָט אויפגעכאַפּט אייניקע, אָפּגעהאַקטע ווערטער פון זייער שמועס.

— די דאָזיקע פרוי געפעלט מיר נישט. זי זעט אויס צו זײַן אַ ייִדישקע... — האָט זי געהערט מאַרטאַס רייד.

— זי איז אַ מילדע באַשעפעניש — האָט גומערסינדאָ געלאַכט. — זי דרייט זיך דאָ אַרום ווי אַ קראַנקער פויגל און פאַר אונדז ווערט דאָס זיין אַ סך בעסער, — האָט ער ווויליונגעריש געפינטלט מיט אַן אויג־ווינקל און סודותפול צוגעגעבן: — די געזונטע מענטשן זענען פאַרדאָרבן... זיין האָבן נישט קיין מיטגעפיל צו קיינעם...

מאַרטאַ האָט ברוגז פאַרצויגן די ברעמען:

— איך האָב זיי פיינט, די ייִדן! זיי זענען שלעכטע און קענען נישט מיטפילן... זיי האָבן אומגעבראַכט אונדזער גאָט...

— נישט אמת — האָט זי קוקי געוואָרנט מיטן פינגער. — פאַר־וואָס האָסטו ליב אונדזער קוזין, דעם דאָקטאָר נאַטאַליאָ? איז ער דען נישט קיין ייִד?

— אָט האָסטו דיר אַ פאַרגלייך! יענער איז אַן אמתדיקער קריסט! — האָט זי אויסגערופן מיט שטאָלץ — דערפאַר איז ער דאָך אַוועק פון די זייעריקע! נאַטאַליאָ איז אַ מלאך.

— אַז איך וועל ווערן גרויס — האָט קוקי צוגעגעבן — וועל איך נעמען פאַר אַ מאַן אַזאַ איינעם ווי מיין קוזין, אַ ייִדישן דאָקטאָר.

די קליינע איז אַנטשוויגן געוואָרן און אַ פאַרשעמטער שמייכל האָט זיך אָפּגעזעצט אַרום איר מויל.

יהודיתן איז קאַלט געוואָרן פון שרעק. זי איז אַריין אין צימערל און זיך גענומען צו דער אַרבעט. אָבער די אומרויִקייט האָט זי מער נישט פאַרלאָזט. דער נאָמען נאַטאַליאָ האָט זיך צעשרײַען אין איר בלוט, אינאיינעם מיט אַ געפיל פון בענקשאַפט נאָך אים.

שפּעטער זענען מאַמע און טאָכטער מיט גומערסינדאָן געזעסן אויפן גראָז נעבן קיכל און געטרונקען אַ מאַטע. דאָן פופיק האָט זיך אַריינגע־שטעלט אין גאָרטן און געטראָגן פאַר זיך דעם אויסגעליידיקטן קויש. ער האָט אַ קוועטש־געטון מיטן רעכטן אויגווינקל צו גומערסינדאָן און זיך צעבייכלט, שטעלנדיק זיך אויף די שפּיצן פון די פינגער:

— ס'זאָל דיר זיין מיט מזל, גראָבינקער...

און ער האָט זיך צוגעבייכלט צו יהודיתעס שטיבל און אויסגערופן:

— ייִדישע האַרעץ, גייען זיי אַהער! יאַך ברויך ענק!

יהודית האָט אַוועקגעלייגט די אַרבעט פון די הענט און איז צו אים אַרויסגעקומען:

— וואָס ווילט איר, דאָן פופיק? — איר שטום איז געווען אומעטיק און מיד.

ער האָט זי אָפּגעגאָסן מיט די וואַרעמע שמייכעלעך פון אונטער די גוידערלעך און ווידער פאַרצויגן דאָס רעכטע אויגווינקל:

— זייַ נישט בייז, ייִדישע קערוין, נישט וועגן „יענעמע" בין יאַך געקומען, ניש, ווי יאַך בין אַ ייִד! — האָט ער זיך אַ שטעל־געטון אַנטקעגן איר און געשמייכלט.

זיין נעבעכדיקייט האָט אַרויסגערופן איר געלעכטער. ער האָט גע־פּאַכעט מיט זיין האַנט פאַר איר פּנים און אַ זאָג־געטון:

— ייִדישע האַריץ, געבן זי מיאַ אַ ביסעלע שיינע רייזעלעך. היינט איז מאַ געטשקעס געבורטסטאָג, ביז הונדערט מיט צוואַנציק יאָע.

זי האָט אָנגעריסן עטלעכע בלימעלעך און זיי אַריינגעלייגט אין זיין קיישל.

ער האָט זיך ווידער אַ שטעל־געטון אויף די שפּיצן פון די שיך און געמאַכט אַ נעבעכדיקע מינע.

— ייִדישע קערוין, יאַך וויל ניש, עץ זאָלט אָוועקטראָגן מאַ לייזעכץ, מאַ קעשין גאַיט דאַך אויס פאַר ענק. אויף וואָס נאַך וואַרטן זי?...

— פּופּיק! — האָט זי אים געוואָרנט מיטן פינגער — הערט אויף צו דרייען אַ קאָפּ! טראָגט איך אָפּ פון דאַנען! גיכער, גיכער!

ער האָט אַרויסגעפּילט איר געמיט און איז געוואָרן דרייסטער:

— ייִדישע קערוין, היינט שיינט עץ ווי די זון אין תמוז. ייִדישע קע־רוין, וואָס האָט עפּעס גוטעס געטראָפן?... עץ שיינט, קאַ ביין אויג.

זי האָט אים אָנגענומען פאַר די אַקסלען און האָט אים אַוועקגעפירט פון שטיבל:

— טראָגט איך אָפּ פון דאַנען, רב פּופּציק, לויפט, איידער עס ווערט צו שפּעט!...

דעם דאָזיקן צונאָמען, פּופּיק, האָט זי אים געגעבן, ווייל ווען ער האָט גערעדט און נישט געפונען קיין ווערטער אַרויסצובערענגען זיינע געדאַנקען, האָט ער זיך צופּיל געביכלט און זיך געדרייט אויף די קנאַפּלען פון זיינע צעדרייטע שיך. ער איז נישט געווען בייז, וואָס זי האָט אים געקרוינט מיט דעם צונאָמען. ער האָט זיך נאָר געפּילט היימישער מיט איר און אין די מאַרקטעג פלעגט ער צו איר קומען בעטן אַ ביסל בלומען און תמיד מיטן אויסרייד, אַז ס'איז זיין ווייבס געבורטסטאָג. יהודית האָט אים דעם דאָ־זיקן קליינעם שקר לייכט פאַרגעבן. זי האָט געוווּסט, אַז פּופּיק האָט ליב זיין ייִדענע און ער וויל אויסנעמען ביי איר מיט די בלימעלעך, וואָס ער האָט איר אַלע וואָך געבראַכט.

ווען ער איז געבליבן שטיין פון יענער זייט טיר און געהאַלטן אויף איר אַ באַליידיקט פּנים, האָט זי אים צוגעפּאַכעט מיט אַ האַנט און גע־מורמלט.

— גייט, גייט! היינט וועט שוין זיין אַ טאָג פון אַנשיקעניש. איך וועל שוין היינט נישט קענען אַרבעטן — זיך אויסגעדרייט און צוריקגעגאַנגען אין שטיבל.

גינערס שמייכל איז ווידער אויפגעגאַנגען אַרום איר און אויפן האַרץ איז איר געוואָרן אַזוי לייכט און זאָרגלאָז ווי קיינמאָל ביז דעמאָלט. זי האָט זיך נישט געגריבלט און האָט נישט געוואָלט וויסן, וואָס דאָס געפיל האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט. איין זאַך איז איר קלאָר געוואָרן: אין די ווינקלען פון איר קליין שטיבעלע האָט זיך באַזעצט אַ געוואַלטיקע מנוחה און די דאָזיקע מנוחה האָט איינגעוועבט איר געמיט ווי אין ראָזע שלייערן. איר איז גוט געווען צו פילן אויף זיך די לייכטקייט פון דעם שלייער. אָבער נאַטאַליאָס נאָמען האָט זיך ווי אַ שאָטן ווידער אַוועקגעשטעלט צווישן איר און גינערן און פאַרשטערט איר פרייד.

אין דעם האָט זי געזען, ווי דער פאַרהאַנג איבערן טירל האָט זיך לייכט באַוועגט. זי איז געווען זיכער, אַז גינער איז געקומען. האָט זי אויפגעהויבן דעם פאַרהאַנג און דערזען איר לאַנדסמאַן, דעם סעניאָר קראַכמעל, וואָס איז אויך געווען דער באַלעבאָס פון איר וווינונג. איר בליק איז ברייטער געוואָרן, פול מיט אומצופרידנקייט און מיט אומרו. ער האָט זי דורכגענומען מיט אַ טיפן בליק, אַן אומצוטרוילעכן, און אַ דינער שמייכל האָט זיך אויסגעלייגט אַרום זיין מויל. ער איז שווייגנדיק אַריין אין צימערל, אַריינגעצויגן אין זיך דעם שמעקנדיקן ריח פון די בלומען, וואָס זענען געשטאַנען אויפן טישל אין אַ בלומען־טאָפּ. דאַן האָט ער זיך הײמישלעך אַראָפּגעלאָזט אויף דעם זוים פון איר שניי־ווייס בעטל און געהאַלטן אויף איר אָנגעשטעלט זיין פּנים.

יהודית האָט געפילט אויף זיך זיינע בליקן, געפילט, אַז ער איז אייפערזיכטיק און אַז ער זוכט מיט זיינע חושים אויסצוגעפינען, פאַר וועמעס וועגן זי האָט אַוועקגעשטעלט די פרישע, ווייס־בלויע בלומען אויפן טישל. זי האָט אַרויסגענומען פון טיש־קעסטל אייניקע פּאַפּירלעך באַנקנאָטן, זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צו אים און זיי אים דערלאַנגט:

— נאַ דיר דיין דירה־געלט!

ער האָט באַנגיק געשמייכלט און ווי אַן חשק ביי איר צוגענומען דאָס געלט, אַריינגעלייגט אין קעשענע פון ווייסן ספּאָרט־אַנצוג און אָפּגעהאַקט אַ זיפּץ־געטון. זיינע ברוינע, טונקעלע אויגן זענען געוואָרן טיפער און מאָנענדיקער. יהודיתן איז געוואָרן אומהיימלעך. זי האָט זיך שווייגנדיק אַראָפּגעלאָזט אויפן בענקל ביים אַרבעטס־טישל, אַרויסגענומען פון שופלאָד אַ שטיק דינעם באַטיסט און האָט אָנגעהויבן אויסנייען אויף אים אַ רויטע בלום. שטומקייט האָט זיך אָפּגעזעצט אַרום זיי און אַ רוגז. זי האָט פאַרשטאַנען,

אַז דער לאַנדסמאַן האָט זיך אַריינגעכאַפּט אַהער, כדי ווידער אַ רעד צו טאָן מיט איר; ער האָט דערביי אויסגענוצט דעם זונטיקדיקן מאַרקטאָג, כדי צו זיין זיכערער אַז די פּאַרטוענע שכנישע ווייבער אַרום די מאַרק־טישן וועלן אים נישט באַמערקן.

אַזוי פלעגט ער זיך אַריינכאַפּן צו איר כלומרשט מאָגען דירה־געלט אָדער מיט עפּעס אַן אַנדערן אויסרייד, אָבער תמיד האָט זיך זיין וויזיט פאַרענדיקט מיט אַ קריגעריי, ווייל זי האָט אים תמיד אַרויסגעזאָגט איר מיינונג וועגן זיין כאַראַקטער. דאָס מאָל אָבער האָט זי געוואָלט זיין גוט צו דער גאַנצער וועלט, גוט צו איר אייגן געמיט, וואָס האָט זיך אַזוי שטאַרק געניייטיקט אין אַ ביסל פריידן. עס האָט איר מער נישט געאַרט, וואָס דאָן קראָכמעל האָט זיך אויסגעהיט פאַר לייטישע מיילער און וואָס ער האָט זיך אָנגעבונדן אָן איר סיי מיט זיינע טענות און סיי מיט זיינע ליבע־פּרעטענזיעס.

זי האָט באַשטימט צו שוויגן, אים לאָזן רעדן אַזוי לאַנג ביז ער וועט ענדלעך מיד ווערן און ער וועט זיך גיין זיין וועג.

ער האָט אַרויסגעפּילט, אַז אין איר שיינט אַ נייע פרייד, אַ געפּיל, וואָס איז שטאַרקער פון אים און פון אַלץ, וואָס ער קען איר נאָר זאָגן. האָט ער זיך אויפגעהויבן, אַראָפּגעצויגן דעם שטייפן קנייטש פון די ווייסע ספּאָרט־הויזן, איז צוגעגאַנגען צום טישל, אַריינגעקוקט אין אירע האָר און געשמייכלט. אירע פינגער זענען געוואָרן אומרויִקער, זענען אומגע־לאָפן איבערן שטיקל אַרבעט, געשלעפּט דאָס קליינע, דינע נעדעלע. אַזוי אומרויִק איז אויך געוואָרן איר האַרץ. זי האָט פאַרביסן די ליפּן און געשוויגן.

ער האָט די שטילקייט איבערגעריסן:

— יהודיתל, איך וועל דיר אויפבויען אַן ערדישן גן־עדן! איין וואָרט דיינס וועט מיך מאַכן פאַר אַ נייעם מענטש.

זי האָט קאַלט געענטפערט:

— הער אויף צו דרייען אַ קאָפּ! וויפל מאָל דאַרף איך דיר זאָגן, אַז דו שטערסט מיר אין דער אַרבעט?

ער האָט אַרויסגעלאָזט אַ שווערן אָטעם דורך די צעשפּרייטע נאָז־לעכער און זיפצנדיק צוגעגעבן:

— דו ביזט האַרצלאָז און אומדאַנקבאַר... ווייסטו דען נישט, אַז איך בין אומגליקלעך? ווייסטו דען נישט, אַז מיין ווייב האָט מיך קיינמאָל נישט פאַרשטאַנען?

יהודיתן איז שווער געוואָרן אויפן האַרץ. זי האָט אים שוין געוואָלט הייסן גיין, ווי תמיד, ווען ער האָט זיך אָנגעהאָנגען אויף איר מיט זיינע

טענות. זי האָט אָבער געוווּסט, אַז איין וואָרט אירס וועט אים געבן דעם שליסל צו אַ ים מיט ענטפערס און דער סוף וועט זיין, אַז זי וועט זיך אויפרעגן און קראַנק ווערן. זי האָט געטראַכט פאַרביטערט:

— ער איז אַ קליין מענטשעלע. ער מיינט, אַז איך מוז ווערן גליקלעך מיט אים, ווייל ער וויל אַזוי. איך פאַרשטיי אים אַ סך ווינציקער ווי זיין ווייב און ער וויל דאָס נישט זען. וואָס אייגנטלעך בינדט מיך צו אים?? יאָ, איך ווייס, דאָס שטיבל און דער גאָרטן. ווען ער איז נישט קיין רייכער מאַן, ווען איך בין נישט זיין שכנה און ווען איך האָב מיך וווהין אַרויס־צוציִען, וואָלט ער אפשר נישט געהאַט די העזה און נישט געוואָגט צו פאַרלאַנגען פון מיר, אַז איך זאָל קעגן מיין ווילן ווערן זיין געליבטע.

די דאָזיקע געדאַנקען האָבן אויפגעברויזט אין איר דעם צאָרן. זי האָט אויפגעהויבן צו אים דאָס פּנים און בייז געזאָגט:

— אויב דו ביסט טאַקע אַזוי שטאַרק אומגליקלעך, איז דאָ אַן עצה... מען טאַנצט נישט אויף קיין צוויי חתונות... און אַז מען האָט מורא פאַר לייטישע מיילער, ליגט מען איינגעלייגט און מען מאַכט אַ שוויַג!...

דער דינער חוזק אויף איר פּנים און אין איר שטים האָט אים דער־בידעריקט און ער האָט אויף שנעל געענטפערט:

— אַזוי! דו ווילסט, אַז איך זאָל מיך גטן מיט מיין ווייב און חתונה האָבן מיט דיר! הייסט עס, אַז פאַר אַ געזעצלעכן מאַן וואָלסטו מיך יאָ געוואָלט נעמען!...

— זאָל איך אַזוי ריין זיין פון אַזאַ אָנשיקעניש ווי דו ביסט — האָט זיך יהודית געוועדט. — איך קען דאָך דיך דורך און דורך! נו, מיינסטו אַז דו קענסט פאַרנעמען דעם מינדסטן פּלאַץ אין מיין האַרצן? — האָט זי אים געענטפערט, און אים צוגעוואָרפן אַ גלייכגילטיקן בליק און זיך ווידער גענומען צו דער אַרבעט.

דאָן קראָכמעל איז בלייך געוואָרן. שוואַרצע פונקען האָבן געשפּריצט פון זיינע אויגן.

יהודית האָט צאָרנדיק צוגעגעבן:

— ווען דו ביסט אַ ביסל ווינציקער עגאָיִסט און מער מענטשן־קע־נער, וואָלסטו שוין לאַנג אויפגעהערט צו דרייען אַ קאָפּ. מיר זענען לאַנדס־לייט און מיר קענען בלייבן גוטע פריינט, — האָט זי פאַרענדיקט און זיך אויסגעדרייט מיטן רוקן צו אים.

ער האָט זי אָפּגעגאָסן מיט אַ חוזק־בליק, זיך אויסגעדרייט און האַס־טיק אַרויסגעלאָפן. אין אים האָט עס געברויזט און געזאָטן. ער האָט גע־טראַכט:

„פאַר מיין גוטסקייט באַצאָלט זי מיר אַזוי שיין. זי לעבט ווי אַ הונט, די דאָזיקע נאַרישע ציג, און זי וועט פגרן ווי אַ הונט! אָבער מיך וועט זי נישט נאַרן, די „צנועה"... וואָס מאַכט זי זיך אַזוי תמעוואַטע? וואָס איז, איך גיי דען ביי איר צונעמען די „בתולהשאַפט"?...

ער האָט זיך אַ לאָז־געטאָן צו זיין פאַבריק, זיך געשאַרט מיט אַ שטיל, פרום געגנגעלע און שטאַרק מורא געהאַט, אַז שכנהשע ווייבער, וואָס זענען געגאַנגען פון מאַרק, וועלן עפּעס באַמערקן און אים אומזיסט באַרעדן.

שפּעטער אַביסל זענען עטלעכע שכנטעס געשטאַנען אַרום אַ מיסט־קאַסטן נעבן יהודיתעס טיר און זיך געשושקעט:

— מירן צוואַרטן; דער גראָבינקער וועט באַלד אַרויסקומען!

— איר האָט געזען דאָס באַלעבעסל? ער איז נאַר־־וואָס אַרויסגעלאָפן פון איר.

— יאָ, ער איז אַ פאַרטיקער, אַן אָפּגעקאָכטער!

— זי שלעפּט ביי אים אַרויס אַ גרויס פאַרמעגן.

— געהערט זאָגן, אַז זי האָט געבוירן אַ קינד פון דעם דאָן קראָכ־מעל און זי שאַנטאַזשירט אים נעבעך,

— וואָס דען? מען זעט דען נישט, אַז וויפל מאָל ער גייט פון דאָרטן אַרויס, איז ער נעבעך אויס מענטש...

— אָרעמער דאָן קראָכמעלי! וואָס איז ער נעבעך שולדיק, אַז אַ גע־מיינע פרוי האָט אים אַריינגענאַרט...

אין דעם מאָמענט איז גומערסינדאָ אַרויסגעקומען פון גאָרטן און זיך געלאָזט צו דער פאַבריק. די ווייבער זענען אים פאַרלאָפן דעם וועג:

— גראָבינקער, דו האָסט געמאַכט שותפות מיט דיין באַלעבאָס?...

— איז וואָס אַרט עס אייך?

— גראָבינקער, מען זאָגט, אַז דיין באַלעבעסל האָט איר אויסגעבויט אַ שיינע שטוב. מען זאָגט, אַז זי האָט פון אים געבוירן אַ יינגעלע.

גומערסינדאָ האָט געריבן איין האַנט אָן דער אַנדערער און גע־שמייכלט:

— אַ טויזנטער שפּילט ביי אים קיין ראָלע נישט! ס'וואָלט נישט גע־ווען קיין זינד, ווען ער העלפט איר אַרויס מיט אַ ביסל געלט, דעם אָרעמען טייוול.

— גראָבינקער, פאַרוואָס האָסטו נישט חתונה מיט איר? זי געפעלט דיר נישט?...

ער האָט זיך אַ גלעט־געטון דעם רעכטן שולטער און צווידייטיק געשמייכלט:

— זי האָט נישט אָט־אַ־דאָס!... זי איז אַ קראַנקער פויגל! וואָס אַזוינס מיין באַלעבעסעלע האָט אויף איר דערזען, ווייס איך נישט!...

— פאַראַן מענער, וואָס האָבן ליב אַ קאָלעקטיווע שיסל...

אַלע האָבן אויסגעבראָכן אין אַ הילכיק געלעכטער.

זייער לאַכן איז ווי אַ מאָדנער שוואַרצער רויבפויגל אַריינגעפלויגן אין גאָרטן און פון דאָרטן אין יהודיתעס שטיבל. זי האָט געקוקט אַרום זיך מיט מאָדנע אומעטיקע בליקן און ניט באַנומען, פאַרוואָס דער אומעט איז געוואָרן שטאַרקער, שווערער און גרעסן שטיקער פון איר. דאַן האָט זי זיך ווידער דערמאָנט אָן קוקיס רייד וועגן אַ קוזין, אַ דאָקטער נאַטאַליאַ, און דער בייגער האָט זי אויפגעהויבן פון אָרט. זי האָט אַוועקגעלייגט די אַרבעט פון די הענט און איז צוגעגאַנגען צום צימער פון דער נייער שכנה, כדי צו פרעגן, ווער דער דאָקטער איז...

דער פאָרהאַנג איבער דער אָפענער טיר האָט זיך לייכט באַוועגט און אַ שווער שנאָרכן האָט זיך אַרויסגעהערט פון צימער. איז זי געגאַנגען צוריק און דער אומרו און דער וויטיקלעכער עלנט זענען איר נאָכגעגאַנגען ווי ביטערע שאָטנס.

קאַפּיטל פיר

יהודית איז געווען דאָס יינגסטע קינד ביי טאַטע־מאַמע. זי האָט געהאַט פינף עלטערע ברידער און פיר שוועסטער. זיי זענען אַלע געווען ברייטע און צעוואַקסענע, מיט פרייד אין די אָפענע, ריינע בליקן, אויגן פון איינפאַכע דאָרפס־מענטשן, וועלכע זעען נישט דאָס שלעכטע אויף גאָטס וועלט. זיי האָבן אַלע געהאַט אַ געזונטן חוש פאַרן לעבן. דאָס בלוט אין זיי האָט געשוימט און גערייזלט ווי דער וויין אין די פעסער און ווי דאָס בלויע טייכל אונטער דעם טאַטנס מיל. זיי זענען געריטן אויף פערד, געשווומען אין טייך און געאַקערט און געזייט דעם טאַטנס פעלדער.

די שוועסטער און ברידער האָבן גאָר יונג חתונה געהאַט. יעדער פון זיי האָט זיך גענומען זיינס גלייכן: אַרבעטסזאַמע דאָרפישע מיידן און בחורים. זיי האָבן געבראַכט אַ סך קינדער אויף דער וועלט, קינדער ווי די ווייסע, פעטע לעמער. אין די זומערדיקע בלויע נעכט, ווען דער אויסגעשטערנטער הימל האָט גערוט איבערן דאָרף, זענען זיי, גאַנצע משפחות, געשלאָפן אין די קאָרנפעלדער אינצווישן צעבליטן מאַי. אין די בלויע, שמעקנדיקע אינדערפריען, ווען די קיענע מילך האָט געשמעקט מיט איר

זיס־זויערלעכן ריח, האָבן זיי אַליין געמאָלקן די בהמות, אויסגעשלאָגן פּוטער, אָנגעוואַרעמט פּולע, ערדענע טעפּ מיט זויערמילך און געמאַכט קעז.

אויך האָבן די שוועסטער און ברידער געזאָרגט, אַז די יונגע טעלע־צעס און די שאָף מיט די ציגן זאָלן זיך פּאַרמערן. פּונקט ווי זיי, די ווייבער, האָבן זיך געגרויסט מיט זייער פּרוכפּעריקייט, אַזוי האָבן זיי זיך געגרויסט מיט די יונגע טעלעצעס, וואָס האָבן פאַרגרעסערט זייער טשע־רעדע.

אין די שבתים זענען זיך טאַטע־מאַמע מיט די קינדער צונויפגעקומען אין אַ נאָענטן דערפל ביי דער עלטסטער טאָכטער און געשמועסט וועגן דער גערעטעניש, סיי אין קינדערלעך, קיין בייז אויג, און סיי אין די שאָף און רינדער, וועלכע וואַקסן ווי אויף הייוון.

יהודיתן זענען די שמועסן זייערע קיינמאָל נישט אָנגעגאַנגען. זי איז געווען אַ בלייכינקע און אַ שוואַכע. תמיד האָט זי געכאַפּט קלעפּ פון אירע געזונטע, פולבלוטיקע קליינע פּלימעניקלעך. די באַליידיקונגען האָבן איר וויי געטאָן מער ווי די קלעפּ. טאַטע־מאַמע פלעגן לאַכן און זי מוסרן: „שעמסט דיך גאָרנישט, דו צעקראַכענע קניזש מיט ווײנשל! זע, ווי דאָס ברעכט פּיסקעס! זע, אַ קינד פון דריי יאָר איז דאָך קליגער פון דיר!“...

זי האָט דאַן אָנגעשטעלט אויף זיי אירע גרויסע, אומעטיקע אויגן, פולע מיט פאָרוואורף און מיט באַשולדיקונג. אָבער טאַטע־מאַמע זענען צופיל געווען פאַרטאָן מיטן גליק פון זייערע עלטערע, אויסגעגעבענע קינדער. יהודיתעס רוגז האָט קיין שום אומרויִקן געדאַנק נישט געוועקט אין זיי.

ווען זי איז אַ ביסל אונטערגעוואַקסן, האָט זי זיך אינגאַנצן דערווייטערט פון אירע אייגענע. זי האָט זיך אויסגעמישט מיט די שכנישע פּויע־רים־קינדער, זיך געוואַלגערט מיט זיי אינאיינעם אויפן ווייכן גראָז אונטער די גרינע עפּלביימער אין טאַטנס סאָד. זי איז אָבער געווען אַ נייגעריק מיידעלע. זי פלעגט זיך פאַרקלייבן אין אַ ווינקל און שעהן־לאַנג צוקוקן, ווי עס פאַרוויילן זיך די יונגע פאַראָבקעס מיט די שיקסעס, וואָס האָבן געריסן עפּל אין טאַטנס סאָד, ווי זיי האָבן זיך אַלע מאָל געוואָרפן אין גראָז, זיך געקושט און געקניפּן אין די זייטן...

אַ סך מאָל, אַממערסטן אין די זונטיקדיקע טעג, ווען טאַטע־מאַמע זענען געווען פאַרטון אין זייער קרעטשמע, האָט זיך יהודית צוגעקוקט צו די שפּילערייען פון די יונגע פאַראָבקעס מיט די פולבלוטיקע, ברייט־ברוסטיקע שיקסעס. זי האָט אויך געזען, ווי די פאַראָבקעס האָבן גע־

פּאַטשט זייערע מיידן און ווי אַ סך חתונה־געהאַטע פּויערים האָבן אומ־ברחמנותדיק געשלאָגן זייערע ווייבער.

נאָך אַזוינע סצענעס האָט יהודית נישט געקענט שלאָפֿן גאַנצע נעכט. אַ געפיל פון רחמנות צו די געפּאַטשטע פּויערטעס האָט געפּייניקט איר האַרץ און ס׳האָט זי געגנאָגט אַ געפיל פון שנאה צו די פּויערים, די שלעגער. ערגער פון אַלץ האָט געווירקט אויף איר דאָס, וואָס צומאָרגנס האָט זי געזען גיין צו דער אַרבעט אַלע פּויערים און פּויערטעס אינאיינעם, אַרומגענומענע פאַר די העלדזער, זינגענדיק פריילעכע ליבע־לידער.

איינמאָל אין אַ נאַכט האָט זי געהערט, ווי טאַטע־מאַמע האָבן זיך געאַמפּערט צווישן זיך אין זייער קליין שלאָפצימערל. די מאַמע האָט זיך געבעטן:

— ראובן, הער אויף, זאָגט מען דיר! וויפל איז דער שיעור אָנצו־פלאָדיען קינדער? וויפל? אויב איך וועל חלילה ווידער פאַרגיין מיט אַזאַ ווישקראַב, מיט אַזאַ וויזעלע ווי די מוזינקע אונדזערע, דאַן וועל איך מיר אַ מעשה אָנטון! ס׳ברענט מיר דאָס פּנים פון בושה און פון רחמנות צו איר...

אויך יהודיתס בלוט האָט זיך דאַן אָנגעצונדן פון ווייטיק און פון בושה. זי האָט זיך געפילט איבעריק אין טאַטע־מאַמעס היים, איבעריק אויף דער וועלט. מער פון אַלץ האָט איר וויי געטון, וואָס זי האָט געהאַט צוויי צונעמען, וועלכע דאָס גאַנצע דערפל האָט שוין געוווּסט.

וואָס עלטער זי איז געוואָרן אַלץ מער פאַרדרוס האָט זיך צעטליעט אין איר. די דאָזיקע צונעמען האָבן איר פאַרביטערט דאָס לעבן און זי נאָך מער דערווייטערט פון די פאַרהאָרוועטע טאַטע־מאַמע. זי האָט נישט געקענט צוזען, ווי זיי האָבן זיך אַלעמאָל געפרייט מיט אַ ניי־געבוירן איינינקל. זי האָט געפילט אַ בענקשאַפט נאָך מאַמישער צערטלעכקייט און וואָס שטאַרקער די דאָזיקע בענקשאַפט האָט זיך אין איר צעשריִען און געמאָנט אַן אויסלייזונג, אַלץ שטומער און בייזער איז יהודית געוואָרן. זי האָט געגעסן ווינציק און נישט געוווּסט וואָס צו טון מיט זיך. ס׳האָט זיך אין איר איינגעשטעלט אַ געפיל פון ביטערניש און עלנט. ערשט ווען זי האָט באַקומען נייע פריינט, פריינט, וואָס האָבן זי ליב געהאַט, איז איר לייכטער געוואָרן.

אַנטקעגן איר טאַטנס קרעטשמע האָט אויף אַ הויך בערגל אין אַ ווייסער שטוב מיט גרויסע פענצטער און אַרומגענומענע מיט אַ גרינעם גאָרטן געוווינט אַ ייד מיט אַ גרוי קאָמיץ־בערדל און מיט גרויסע, פריי־צישע וואָנצעס. דעם ייד האָט מען גערופן גאָספּאָדין אַבראַמאָוויטש. ער

האָט געהאַט צוויי טעכטערלעך, ליזאַ און בעטי. די מיידלעך זענען גע־וועזן הויכינקע, שמאָלע מיט דורכזיכטיקע, לויטערע און קיילעכדיקע פּנימלעך. זיי האָבן געהאַט אַן עלטערן ברודער, האָט מען אים גערופן מישאַ דער סטודענט. ער האָט געלערנט אין דער בוקאַרעסטער גימנאַזיע. די מיידלעך ווידער האָבן געלערנט אין אַ נאָענט שטעטל. אין די שבתים און אין די זונטיקן זענען זיי געווען אין דער היים. זיי זענען געווען אַ סך עלטער פון יהודיתן און האָבן אַ סך מאָל געזען, ווי די קליינע האָט געבלאָנדזשעט און געזוכט, אַז עמיצער זאָל זי דערזען. האָבן זיי זי צו־געלאָנטשעט צו זיך, ווי מען לאָנטשעט צו אַ שוואַך הינטעלע אָדער אַן אַנדער היימלאָז חיהלע. ווען זיי האָבן זיך נענטער דערקענט, האָבן זיי באַשטימט, אַז די קליינע האָט אַן אָריגינעלן כאַראַקטער, אַז זי איז אַן אינטערעסאַנט קינד און זיי האָבן זי ליב באַקומען. ווען זיי זענען געווען אין דער היים, איז יהודית געווען מיט זיי צוזאַמען. זי איז מיט זיי געזעסן אין זייער טאַטנס סאָד אונטער די שווער־באַלאָדענע עפּל־ און ווײַנשל־ביימער. זי האָט זיי דערציילט די מעשיות פון די היימישע פּויערים און זייער אויפפירן זיך מיט די שיקסעס... און זיי האָבן איר פאַרגעלייענט קאַפּיטלען פון אַלערליי ביכער. אָבער דאָס גרעסטע גליק אירס איז גע־ווען מישאַ, זייער ברודער. מישאַ פלעגט זייער אָפט אַהיימקומען. ס'האָט אים געצויגן צום דאָרף. ער האָט מיט איר אַ סך אַרומשפּאַצירט אין די טונקעלע וואַלד־אַלייען. ער איז געווען הויך און שלאַנק ווי די ביימער אין וואַלד. און ער האָט איר דערציילט פון זאַכן, וואָס קומען פאָר אין דער גרויסער וועלט; דערציילט, אַז קיין גערעכטיקייט איז נישטאָ, און אַז אויב די פּויערים שלאָגן זייערע ווייבער און די קוזיסטן זענען הענקער און פּאָגראָמשטשיקעס, איז אין דעם שולדיק זי, יהודית... און נאָך אַזעלכע מענטשן ווי זי, ווייל דער בעסערער מענטש מוז מקריב זיין זיין לעבן פאָר דער גערעכטיקייט און פאַרן אמת...

זי האָט דאַן אָנגעשטעלט אויף אים אירע גרויסע, אומעטיקע אויגן, פולע מיט פראַגעס. ער האָט מילד געשמייכלט און צאַרט געגלעט אירע צוויי טונקעלע, שווערע צעפּ, וועלכע זענען ווי גאָלדענע קייטן געהאַנגען אויף אירע שמאָלע, קינדישע פּלייצעס. דאַן האָט מישאַ ווי צו זיך אַליין אַ זאָג געטון:

— אידאַטשקאַ, דו שיינסט! דו וועסט אַמאָל געווינען דעם פּרייז פאַר דיינע צויבערפולע אויגן!...

דאַן האָט דער וואַלד, דער בלויער הימל און דאָס טייכל ביים וואַלד אויפגעזונגען פאַר איר. זי איז געוואָרן שיכור פון אומפאַרשטענדלעכער פרייד. די וועלט און דאָס לעבן האָבן אויסגעזען אין אירע אויגן ווי אַ

געזאַנג, ווי אַ קייט פון אייביקן גליק און גוטסקייט. זי פלעגט שווייגן און זיך פאַרטראַכטן וועגן די ווערטער, וועלכע מישאַ האָט איר געזאָגט. ווען ער פלעגט ווידער אַוועקפאָרן קיין בוקאַרעסט, פלעגט ער איר איבערלאָזן קליינע באַשריבענע פּאַפּירלעך און איר אָנזאָגן:

— די דאָזיקע פּאַפּירלעך דאַרפן פאַרזיכטיק צעטיילט ווערן צווישן די אָרעמע פּויערים. געדענק, יהודית, אַז מיין לעבן ליגט אין דיינע הענט!...

יהודית האָט ליב געהאַט די פּאַפּירלעך, האָט ליב געהאַט די סטעזשקעלעך, אויף וועלכע ער האָט מיט איר שפּאַצירט, און — מער פון אַלץ האָט זי ליב געהאַט דאָס לעבן און די גערעכטיקייט. זי האָט געגלויבט אין מישאַן ווי אַ פרומער ייִד אין גאָט. זי האָט געגלויבט, אַז ער וויל זיך ווירקלעך מקריב זיין פאַר די אָרעמע און דערנידעריקטע. וואָלט מישאַ געוועזן פון איר פאַרלאַנגט, אַז זי זאָל זיך אָפּשניידן אַ האַנט און זי אים מיטגעבן אין וועג אַריין, וואָלט זי עס געוועזן געטון. זי האָט ערלעך און געטריי אויסגעפירט אַלע זיינע באַפעלן.

זי האָט געבענקט נאָך אים און נישט געהאַט פאַר וועמען צו דער־ציילן וועגן דער דאָזיקער בענקשאַפט. אָבער זי האָט זיך געפילט פריי און ווי אַדורכגעלויכטן. אַ מאָדנע שטילקייט האָט זיך אָפּגעזעצט אין אירע ברייטע, טיפע בליקן. זי האָט געלעבט אין אַ סודותפולער דער־וואַרטונג.

יהודית האָט באַלד דערפילט די וויכטיקייט פון צו זיין אַ מיידל און זי האָט זיך מיטן גאַנצן ברען פון איר טעמפּעראַמענט גענומען לייע־נען ביכער. זי האָט געלייענט אַלץ, וואָס זי האָט געפונען אין דער בי־בליאָטעק פון מישאַס שוועסטער. מער פון אַלע העלדן אין די ביכער האָט אויף איר געווירקט דער טראַגישער טויט פון געטעס יונגן ווערטער. זי האָט געוויינט און געטרויערט אויפן ביטערן סוף פון דער נאַיִווער מאַדאַם בוואַרי און איז בייז געוועזן אויף די מענטשן, וואָס האָבן זי גע־טריבן אין די אָרעמס פון דעם טראַגישן סוף. זי האָט מיטגעפיבערט און מיטגעצאַפּלט אין סאַנינס קאָשמאַר און אין דער טראַגעדיע פון ראָמעאָ און זשוליעטאַ. זי האָט זיך געשאַפן אַן אייגענע וועלט און אַן אייגענעם צוגאַנג צום ענין גערעכטיקייט און פרייהייט. זי איז געוועזן דאָרפיש־נאַיִוו און ערלעך. אַלץ, וואָס זי האָט געלייענט אין די ביכער, איז ביי איר געוועזן הייליק און טייער. זי האָט זיך געשאַפן אַן אייגענעם געדאַנק וועגן דער מענטשלעכער נשמה און וועגן דער באַציִונג צו די מיט־מענטשן. ביי איר איז אויסגעקומען, אַז די מענטשן דערקענען זיך קיינ־מאָל נישט איינער דעם אַנדערן און ווען איינער האָט נאָר גענוג כוח

אַרויסצוררייסן זיך פון דער איינגעשטעלטער מיינונג, דאַן איז ער אַ העלד און וועט מוזן ווערן דער וועגווייזער פאַר די אַלע, וועלכע וועלן נישט וועלן כאַפּן קיין קלעפּ, ווי אירע שכנישע, יונגע פויערטעס.

ווען מישאַ איז נישט געווען אין דער היים און זיינע שוועסטערלעך אויך נישט, האָט יהודית ליב געהאַט צו פאַרברענגען מיט פּעטריקן, איר טאַטנס יונגן פאַסטעך. ער האָט זי אויסגעלערנט שפּילן אויף דער פלייט און אויף דער האַרמאָשקע. ביז שפּעט אין דער נאַכט פלעגט זי זיצן ביים ברעג פון טייכל און שפּילן איין דוינאַ נאָך דער אַנדערער. זי האָט איינגעזאַפּט אין זיך דעם רוישלאָזן קלאַנג פון די בלויע כוואַליעלעך און דאָס געהיימנישפולע שעפּטשען פון רי בלומען און פון די בלעטער אין וואַלד. זי האָט אַריינגעקוקט אין דער טיפקייט פון אויסגעשטערנטן הימל און אין דעם פייער פון אַ רויטער, ברענענדיקער לבנה איבערן שמאָלן טייך.

דעמאָלט האָט יהודית דערפילט אַן ענגשאַפט אין האַרצן. זי האָט געוואָלט אַרומנעמען די גאַנצע וועלט און זי האָט נישט געוווסט ווי אַזוי. זי האָט געפילט, אַז מישאַ איז ווייט, אַז ער וועט ווערן אַ דאָקטאָר און וועט זי אפשר נישט וועלן נעמען פאַר קיין ווייב... די דאָזיקע געדאַנקען האָבן אָנגעוואָרפן אויף איר אַ שרעק. און זי האָט באַשלאָסן צו ווערן אַ געבילדעט מיידל, אַוועקצופאָרן פון דאָרף, זיין ווייט פון די אייגענע, פון טאַטע־מאַמע. זי וועט ווערן אַ ציין־דאָקטאָרשע, ווערן אַ גרויסשטאָטישע פרוי. אירע אייגענע וועלן זי דאַן זיכער מער ליב באַקומען און אויך בעסער פאַרשטיין... שפּעטער וועט זי צוריקקומען אין דאָרף צוזאַמען מיט מישאַן און מיט זיינע געבילדעטע שוועסטערלעך. צוזאַמען וועלן זיי דאַן העלפן די אָרעמע. זיך מקריב זיין פאַר זיי. אַזוי אַרום וועט זי ווערן דאָס, וואָס מישאַ איז, און ער וועט זי מער נישט אָפּלאָזן פון זיך...

גאָר גיך איז יהודית ווידער געבליבן אַליין. מישאַ מיט זיינע שוועס־טערלעך האָבן זיך מער נישט געקענט באַווייזן אין דאָרף. זיי זענען אַנטלאָפן קיין אַמעריקע. אַ לאַנגע צייט האָבן רומענישע זשאַנדאַרמען געזוכט און גענישטערט אין גאַספּאָדין אַבראַמאָוויטשעס שטיבער. אים, דעם טאַטן, איז נמאס געוואָרן צו גיין אַלעמאָל אין דער פּרישעפּציע און אַהיימצוקומען מיט אונטערגעהאַקטע אויגן. איז ער אין אַ שיינעם טאָג פאַרשוווּנדן פון דאָרף.

יהודית איז געבליבן ווי אַ שיף אָן אַ רודער. אָבער ווי אַלע פאַר־ליבטע, נאַיווע נשמות האָט זי זיך געטרייסט דערמיט, וואָס מישאַ האָט זיך געראַטעוועט פון אַ זיכערן טויט. זי איז געווען זיכער, אַז מיט דער

צייט, ווען דער טומל וועט זיך איינשטילן, וועט ער איר שרייבן און רופן צו זיך...

חדשים לאַנג האָט זי געפּיבערט אין אַ הייליקן שווייגן און וואַרטן. זי איז געוואָרן נאָך קלענער און אויסגעדאַרטער. ערשט מיט אַ יאָר שפּעטער האָט יהודית באַקומען אַ בריוו פון מישאַס שוועסטער. זיי האָבן איר געשריבן, אַז ניו־יאָרק איז אַ ריזן־גרויסע שטאָט און ווער נאָר עס וויל דאָרטן לערנען, דער האָט אַלע מעגלעכקייטן דערצו. מישאַ — האָבן זיי געשריבן — האָט חתונה געהאַט מיט דער טאָכטער פון זיין רייכן פעטער. איצטער איז ער אַ שותף צו אַ גרויסער פאַבריק פון העמדער. אין זיין גרויסער פאַבריק אַרבעטן מער פון צוויי הונדערט מענטשן און אויך זיי, די שוועסטערלעך, זענען באַשעפטיקט אין דער פאַבריק. איינע איז אַ בוכהאַלטערין און די אַנדערע אַן אויפזעערין איבער די אַרבעטער.

דער דאָזיקער בריוו האָט יהודיתן געטראָפן ווי אַ דונער. אירע האָפענונגען זענען מיטאַמאָל צעשטערט געוואָרן און אירע פּלענער זענען איינגעפאַלן ווי אַ קאָרטן־שטיבל. זי האָט שוין גוט פאַרשטאַנען, וואָס אַזוינס מישאַ האָט זי געלערנט. ביי איר איז אויסגעקומען, אַז מישאַ האָט פאַראַטן סיי אירע געפילן צו אים און סיי אירע און אויך זיינע אידעאַלן.

ערשט דאַן האָט אין איר אויפגעשטורעמט דאָס אמתע געפיל פון גערעכטיקייט און זי האָט אָנגעהויבן זוכן דעם אמת קודם אין זיך גופא. איז זי אַוועקגעפאָרן קיין בוקאַרעסט, געגאַנגען אַרבעטן אין אַ פאַבריק און אין די אָוונטן זיך גענומען צום לערנען. זי האָט אָבער נישט געהאַט קיין רו נאָך די אַלע געשעענישן. האָט זי זיך אָנגעשלאָסן אין אַ געהיימער, רעוואָלוציאָנערער גרופּע און מיטן גאַנצן פייער פון איר צע־ווייטיקטער נשמה געוואָרן אַן אַקטיווע טוערן. זי האָט אָנגעהויבן זיך מישן צווישן די אָרימע מענטשן, גערעדט צו זיי און פּראָפּאַגאַנדירט צו שטירצן די רעגירונג. זי האָט זיך נישט אויסגעהיט פון קיין שום גע־פאַרן און געהאַלטן, אַז שטאַרבן אויפן מזבח פון דער גערעכטיקייט איז אַ גרויסער זכות.

ס׳האָט נישט לאַנג געדויערט און מען האָט זי געכאַפּט און גע־פייניקט. אָבער זי האָט העלדיש אויסגעהאַלטן אַלע פייניקונגען און איז שפּעטער, נאָכן אַרומוואַלגערן זיך עטלעכע חדשים אין די תפיסות, פאַרמשפּט געוואָרן אויף צוואַנציק יאָר טורמע. אויך די דאָזיקע „מילדע״ שטראָף האָט זי געהאַט צו פאַרדאַנקען דעם פאַקט, וואָס זי איז נאָך נישט געווען פּוליעריק.

אַזוי איז זי אָפּגעזעסן דאָס ערשטע יאָר אין תפיסה, זיך אויפגע־

פּירט גוט. און ס'איז איר ביי אַ געוויסער געלעגנהייט געלונגען צו אַנטלויפֿן.

זי האָט זיך אַרומגעוואָלגערט אין פֿאַרשידענע ווינקעלעך פֿון רו־מענישן לאַנד, אַן אַנגעטוענע אין מענערישע מלבושים, אַ טרוקענע, אַ בלאַסע און שוואַכע, און ס'איז קיינעם נישט איינגעפֿאַלן צו טראַכטן, אַז דאָס איז דאָס מיידל וועמען מען האָט אַרומגעזוכט איבערן גאַנצן לאַנד. זי האָט געאַרבעט אין אַ שענק, געטון שווערע, מענערישע אַרבעטן; זי איז אויך געווען אַ שיק־ייִנגל און אַזוי האָט זי זיך אָפּגעשפּאָרט דאָס נייטיקע געלט אויף דער הוצאה קיין אַרגענטינע.

אין אַרגענטינע האָט זי געהאַט פֿריינט. האָט זי געמיינט, אַז זיי וועלן זי גוט פֿאַרשטיין. זיי האָבן אָבער געקוקט שלעכט אויף איר פֿאַר־גאַנגענהייט און האָבן זיך באַמיט צו זוכן פֿאַר איר אַ פּאַסיקן שידוך, כדי וואָס פֿריִער פֿון איר פּטור צו ווערן.

האָט יהודית אַ סך געבלאָנדזשעט איבער די רוישיקע גאַסן און האָט שטאַרק באַדויערט, וואָס זי איז אַוועק פֿון היימישן דאָרף. זי האָט געהאַט דאָס געפֿיל, אַז איר נשמה איז איינגעפּרעסט געוואָרן אין אַ פֿאַסטקע און זי וועט דאָ דערשטיקט ווערן צום טויט.

אַ גרויזאַמער עלנט האָט אַרויסגעקוקט פֿון אירע ברייטע, גאָלדיקע בליקן און אַ גרענעצלאָזע בענקשאַפֿט. אויך די בענקשאַפֿט נאָך מישאַן איז דאָ געוואָרן שטאַרקער, שניידנדיקער. זי האָט נישט געאַרבעט, האָט זי מער צייט געהאַט צו גריבלען זיך אין איר שווייגנדיקן לעבן.

ביסלעכווייז האָט זי זיך אַריינגענומען אין די הענט. זי האָט זיך געדונגען אַ קליין, אויבערשט צימערל. איבערן פֿענצטער פֿון צימערל האָט עס שטיל גערוישט פֿון אַ פֿאַרהאַנג פֿון גרינע קלעטער־פֿלאַנצן, דורכגעמישטע מיט קליינע רייזעלעך ווי בעכערלעך. זי האָט אויסגע־קאָלכט די גרינע ווענטלעך, אויפֿגעהאַנגען אויף דער וואַנט ביים בעטל אַ היימישן, שוואַרצן טעפּיך מיט גרויסע רויטע און גרינע רויזן. אין שטיבל האָט געשמעקט מיט פֿרישקייט און מיט רויִקייט פֿון איר היי־מישן דערפֿל.

דאָ האָט זי אָנגעהויבן צו אַרבעטן. זי האָט אויסגענייט בלומען אויף וועש און אויף קליידער פֿון רייכע באַלעבאָסטעס. זי האָט געאַרבעט און געטראַכט פֿון פֿאָרן צוריק אַהיים. אין די אויפֿדערנאַכטן האָט זי ליב געהאַט צו שפּילן אויף איר אַלטער האַרמאָשקע, וועלכע זי האָט מיטגע־בראַכט פֿון דער היים. זי האָט געשפּילט אַלע וואָלעכלעך און דערביי נישט אויפֿגעהערט צו טראַכטן פֿון מישאַן. זי איז געווען זיכער, אַז קיין שום אַנדערער מאַן וועט נישט אָפּפֿירן צו איר האַרץ.

זי האָט ווידער אָנגעהויבן צו לערנען און דורכאויס געוואָלט ווערן אַ ציין־דאָקטאָרשע. גאָר גיך האָט זי זיך באַקאַנט מיט אַ יונגן סטור־דענט, אַ זון פון אַ קאָלאָניסט. בייטאָג האָט ער פאַרקויפט צייטונגען און ביינאַכט האָט ער געלערנט. ער איז געווען ווי מישאַס אַ ברודער, אַ הויכער, מיט מוסקולירטע אברים און מיט קויל־שוואַרצע קלוגע אויגן, אַ געטאָקט מויל און שוואַרצע קרויזן. אין אים האָט זי צוריקגעפונען איר ערשטן חלום. פריִער האָט זי אים ליב געהאַט ווי אַ ברודער און שפּעטער מיט איר גאַנצער לײדנשאַפט פון איר נשמה און פון איר בלוט. מיט די געפילן פון ליבע איז אויך געקומען אַ גרענעצלאָזע גע־טריישאַפט און קרבנות־גרייטקייט. באַלד האָט זי פאַרגעסן אין אירע אַלטע אידעאַלן, אויפגעהערט צו לערנען און אָנגעהויבן זאָרגן זיך פאַר נאַטאַליאַן.

אין די שפּעטע באַנאַכטיקע שעהן האָבן זיי פאַרבראַכט ביים שפּילן, זי אויף דער האַרמאָשקע און ער אויף זיין אַלטער פידל. יהודית האָט געחלומט, אַז נאָכן באַקומען דעם טיטל דאָקטאָר, וועט נאַטאַליאָ פאָרזעצן לערנען מוזיק. זי האָט אים פאַרגעטערט.

זיין גאַנצע פרייע צייט האָט ער איר אָװעקגעגעבן. זיי האָבן צו־זאַמען געלייענט ביכער, געמאַכט אויספלוגן, געגאַנגען טאַנצן און אויף קאָנצערטן. ווען ער האָט איר געבראַכט דאָס כלה־רינגל, האָט זי אים אויך אָנגעהויבן צו וואַשן די וויסע, דאָקטאָרשע כאַלאַטן און פּרעסן די אַנצוגן, געקויפטע פאַר איר געלט. ער איז געוואָרן זאָרגלאָז און צעבליט ווי אַ צעדערבוים אין פרילינג. זי אָבער איז נאָך מער אָפּגעצערט גע־וואָרן פון דער שווערער האָרעוואַניע. אָבער אַ שטילע טרייסט האָט גע־זונגען אין איר נשמה: נאַטאַליאָ איז ערלעך און געטריי. ער האָט אַ קינסטלערישע וויזיע און האָט ליב בלומען און מוזיק. פון אַזאַ מענטש האָט זי פון קינדערוייז אָן געחלומט און קיין שום אַנדערער מאַן וואָלט זי נישט געווען געבראַכט דערצו, אַז זי זאָל אַזוי אינגאַנצן פאַרגעסן אין זיך. ער איז ווערט אַלע אירע קרבנות — האָט זי געטראַכט.

מיט פינף יאָר שפּעטער איז נאַטאַליאָ געוואָרן דאָקטאָר מעדיצין און זיך אויסגעצייכנט אין אַלע מאַטעריעס. אָבער חתונה געהאַט האָט ער מיט אַ יונגער קראַנקן־שוועסטער פון שפּיטאָל, אין וועלכן ער האָט פּראַקטיצירט.

יהודית איז באַלד אין גאַנצן צעבראָכן געוואָרן. זי האָט זיך אָבער נישט אונטערגעגעבן, זיך באַהערשט, אָנגענומען זיך מיט מוט און ווידער אָנגעהויבן לערנען. נאָר אַזוי ווי זי האָט זיך נישט גוט אָפּגעהיט, איז

זי קראַנק געוואָרן אויפן האַרץ. האָט זי זיך געלאָזט איינטערנירן אין אַ שפּיטאָל און דאָרט האָט זי ווידער געטראָפן נאַטאַליאַן.

זי האָט געזען, אַז ער האָט זי אויסגעמיטן; אַז ער האָט מוראַ געהאַט פאַר אַ סקאַנדאַל... האָט זי אויפן דריטן טאָג, אָן דער דערלויבעניש פון דאָקטאָר, פאַרלאָזט דאָס שפּיטאָל.

אויך אין דער היים האָט יהודית מער קיין מנוחה נישט געפונען. הינטער איר אַלטן קליידער־שאַפקעלע האָט נאָך אַלץ געהאָנגען נאַטאַליאָס פידל און דאָס שמאָלע בעטל זיינס איז אַלץ נאָך געשטאַנען אויף זיין פריִערדיקן פּלאַץ, פאַרגלעט און באַלייגט מיט קליינע וואָלענע קישעלעך.

ערגער פון אַלץ האָבן יהודיתן וויי־געטון די בליקן פון די שכנים און פון דער אויפזעערין, דאָניאַ בערטאַ, מיטן הויכן, פאַראַדנעם בוזים און מיט די בלאָנדע, געפאַרבטע קנוידערן. פריִער האָט נאַטאַליאַ פאַרנומען אַ פּלאַץ אין ווינקל פון איר סאַלע און ער האָט ביי איר געגעסן מיטאָגן. ווען ער האָט זיך אַרויפגעצויגן אין יהודיתעס אויבערשטן צימערל, איז דאָניאַ בערטאַ געוועזן אויסער זיך פון צאָרן. זי האָט אויסגעלאָזט דעם ביטערן כעס צו יהודיתן, ווען נאַטאַליאַ האָט זי פאַרלאָזט און ווען זי האָט זיך אַ צעבראָכענע אומגעקערט פון שפּיטאָל.

— אידעסל, אידעסל! — פלעגט זי אויסרופן, ווען זי איז פּופּצן מאָל אַ טאָג אַרויפגעקומען זען וואָס זי מאַכט און געשאָקלט מיט די בלאָנדע קנוידערן. — ווו איז געוועזן דיין נאַרישער קאָפּ! דו האָסט אים באַדאַרפט האַלטן פון דער וויטנס, לאָזן אים שרפהנען, אים האַלטן אַזוי, אַז ער זאָל אויסגיין ווי אַ ליכט, וואָלסטו היינט געהאַט אַ שענערן אויסזען. אַ מאַנספאַרשוין, אידיסל, איז אַ כיטרע באַשעפעניש און אַ קלוג מיידל דאַרף אים ווייזן ווו דער רבי וווינט... פריִער נעמט מען ביי אים צו צען פאַפירלעך אויף אַ חתונה־ביכל.

יהודית האָט זיך אויסגעהיט פון די ווייבער און מער נאָך פון דער אויפזעערין. איינמאָל, ווען יענע איז געוואָרן חוצפהדיק און האָט אויסגענוצט איר שווייגעוודיקייט, האָט איר יהודית אַ זאָג־געטון:

— מיר האָבן זיך ליב געהאַט און דאָס איז געווען גענוג, אַז איך זאָל מיך נישט וועלן באַוואָרענען מיט קיין חתונה־ביכל! איך אַליין האָב אַזוי געוואָלט! און ווען איך וואָלט אים יאָ געבונדן מיט אַ חתונה־קאָנטראַקט, וואָלט דען דאָן מיין טעות קיין טעות נישט געווען? וואָלט איך דען אין אים געהאַט מיין אידעאַל, מיין טרוים? ווען איך אַנטויש מיך די ערשטע, וואָלט איך אויך נישט געוואָלט אָפּלעבן מיט אים ביז צום סוף פון מיינע יאָרן. איך זע נישט אײַן, פאַרוואָס אַ זעלבסטשטענדיקע

פרוי זאָל דווקא מוזן האָבן די צושטימונג פון אירע שכנים... און פון די מיטמענטשן, וועלכע האָבן אויסגעלעבט זייערע יאָרן אין שקר און אין פיינטשאַפט און מעגלעך אויך אין עקל.

טיף אין האַרץ האָט יהודית געגאַרט און געהאָפט, אַז נאַטאַליאַ וועט דאָך אין אַ שיינעם טאָג צו איר צוריקקומען. זי האָט דאָך געוווסט וועגן דעם בונד צווישן איר און אים, געוווסט, אַז זייער ביידנס ליבע איז געווען הייליק און גאַנץ. דערפאַר האָט זי נישט געקענט פאַרשטיין, ווי אַזוי אַ האַרץ קען זיך אַזוי גיך אַריבערטראָגן פון איין ליבע צו דער אַנדערער. דערצו האָט איר נאַטאַליאַ ביז צום לעצטן טאָג פון זייער צוזאַמענזיין אַרויסגעוויזן די גרעסטע אויפמערקזאַמקייט. ער האָט זי געצערטלט און געקושט ווי אין די ערשטע טעג פון זייער צוזאַמענלעבן.

זי האָט זיך געשעמט מיטן געפיל פון פאַרגעבונג און פון דערוואַרטונג, זי איז אָבער געווען מאַכטלאָז קעגן די דאָזיקע געפילן. כדי אויסצומיידן די חוזק־בליקן פון אירע שכנים און דעם „רחמנות“ פון אירע לאַנדסלייט; כדי צו געפינען טרייסט אין איר גרענעצלאָזער בענקשאַפט נאָך אים, האָט זי באַשטימט צו באַהעפטן זיך מיט דער נאַטור. זי איז דאָך בכלל געווען אַ נאַטור־קינד, געלעבט מער אין וועלדער און סעדער ווי אין טאַטע־מאַמעס שטוב. זי האָט געבענקט נאָך פרייהייט און האָט מורא געהאַט, אַז די בענקשאַפט נאָך נאַטאַליאַן זאָל נישט צעברעכן איר ווילן און זי מאַכן פאַר אַ קנעכט פון אירע געפילן צו אַ מאַן, וואָס איז נישט ווערט געווען איר מינדסט נעגעלע.

האָט זי געדונגען ביי דאָן קראַכמעלן דאָס אַלטע שטיבל מיטן גרויסן שטיק פלאַץ און האָט זיך אַהין אַריינגעצויגן. דאָס שטיק פלאַץ איז געווען פאַרוואָרלאָזט, באַוואָרפן מיט שטיינער און מיט ביינער פון צעפרעסענע נבלות. אויף די בערגלעך האָבן געוואַקסן דערנער און שטעכעכץ, פול מיט שמוץ און נעסטן פון כלערליי שרצים, ווערים און אַנדערע אַנשיקענישן. און ס'האָט זיך אין איר צעברענט אַ מאָדנע עקשנות און אַ שטאַרקער ווילן נישט צו זיין קיין נעבעכל, נישט זיין אַ מענטש, וואָס קען נישט אויסקומען אָן דער השגחה פון אַ שטאַרקערן. זי האָט זיך דערמאָנט אין איר עלנטער קינדהייט, אין איר האַרט לעבן, אין דער צייט, ווען טאַטע־מאַמע האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט זייערע קליינע אייניקלעך און זי, יהודית, איז געשלאָפן אין פעלד נעבן דעם פאַסטעך־יונג פעטריק. זי האָט אים געהאָלפן אָפּהיטן דעם טאַטנס טשערעדע. זי איז געווען זיין עצה־געבערן און ער האָט איר אַ סך מאָל געזאָגט: „אַ מענטש, אידאָטשקאַ, איז דאָס, וואָס ער אַליין קען אויפטון. וועסטו דיך אַראָפּלאָזן, וועלן דיך די מענטשן צעטרעטן אָן רחמנות. וועסטו דיך אָבער

אויפהייבן העכער פון זיי, וועלן זיי צו דיר קניִען און דיך פאַרגעטערן... ווייל מענטשן, אידאַטשקא, האָבן ליב, ווען מען דערלאַנגט זיי מיט דער בייטש... ווען דיר וועט זיין שלעכט, ראַטעווע דיך אַרויס פון זייער רחמנות, ווייל זייער מיטגעפיל וועט דיך דערשטיקן אויף טויט..."

האָט זי אַליין אָפּגערייניקט דאָס שטיק פּלאַץ און ביסלעכווייז עס צעאַקערט און פאַרזייט. די נייע שכנים אירע האָבן זיך אומזיסט אַרומגעדרייט ביים פלויטל און אומזיסט געזוכט איר פריינטשאַפט. יהודית האָט געאַרבעט אָן אַ סוף. באַלד האָט זי אויך אָנגעהויבן פאַרזעצן דאָס לערנען. די שכנים האָבן זיך אָנגעהויבן צו שושקען און גאַליק צו שמייכלען.

— דאָס דאָזיקע ווייבל איז שטאַרקער פון אייזן! נאָר דאָס אַרבעט און אַרבעט! ס'יאָגט פון פאַרטאָג ביז האַלבער נאַכט.

יהודית האָט פאַרפלאַנצט לימענע־ און מאַראַנצן־ביימלעך, צוויט־ביימלעך און פּאַלמעס. צום ליבסטן האָט זי זיך אָפּגעגעבן מיט בלומען־קולטיוו. די בלומען זענען געוואַקסן גיך און אויך איר פרייד איז מיט־געוואַקסן. זי האָט זיך געפרייט מיטן זיג איבער אירע געפילן און זיך געפרייט, וואָס אירע באַקאַנטע האָבן זיך קיינמאָל נישט געוויזן צו איר, כאָטש זי האָט זיי אַלע צוגעשיקט איר נייעם אַדרעס. זי האָט זיך גע־פרייט מיטן אָפּטעמפּן אין זיך דעם ווייטיק און דאָס בענקען נאָך נאַ־טאַליאַן. זי איז רויִקער און שענער געוואָרן, כאָטש אַן איידעלע בלייכ־קייט האָט נאָך גערוט אויף איר פאַרחלומט פּנים, אָבער אויך אַ שמייכל, אַ שמייכל איבער אירע אייגענע ביטערע דערפאַרונגען. זי האָט זיך דרייסט און האַרטנעקיק אָנגעקלאַמערט אין לעבן און זיך געפּרוווט איינ־רעדן, אַז נאַטאַליאַ האָט פאַר איר אויפגעהערט צו עקזיסטירן.

אָבער איר שוואַכער קערפּער האָט זיך ווידער און גיך אָנגעהויבן צו ברעכן אונטער דער שווערער לאַסט פון צופיל האָרעוואַניע. און ווי־דער איז זי איינגעפאַלן, באַקומען קליינע האַרץ־אַטאַקעס און געמוזט ליגן אין בעט. דער דאָקטאָר האָט זי תמיד געוואָרנט: נאָר נישט צופיל אַרבעטן, נאָר רויִק בלייבן!

ס'האָבן אָנגעהויבן קומען פון דער היים ביטערע בריוו: „יהודיתל, ייִדן אין בעסאַראַביע זענען אויסגעשטעלט צו גרויסע אומגליקן. די קו־זיסטן אָרגאַניזירן פּאָגראָמען, נעכטיקע שכנים אונדזערע זענען געוואָרן היינטיקע שונאים. יהודיתל, ראַטעווע אונדז אַרויס!"

האָט זי אָנגעהויבן צו אַרבעטן מער ווי פריִער און געשפּאָרט אַ סענט צו אַ סענט. זי האָט געהאָפט אַריבערצונעמען די עלטסטע שוועסטער מיטן מאַן און מיט די קינדער, כדי שפּעטער זאָלן זיי ווידער קענען אַרי־

בערנעמען אַן אַנדערן טייל פון דער פֿאַמיליע. זי איז געוואָרן מיד פון צופיל אַרבעטן, אָבער נישט מיד צו האָפן און צו גלויבן, אַז אירע אונטער־געבראָכענע כוחות, וועלן ווידער ביישטיין די געפּאַר.

זי האָט זיך אָנגעהויבן זאָרגן וועגן באַקומען די אַרויספֿאָדערונגס־פּאַפּירן; איז אַרומגעלאָפֿן פון איין רעגירונגס־אַנשטאַלט צום צווייטן, זיי געוויזן איניקע „יחוס"־בריוו פון אירע אַריסטאָקראַטישע קונהטעס, זיי געבראַכט רעקאָמענדאַציעס פון די גרעסטע יידישע אינסטיטוציעס און אַנדערע דאָקומענטן. די בריוו זענען געלייענט געוואָרן אין איר קעגנ־וואַרט. די באַאַמטע האָבן דערביי געהויבן מיט די אַקסלען און געשמייכלט. אַנדערע באַאַמטע, מער ערנסטע און מענטשלעכערע, האָבן רויִק אויסגעהערט אירע טענות, אירע דערציילונגען וועגן די געפּאַרן, וואָס לויערן אויף אירע אייגענע. זיי האָבן אַפּילו ביטער געזיפֿצט, אָבער פֿאַרשעמט געענטפֿערט: „עס איז נישט באַלאַנגט אין אונדז. האָט געדולד, אפשר פּאָרט, אפשר, אפשר..."

דערווייל האָט אויסגעבראָכן די וועלט־מלחמה און בעסאַראַביע איז דערטרונקען געוואָרן אין יידיש בלוט און טרערן. זי האָט מער קיין בריוו נישט באַקומען און מער נישט געוווּסט, וואָס ס'איז דאָרט געשען מיט איר משפּחה. ערשט נאָך דעם גרויסן חורבן האָט זי אָפּגענומען אַ גרוס ביי אַ לעבן־געבליבענער, וואָס האָט זיך אַרויסגעראַטעוועט פון איר דאָרף. היימישע פּויערים און צווישן זיי פּעטריק, איר טאַטנס געוועזענער פּאַס־טעך־יונג, האָבן אויסגעהרגעט כמעט איר גאַנצע פֿאַמיליע. איין ברודער מיטן ווייב זענען אַנטלאָפֿן קיין רוסלאַנד און צוויי קינדער פון דער עלטע־רער שוועסטער דאַרפֿן זיך געפונען ערגעצוו אין די לאַגערן פון ציפּערן.

יהודית האָט זיך באַטראַכט פּאַר אַ מיטשולדיקער אין דעם גרויסן אומגליק. ביי איר איז אויסגעקומען, אַז נאַטאַליאַ האָט ביי איר אַוועקגע־נומען איר גאַנצע אויפמערקזאַמקייט צו דער משפּחה און זי האָט פֿאַר־נאַכלעסיקט דאָס באַמיִען זיך זיי אַריבערצוברענגען אַהער. פון די יסורים צוליב דעם דאָזיקן פֿאַקט איז זי ווידער איינגעפֿאַלן און איינגעדאַרט און דאָס מאָל שוין זייער ערנסט. מער פון צוויי חדשים איז זי געלעגן אין אַ שפּיטאָל. אָבער אויך ווען זי איז אַרויס פון שפּיטאָל, האָט זי שוין נישט געהאַט יענע כוחות צו אַרבעטן אַזוי פיל ווי פריִער. אויך לערנען האָט זי אויפגעהערט. אירע פריינט און באַקאַנטע האָבן זיך אַלץ מער פון איר דערווייטערט. און אַזוי איז זי געוואָרן שטום און פֿאַרביסן, פּונקט ווי אין יענע צייטן, ווען זי האָט אַליין געבלאָנדזשעט צווישן דעם טאַטנס טשערעדעס און געבענקט נאָך דער מאַמעס אַ גלעט. זי האָט געהאַט

דאָס געפיל, אַז זי איז געבוירן געוואָרן, נאָר כדי אָפּצוקומען פאַר עמעצנס זינד.

אָבער גראָד די קראַנקייט האָט דווקא פאַרשטאַרקט אין איר די ליבע צום לעבן. ס'איז ביי איר געוואָרן אַ מאָדנע עקשנות גובר צו זיין איר קאַפּריזנע קראַנקייט און צו טון אויף צו־להכעיס דעם טויט. האָט זי ווי־דער געפלאַנצט בלומען און ווידער געשפּילט אויף דער האַרמאָשקע, גע־לייענט ביכער און געגאַנגען אויף קאָנצערטן און אויף קאָנפערענצן. מיט דער צייט איז דער גאָרטן ביי איר געוואָרן אַ שוואַכקייט און מיט דער גאַנצער ליידנשאַפט פון איר טעמפּעראַמענט האָט זי אָפּגעהיט יעדעס בלימעלע און שטענגעלע, זיך געפרייט מיטן אויספּיקען פון יעדן נייעם קנאָספּ. זי האָט פיינט באַקומען די שטאָט און די מענטשן, וועלכע קענען נישט לעבן אָן דעם שטאָטישן טומל. אַלע זומער האָט זי פאַרדונגען דאָס איינציקע צימער צו טוריסטן, זיך געזעטיקט מיט דער נאָנטקייט פון נייע מענטשן און אָפּט אַליין נישט באַנומען, ווי אַזוי זי האָט געקאָנט, באַלד פון אָנהייב, זיך איינאָרדענען אין סאַמע צענטער פון שטאָט און אין אַ קליין בוידעם־שטיבל. זי האָט שוין געהאַט שלום געמאַכט מיט איר גורל און מורא געהאַט צו טראַכטן, אַז די פרוי אין איר איז דאָך נאָך זאַפטיק און יונג. זי האָט אויך מורא באַקומען, אַז אַ ניי געפיל וועט ווידער אונ־טערברעכן און צעשטערן איר ביסעלע לעבן, אַ לעבן, וואָס איז ביי איר געוועזן מער קוריאָז ווי ווירקלעכקייט. זי האָט זיך געוווּנדערט אויף דעם פאַרגעסן אָן נאַטאַליאָן און נאָך מער זיך געוווּנדערט אויף אירע זינדיקע געדאַנקען, וועלכע זענען צו איר געקומען אינאיינעם מיט די בלויע, זוניקע פרילינג־טעג. אָבער מער פון אַלץ האָט זי געוווּנדערט דאָס נייע געפיל פון ליבשאַפט, וואָס גינער האָט אין איר אויפגעוועקט.

די שרעק, אַז מאַרטאַ האָט איר ווידער געבראַכט נאַטאַליאָס געדע־כעניש, האָט פאַרטונקלט דעם ברענענדיקן געפיל צו גינערן און אַריינ־געוואָרפן איר אויפגעציטערטע נשמה אין אַן אומרו און אַ מורא פאַרן גרויזאַמען אמת.

זי האָט זיך דאָך געהאַט איינגעשמועסט, אַז נאַטאַליאַ פאַרנעמט מער נישט דעם מינדסטן פּלאַץ אין איר נשמה. אָבער ווען זי האָט נאָר דער־הערט דערמאָנען זיין נאָמען, האָט זי מורא באַקומען פאַר זיך אַליין און זיך מיט אַלע כוחות באַמיט נישט צו טראַכטן פון אים.

אַ שווערער פאַרגעפיל האָט זיך אָפּגעזעצט אין איר און איר פאַרויס־געזאָגט, אַז די נייע, בייזע שכנה האָט איר קיין פרייד נישט געבראַכט...

קאַפּיטל פינף

מיט אַ מינע אין פּנים פון אַ יונג נישט דערפאַרן גנבֿל האָט זיך מאַרטאַ אַרויסגעשאַרט פון צימער און געוואָרפן אַ צעשראָקענעם בליק אַרום זיך. באַלד אָבער האָט זי אַריבערגעטראָגן די אומצוטרוילעכע בליקן צו יהודיתס שטיבל, פון וואַנען ס׳איז איר אַנטקעגנגעקומען אַ שטילקייט און צעשמייכלטע זונענשטראַלן. דאַן האָט זי אַ באַרוּקטע צונויפגענומען אַרום זיך דאָס גאַרטעלע פון שוואַרצן שטוב־כאַלאַט און זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ קליין בענקעלע לעבן די קילע, באַבלימלטע קלעטערפלאַנצן. פון איר שווערן, צעיוירענעם גוף, פון די עטלעכע איינגעבראָכענע קאַרבן אויפן שטערן און פון איר גאַנץ לייב און לעבן האָט געווייעט מיט אַ נישט־ניחהדיקייט און רוגזה, ווי זי וואָלט געווען אַ קרבן ביי דער וועלט.

אַרום איר איז געווען שטיל. אַ דאָרפישע בלויקייט האָט געפלאַטערט איבערן גאָרטן. די בעקעלעך פון די שווערע, אָפענע רויזן־קעפּ זענען געווען באַפאַרבט מיט אַ דינעם שטויב ווי פון איבערגעברענטע ציגל. רויטע און געלע שיין־פונקען ווי קליינע, גאָלדענע ליסקעס האָבן געציטערט אין די צעבליטע רייזעלעך פון די קלעטערפלאַנצן. דער זעלבער ציטער איז אויך אַרומגעשווומען איבער מאַרטאַס צעשויבערטע האָר אויף דער פלייצע און זיך אַריינגעגנבעט אינעם אויסשניט פון איר דעקאָלטע.

זי האָט אינסטינקטיוו אַ קוק־געטון צום פאָרהאַנג איבער דער טיר און אַ מאָדנע מורא פאַר דער טאָכטערס קלוגע אויגן איז פּלוצים אויפגעגאַנגען אין איר. ס׳האָט זיך איר געדאַכט, אַז די קליינע האָט אַרויסגעפילט דער מאַמעס זינדיקע געדאַנקען. און זי, מאַרטאַ, האָט זיך פאַרשעמט און זיך אָנגעהויבן צו שרעקן פאַר גומערסינדאָס מענערישע, געזונטע הענט און פאַר זיין פאַרשייט שמייכעלע, וואָס האָט אויף איר געלויערט און זי אינגאַנצן צעמישט. אויך זיין חברשאַפט מיט דער קליינער איז איר נישט געווען צום האַרצן. ער האָט זיך געשפילט מיט קוקין און מיט זיינע גנבישע בליקן געצונדן אין איר, מאַרטאַן, דאָס בלוט. די דאָזיקע זינדיקע געדאַנקען האָבן זי געפּייניקט, און וויפל זי האָט נישט געפּרוווט טראַכטן וועגן דעם שלעכטן געזונט־צושטאַנד פון איר קינד, האָט זי דאָך נישט געקאָנט פאַרטרייבן פון זיך דאָס געפיל, אַז איר אויפגעוואַכט בלוט, דאָס נישט־געזעטיקטע לייב, איז געוואָרן צייטיק ווי אַ פּירה, ווי אַ פּרוכט, וואָס וועט אַראָפּפאַלן פון בוים, ווען דאָס ערשטע שטאַרקע ווינטל וועט אַ שטויסטון די איבערגעלאָדענע צווייגן.

זי האָט אַריינגענומען דעם קאָפּ אין די הענט און ביטער געזיפצט. פֿאַרזונקען אין אַזעלכע געדאַנקען האָט זי געטראַכט: פֿאַרוואָס האָט זי דער נישט־געטרייער מאַן אַוועקגעפֿירט אין דעם דאָזיקן פֿאַרפּעסטעטן ווינקל? האָט ער דען נישט געוווּסט, אַז די מאָסקיטן וועלן דאָ צעפּרעסן די לייבער פֿון איר מיטן קינד? זיי קענען נישט שלאָפֿן גאַנצע נעכט און די שטימונג איז אַ שרעקלעכע. וואָס מיינט ער, דער ווייבערניק, אַז זיין געזעצלעך ווייב איז שוין גאַרנישט ווערט? און מיט וועמען האָט ער זי דאָ צונויפֿגעפּאָרט? אוי, גאָט אין הימל, ווי לאַנג וועט דער מערדערישער מאַן נאָך הערשן איבער איר?

זי האָט זיך באַטראַכט ווי אַ פּרוי פֿון אַ יחוסדיקער פֿאַמיליע און גע־האַלטן, אַז ס׳שטייט איר נישט אָן צו וווינען צווישן די דאָזיקע נידעריקע מענטשן, וועלכע זענען ווי די פּיאַווקעס... זיי האָבן נישט קיין אַנדערע אויפֿגאַבן ווי נאָר נאָכצוקוקן וואָס די שכנים טוען...

זאָל ער נאָר צוריקקומען פֿון דער רייזע, דער ווייבערניק, האָט זי געטראַכט, וועט זי אים שוין זאָגן, אַז אויב ער וועט נישט דינגען פֿאַר איר מיטן קינד אַ שענער צימער ערגעצוו אין די קאַרדאָבער בערג, וועט זי נעמען דאָס קראַנקע ווערעמל און צוריק אַהיימפֿאָרן. טאָמער וועט די קליינע ווידער איינפֿאַלן, וועלן די שולדיקע זיין דער טאַטע מיט דער „מויד״. פֿאַר אירטוועגן איז ער נישט קאַרג, דער שיינער באַלעבעסל. יאָ, און זי, וואָס זי איז דאָך פֿאָרט זיין געזעצלעך ווייב און די מאַמע פֿון זיינע צוויי קינדער, איר קומט־אויס זיך אויפֿצוהאַלטן אין אָט־דעם מיאוסן ווינקל.

דער גראָבער איז חוצפּהדיק. ער קריכט אַהער ווי אַ וואָרעם. און די שכנים, פּייגל מיט שפּיציקע שנאָבלען, טרייבן פּליאָטקעס. דאָס ערגסטע איז, וואָס קוקי האַלט אָן אויג אויף אים. און וואָס קען זי אַליין, די אָרעמע מאַרטאַ, טון צו דעם? זי איז דאָך נישט די באַלעבאָסטע פֿון דער שטוב! שולדיק אין די „רוסאָ״! זי איז די באַלעבאָסטע און איז פֿאַרפּליכטעט צו פֿאַרטרייבן פֿון דאַנען דעם דאָזיקן פּרעכן יונג, דעם וואַמפּיר. און זי אַליין, טראַכט זי, וועט אים מער נישט סערווירן קיין מאַטע און אויך נישט דערלאָזן, אַז ער זאָל פֿאַר איר איינקויפֿן אָדער אָפּקאָכן אַ גוטן אָנבייסן. גענוג! נאָר מיט גלייכגילטיקייט וועט זי אים פֿון דאַנען פֿאַר־טרייבן.

אין דעם מאָמענט פֿון איר טראַכטן האָט זי דערהערט דעם גרילציקן סקריפּ פֿון טירל אין אייזערנעם טויער פֿון דער פֿאַבריק. האָט זי אַ ציטער־געטון און אַנגעשפּיצט די אויערן און די חושים מיט דער שאַרפֿקייט פֿון אַ רויבפֿויגל אָדער אַ חיה, וואָס דערפֿילט דעם ריח פֿון פֿלייש און פֿון בלוט.

זי האָט זיך אויפגעהויבן און מיט אַ זייטיק, גנביש געגגעלע זיך צוגע־שאַרט צום גאָרטן־טירל. אַנגעשטעלט דאָס רעכטע אויג אויפן שליסל־לאָך און מיט זשעדנעקייט געקוקט אויף גומערסינדאָן, וועלכער איז געשטאַנען נעבן טירל, די הענט פאַרלייגט אויף דער ברוסט און געשמייכלט מיטן גאַנצן לייב און לעבן.

— אַ גוט־מאָרגן אייך, שכנימלעך, זיסע הערצעלעך! — האָט ער אַריבערגעשריען צו די צוויי ווייבער, וואָס האָבן באַשפריצט זייערע אָרעמע גערטנדלעך אַרום דער הייזקע. — ווי אַזוי זענט איר די נאַכט געשלאָפן?

— און ווי אַזוי איז דער גראָבינקער געשלאָפן? — האָט כערטרודעס אים צווייזייטיק געפרעגט אַנשטאַט אַן ענטפער — דער גראָבינקער זעט אויס פאַרחלומט... און וואָס מאַכט עפּעס די נייע שכנה?... — זי האָט אַ קוועטש־געטון מיטן רעכטן אויגווינקל און זיך צעכיכיקעט. די אַנדערע האָט צוגעגעבן:

— די נייע שכנה איז נעבעך דערשלאָגן צוליב איר טאָכטערס קראַנק־הייט... אין משך פון די צוויי וואָכן זינט זי וווינט דאָ, איז זי נעבעך אויס מענטש געוואָרן... פאַר וואָס זאָל איר דער גראָבינקער נישט ברענגען אַ ביסעלע טרייסט?...

— די שטאָטישע פריצעטעס קומען אַהער זוכן טרייסט — האָט כער־טרודיס בייסיק אַ לאַך־געטון. — מיר, די אָרעמע, די אויסגעהאָרעוועטע, מיר האָבן נישט קיין צייט צו שפּילן זיך אין ליבעלעך, נישט אַזוי, דאָניאַ קלאָטילדאַ?

אויף מאַרטאַן זענען די ווערטער געפאַלן ווי אַ רעגן פון הייסער סאַזשע. זי האָט זיך געפילט פאַרשוועכט און דערנידעריקט. זי אַליין האָט אַלע יאָרן אויסגעלאַכט און פאַראַכטעט יעדע חתונה־געהאַטע פרוי, וואָס האָט אַמאָל געזוכט צו געפעלן אַ פרעמדן מאַן. זי האָט יאָרן־לאַנג אויסגע־פירט איר מאַנס באַפעלן ווי אַ קנעכט אַ באַפעל פון זיין האַר. פּלוצלינג אָבער האָט זי דערפילט, אַז דער האַס און די פאַראַכטונג, וואָס זי האָט אויסגעשיט אויף די שיינע און רייצנדע ווייבער, זענען מיטאַמאָל געפאַלן אויף איר אייגענעם קאָפּ. זי האָט מיט ווייטיק דערפילט, אַז די נייע שכנים האָבן אַריינגעקוקט טיף אין איר נשמה און זיי האָבן זיך געכאַפּט, אַז די אויסערלעכע רויקייט אירע איז נאָר אַ געמאַכטע.

אַ שניידנדיקער האַס צו זיי האָט זיך געצונדן אין איר אין טויזנט נישט אַרויסגעזאָגטע קללות. שוואַרצע שדימלעך האָבן זיך צעטאַנצט אין אירע בליקן. טיף אין האַרצן האָט ביי איר אויפגעזונגען אַ געפיל פון נצחון איבער די נישט פאַרגינערישע שכנטעס.

זי האָט פּלוצלינג דערפילט אַרום זיך דעם ריח פון גומערסינדאָס

געזונטן, ריינעם קערפּער און דאָס בלוט אין איר האָט זיך ווילד צעברומט און געשמיסן איר לייב, עס געבריט ווי מיט הייסער לאַווע. זי האָט גע־פּרוּווט דערשטיקן אין זיך די תאווה.

אַ קרענקלעכע געלקייט האָט אויפגעלויכן אַרום אירע גראָבלעכע ליפּן און אירע אויגן זענען געוואָרן גרוי און פאַרנעפּלט. זי האָט שווער געאָטעמט און דערביי געהאַט דאָס געפיל, אַז די וועלט האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ גיהנומדיק פייער, אין וועלכן זי וועט פאַרשרפעט ווערן. זי האָט הכנעהדיק אַראָפּגעבויגן דעם פאַרשעמטן קאָפּ, פאַרלייגט די הענט איבער דער ברוסט און שטיל אַריינגעשעפּטשעט אין זיך: „גאָט אין הימל, האָב רחמנות אויף מיר, טרייב פון מיר אַרויס דעם טייוול! לעש אין מיר אויס דעם גיהנום, וואָס דער יונגער, פרעכער מאַן האָט אין מיר צעברענט! ראַטעווע מיין נשמה פון זינד און בושה. איך טו צו דיר אַ נדר, אַז איך וועל קריכן פיר און זעכציק מאָל אויף מיינע קני אַרום דער הייליקער בתולה פון לוכאַן!״.

זי איז אַנטשוויגן געוואָרן און איז צוריקגעגאַנגען נענטער צום צי־מער. זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן ערשטן טרעפּל, אַריינגענומען דאָס פּנים אין די הענט און שטיל, האַרצרייסנדיק אַריינגעהעשעט אין זיך. אירע פּערציק אָפּגעוואָגלטע יאָרן, די פאַרשעמונג און דאָס אויפגעוואַכטע בלוט האָבן שטיל מיטגעוויינט און געמאָנט ביי איר אַן ענטפער.

אין דעם איז קוקי אַרויסגעקומען צו איר. אומפאַרשטענדלעכקייט און צעמישונג האָבן זיך געטויעט אין אירע בליקן. די טרערן האָבן זיך גע־בלעזלט אַרום איר מויל. זי האָט זיך איינגעקאַרטשעט אין ווייסן, לאַנגן נאַכט־העמד און אַ היסטערישן געשריי־געטון: „מאַמי־י־י־י!״.

פון געשריי האָט זי זיך צעהוסט, איז רויט געוואָרן און קייכנדיק זיך צוגעשאַרט צו דער אַלטער, שטרויענער וויגשטול. מאַרטאַ האָט אָנגע־שטעלט אויף איר די צעמישטע אויגן פולע מיט צער. דאַן האָט זי זיך אַ ריס־געטון פון אָרט, איז צוגעלאָפן צום קינד און עס צוגעטוליעט צו זיך, געטריי געגלעט אירע צוקנדיקע אַקסלען. די קליינע האָט זיך אַ ביסעלע באַרויִקט. מאַרטאַ האָט זי אַרויפגעזעצט אויפן וויגשטול און מיטן זוים פון איר נאַכט־העמד איר אָפּגעווישט דאָס מויל און דעם שווייס פון פּנים.

— קוקי — האָט עס פון איר אַרויסגעוויינט — קינד מיינס, דו מוזט דאָך צוהעלפן דעם דאָקטער פאַר דיין געזונט ווערן. אויב דו וועסט זיך ביי יעדער קליייניקייט אַזוי אויפרעגן, וועט אונדזער מי זיין אַן אומזיסטע, זענען מיר פאַרלוירן.

די קליינע האָט אויפגעהויבן צו איר די שוואַרצע אָפּגרונטן פון די אויגן און וויינענדיק געזאָגט:

— מאַמי, די מאָסקיטן בייסן און איך קען נישט שלאָפן! מאַמי, פאַר־וואָס ווילנסטו אַזוי פיל? מאַמי, איך האָב מורא...

מאַרטאַ האָט זיך טרויעריק צעהוידעט און אַראָפּגערעדט צו דער ערד, ווי זי וואָלט זיך געשעמט אויפצוהייבן די בליקן צום קינד:

— און מיך בייסן נישט די מאָסקיטן? פאַרוואָס און פאַר וועמען האָסטו דאָס פּלוצלינג מורא באַקומען? צי טאָר דען אַ מענטש נישט באַ־ווילנען זיין ביטער מזל? אַ, זאָג מיר, מיין קינד, זאָג עס מיר!

קוקי האָט געזיפצט ווי אַ קראַנקע זקנה און געפרעגט:

— מאַמי, מאַמיטאַ, זאָג מיר, פאַרוואָס קומט נאָך נישט צוריק מיין פּאַפּי? מיר איז אומעטיק און איך וויל צום פּאַפּי!...

מאַרטאָס בליקן האָבן זיך וויט און ברייט צעעפנט, גלייך עמעצער וואָלט זי געוואָלט דערשטיקן. זי האָט דערשטיקט אין זיך אַ גאָס טרערן, זיך טרויעריק צעהוידעט און געפירט פאַר זיך מיט די קורצע ברודיקלעכע הענט.

— דיין טאַטן איז בעסער ווי מיר! ער ווייסט נישט וויפל איך לייד!... אוי, גאָט, גאָט!

זי האָט דערשטיקט אין זיך דעם צאָרן, נאָר די אייפערזוכט אויפן מאַן האָט געשניטן שטיקער פון איר באַליידיקט האַרץ און זי האָט בייסיק אַ זאָג געטון:

— גוט, מיין קינד, איצט, אַז דיין טאַטע וועט קומען, וועל איך אים זאָגן, אַז ער זאָל דיך מיטנעמען אויף זיינע האַניק־רייזעס... ער האָט פון וואַנען צו נעמען, ס'מאַכט נישט!... זאָל ער מיט זיין „דולצינעאַ" אויך ווייסן, וואָס גוט איז...

זי איז אַנטשוויגן געוואָרן און געהאַלטן אויף דער טאָכטער איר מידן, פאַרשעמטן בליק. זאָרג האָט זיך אָפּגעזעצט אַרום איר מויל און זי האָט דערביי געטראַכט:

„קוקי איז קלוג און קרענקלעך פילבאַר. ווען זי איז איצט אַלט כאָטש פופצן יאָר, וואָלט איך איר פאַרטרויט וועגן דעם אומגליק, וואָס דער רויער יונג, דער גומער־סינדאַ, האָט אין מיר אויפגעשטורעמט".

די קליינע האָט זי דורכגעברענט מיט אַ מאָנענדיקן בליק און האָט ברוגז צווישן די בלייכע ליפּן געזייעט:

— מאַמי, זינט מיר האָבן זיך אַהער אַריינגעצויגן, האָסטו מיך מער נישט ליב... מאַמי, איך ווייס, אַז דו טראַכסט איצט נישט וועגן מיר, איך ווייס!

אין מאַרטאַן האָט אויפגעקאָכט דער צאָרן, זי האָט בייז אָפּגעענט־פערט:

— זאָל דיך דיין טאַטע ליב האָבן! ער האָט אַ ברייט האַרץ!... מיך האָלט ער דאָ נישט מער ווי פאַר אַ קנעכט, ווי אַ נאַרישע דינסט. און פון קיין קנעכט פאָדערט מען נישט קיין ליבשאַפט.

זי האָט געפּאָכעט מיטן פינגער און אַראָפּגעלאָזט די אויגן.

דער קליינערס אויגן זענען געוואָרן מאָדנע גרויס און פול מיט באַ־ליידיקונג און גרעניצלאָזן צער. זי האָט פאַרבראָכן די פינגער פון די הענט און זיך ביטער צעוויינט:

— הלוואי, מאַמי, שיקט מיר גאָט דעם טויט! הלוואי! איך ווייס, אַז איך בין דאָ אַן איבעריקע. איך ווייס, אַז איך בין אייך ביידע אַ שטערונג!...

מאַרטאַ האָט איר צוגעוואָרפן אַ האַרטן בליק, זיך אויסגעדרייט און איז אַריינגעלאָפן אין צימער.

קוקי האָט איינגעגראָבן דעם קאָפּ צווישן אירע אויפגעשטעלטע קני און אירע אויגן, ווי שוואַרצע קלאָגליכטן, האָבן לאַנג און מאָנענדיק גע־שרפעט אויפן צעווייעטן פאַרהאַנג איבער דער טיר. דער ווייטיק פון אַן איבעריקן מענטשן האָט שווער געדריקט אויף איר נשמה.

— איך וועל מיר אָוועקגיין צו מיין פּאַפּי! — האָט זי ביטער געזיפצט.

— איך וועל מיך אַרויסגנבענען פון שטוב. איך וועל! — און גרויסע טרערן זענען געראָנען פון אירע אויגן.

מאַרטאַ איז צוריק אַרויסגעקומען פון צימער, אַן אויסגעפּוצטע אין אַ ניי, דין קליידל פון ברוינעם זייד. אַרום די קורצינקע אַרבעלעך האָבן געשיינט ווייסע, געפּרעסטע מאַנקעטקעלעך און אויך אַ ווייס, קיילעכדיק קעלנערל אַרום דעם דעקאָלטע. אין איר הויכער, שיין־פאַרקעמטער פריזור האָט פאַרשייט געשטעקט אַ בלוי באַנטיקל פון סאַמעט. זי איז געבליבן שטיין און נישט געוואָגט אויפצוהייבן צום קינד דאָס פאַרשעמטע פנים.

קוקי האָט זיך אויפגעהויבן און זי אָפּגעמאָסטן מיט אַ שפּיציקן בליק, אַ פולער מיט נייגעריקייט. ס׳איז איר געקומען אין זינען אַריין: יאָ, מאַמי זעט אויס שיין און יונגטלעך! די שוואַרצע קליידער, וועלכע זי האָט תמיד געטראָגן, האָבן איר נישט געפּאַסט. אָבער ווען אַ קינד איז קראַנק און אַ קינד איז אומגליקלעך, טאָר אַ מאַמי נישט אין זינען האָבן קיין שיינע קליידער. ווייַנען דאַרף זי און אָפּהיטן איר קראַנק מלאכל.

זי האָט כמאַרנע צונויפגעצויגן די ברעמען און ברוגז אַריינגעבור־טשעט אין זיך:

— מאַמי, דו גייסט אויף אַ חתונה?...

— חתונות גאָר ליגן איר אין זינען! — איז מאַרטאַ רויט געוואָרן, ווי מען וואָלט זי געכאַפּט ביי אַ גנבה — שכנים לאַכן פון מיר; זיי זאָגן, אַז איך בין אַ געשמאַקלאָזע פרוי.

זי האָט אַראָפּגעשלונגען אַ זיפּץ און אימהדיק אויסגעשטעלט דעם רעכטן קינבאַק.

— אויך זיי וועלן מיך נאָך אָנהייבן רופן „די שוואַרצע מלבושים״, פונקט ווי דער טאַטע דיינער רופט מיך, זינט איך בין געוואָרן זיין ווייב און ער האָט מיך אַריינגעשפּאַנט אין די שוואַרצע תכריכים.

קוקי האָט אַרויסגעפּילט דערשטיקטע טרערן פון דער מאַמעס שטים און זי האָט נאָכגעביק אַ מורמל־געטון:

— ווער זאָגט דיר דען עפּעס?... איך וויל נאָר, אַז דו זאָלסט מיר אויך קויפן אַזאַ קליידל, די סחורה געפעלט מיר!

— איך וועל דיר אַלץ קויפן! — האָט מאַרטאַ אָפּגעצויגן אַ פעלדעלע פון דער קאַפּטע — אָבער האָב אויף מיר רחמנות און פּייניק מיך נישט! איך בין נישט מער ווי אַן אָרעמע שטערבלעכע!

— יאָ, איך ווייס — האָט קוקי ערנסט געקנייטש דעם שטערן, — האָסט אָבער פריער באַדאַרפט אָנפרעגן ביי פּאַפּי, צי ער וועט דיר דער־לויבן אויסצוטון די שוואַרצע כאַלאַטן!...

מאַרטאַ האָט נישט־ניחהדיק געשמייכלט און צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. דאַן איז זי אַריינגעגאַנגען אין קיך, אַראָפּגענומען פון וואַנט אַ ניי שטרויען קיישעלע, בגנבה אַרויסגעצויגן פון האַנט־בייטעלע אַ קליין שפּיגעלע און זיך אויפמערקזאַם באַטראַכט און געשפּיגלט. אַ פרייד האָט זיך צעלייגט אַרום אירע ליפּן און אַרום די מענערישע קינבאַקן, וועלכע זענען געווען באַדעקט מיט אַ ראָזעווע פּאַרב און מיט ווייבערישע סודות...

זי האָט אַרויפגעצויגן אויפן פּנים אַן ערנסטע מינע און איז אַרויס־געגאַנגען דורכן גאָרטן. מיט דראָבנע טריט האָט זי זיך אָוועקגעלאָזט צו דאָן ברונאָ דעם קליטניק. זי האָט אויף זיך געפילט די נאָכשפּיאָנירנדיקע בליקן פון די ווייבער און פון גומערסינדאָן. איר האַרץ האָט געהאַמערט ווי ביי אַן אומשולדיק דאָרפיש מיידל, ווען זי דערזעט פּלוצלינג איר אויסדערוויילטן.

גומערסינדאָ האָט זיך אויסגעצויגן אין זיין גאַנצער לענג און איר נאָכגעשיקט אַ לופט־קוש. זי האָט זיך פאַרשטעקט אין אַ ווינקל לעבן קלייטל און גנביש אַ קוק־געטון צו אים. ער האָט שמייכלענדיק אויפ־געהויבן אַ האַנט און צו איר געווונקען:

— אַ גוט מאָרגן דיר, מאַרטיטאַ, זיס הערצעלע מיינס! ווער איז געווען דער גליקלעכער פון דיינע באַנאַכטיקע חלומות? ווער, מלאכל מיינס?

זי האָט זיך גיך אָפּגעטראָגן פון אָרט און מיטגענומען מיט זיך זיין שמייכל.

די ווייבער האָבן זיך איבערגעווונקען און גערעדט הויך אויפן קול:

— אָ, ער איז שוין מיט איר אויף „דו"!

— ווייל זי איז אַן אמתע „זי". זי האָט אים אַריינגעכאַפּט אין אירע הענט!

—וואָס? ער לאַכט זיך אויס פון דעם גראָבן פעסל! ער איז אַ געזונטער, שיינער בחור!

— די טאָכטער אירע ווערט נעבעך צעפרעסן פון טובערקולאָז און די מאַמע האָט אין זינען מענער, אַזאַ אויסגעלאַסנקייט!

— דער אָרעמער מאַן אירער פאַרט אַרום און זוכט צו פאַרדינען מער מיט אַ פּעזע און ווייסט נעבעך נישט, וואָס הינטער זיינע פּלייצעס טוט זיך.

— שולדיק אין די שיינע אויפפירעכצער אירע דאַרף זיין נאָר די רוסיטאַ! יענע איז שוין אַן ארויסגעוואָרפענע כלי. זי דאַרף האָבן אַ שותפטע צו אירע געשעפטן...

גומערסינדאָ האָט זיך געוואָלט פאַר זיי באַרימען, אַז ער איז שוין גאָר נאָנט מיט מאַרטאַן. האָט ער זיך אַ טראָג־געטון איבערן וועג און איז אַריין אין גאָרטן. ווען ער האָט דערזען קוקין ווייננען, האָט ער אויסגערופן דערשטוינט:

— וואָס ווייסטו, זיס הערצעלע מיינס? ווער האָט דיר שלעכטס געטון?

זי האָט אים אָנגעקוקט בייז און מיט פאַראַכטונג:

— פאַרנעם דיך פון דאַנען, דו גראָבע וואָנצעס! צוליב דיר רעדן די פּליאָטקע־מאַכערנס שלעכטס פון מיין מאַמען. איך האָב נאָר וואָס געהערט!

אַ שמייכל האָט אויפגעשיינט אַרום זיינע פריש־פאַרדרייטע וואָנצעלעך. ער האָט זיך מיט ליבשאַפט אַראָפּגעבויגן צו דער קליינער און איר געקושט אין די אויגן. זי האָט אים אָפּגעשטויסן פון זיך, געפּויקט מיט אירע קליינע פויסטלעך אויף זיין ברוסט און געשריגן ווי מיט אַ פרעמד קול:

— מומע כודיט! גיכער, גיכער! קום ראַטעווען מיך פון די גראָבע וואָנצעס!

יהודית איז אַרויסגעלאָפן פון שטיבל און זיך בייזלעך אָנגערופן צו גומערסינדאָן:

— פאַרוואָס רייצט איר די נערוון פון דער קליינער? לאָזט זי צורו.

ער האָט זיך אויסגעגלייכט און ליבלעך געענטפערט:

— ליב האָבן אַ מענטשן הייסט ביי אייך רייצן די נערוון? קאַראַמבאַ! איך האָב נאָך קיינעם קיין שלעכטס נישט געטון. מאַרטיטאַס טאָכטער איז מיר טייער!

קוקי אָבער האָט אים געוואָרנט מיטן פינגער:

— אַז דו ווילסט נישט אויפהערן צו קומען אַהער, וועל איך אויסזאָגן דער מומע כודיט, וואָס דו מיט מיין מאַמען האָבן גערעדט וועגן איר!...

— דו האָסט אַ נאַרישן שנאָבל! — האָט זיך גומערסינדאָ צעלאַכט. ער האָט זיך געווענדט צו יהודיתן:

— די קליינע איז נישט בלויז היסטעריש, נאָר אויך אַ ליגנערקע!... מען דאַרף איר פאַרמאַכן דעם שנאָבל.

— וואַרט, וואַרט, דו „טיבוראָן”, דו גראָבע וואָנצעס! באַלד וועט מיין טאַטע אַהיימקומען פון דער רייזע און מיר וועלן שוין זען, וועמעס שנאָבל מען וועט פאַרמאַכן... מיר וועלן זען! — האָט זי געשריגן ווי נית מיט איר קול.

יהודית האָט געקוקט גומערסינדאָן גלייך אין די אויגן אַריין און נישט אַרויסגערעדט קיין וואָרט. ער האָט זיך געפילט אַ ביסל פאַרלעגן.

אין דעם איז מאַרטאַ צוריקגעקומען פון קלייטל און זיך געגרייט עפּעס צו זאָגן.

— וואָס טוט זיך דאָ? — האָט עס פון איר אַרויסגעשיפּעט.

ער האָט אָנגעשטעלט אויף איר זיינע פאַרזשמורעטע אייגעלעך און געשמייכלט מיט זיין זאַרגלאָזן שמייכל:

—אַ גוט מאָרגן דיר, מאַרטיטאַ, זיס הערצעלע מיינס!

מאַרטאַ האָט זיך גיך אויסגעדרייט און איז אַוועק אין קיך. גומער־סינדאָ איז איר נאָכגעגאַנגען. קוקי און יהודית האָבן זיך פילזאָגנדיק אי־בערגעקוקט און געשוויגן.

יהודית איז אַוועקגעגאַנגען צו די בלומען, אויפגעהויבן די וואַסער־קישקע און זיי באַשפּריצט. אַלץ אין איר האָט געברויזט, אַ געפיל פון וואָרענונג האָט איר אונטערגעזאָגט: היט דיך, יהודית, דאָ וועט זיך עפּעס אויספּיקען, עפּעס זייער נישט אָנגענעמס. דער דאָזיקער גומער־סינדאָ וועט זי שוין נישט אַרויסלאָזן פון זיינע פעסטע לאַפּעס! דאָ וועט זיך נאָך גיסן בלוט!...

גומערסינדאָ האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן דער לייסט פון טירל, פאַר־רויכערט אַ ציגאַרעטל און געבלאָזן די קנוילן רויך אויף איר האַלדז און נאַקן. מאַרטאַ האָט זיך געפּאַרעט ביי די פייערקעס פון אייזערנעם איוועלע און זיך באַמיט צו בלייבן רויק.

ביי אים איז גאָר אויסגעקומען, אַז מאַרטאַ האָט גלאַט אַזוי זיך גע־פּראַוועט ווייבערישע קאַפּריזן און אַזאַ כאַראַקטער פון אַ פרוי איז אים געווען אינגאַנצן פרעמד. ער איז געווען געוווינט, אַז ווייבער זאָלן אים זוכן... ער האָט זיך קיינמאָל נישט געיאָגט נאָך נישט דערגרייכבאַרע ליבע־אַוואַנטורעס. ער האָט זיך אויך קיינמאָל נישט גענומען צו שטאַרק צום

האַרצן. ווען איינע פון זיינע כלות האָט אים איבערגעלאָזט צוליב אַ נאַרישן קאַפּריז. ער האָט ליב געהאַט דאָס פרייע, זאָרגלאָזע לעבן און תמיד זיך געפונען אין אַ גוטער שטימונג. האָט קיין איבעריקן סענט נישט פאַרמאָגט, אָבער שטענדיק געהאַט אַלץ וואָס נאָר ער האָט געוואָלט. ער איז געווען זיכער, אַז זיין גוט מזל וועט אים שוין צושפּילן און ס׳איז אים שוין פון פריער באַשטימט געוואָרן, וואָס מיט אים דאַרף געשען. און אַז ס׳וועט גאָרנישט העלפן, אויב ער וועט זיך קלאַפּן דעם קאָפּ אָן דער וואַנט און זוכן עפּעס אַזוינס, וואָס געהערט אים נישט...

מאַרטאַ, האָט ער געהאַלטן, איז אים ווי פון גאָט אַליין צוגעשיקט געוואָרן. ער איז געווען אַן עכטער אַרגענטינער. אין אים האָט געפלאָסן דאָס בלוט פון זיינע דורות. ער איז געווען גרייט אויף די גרעסטע קרבנות. ער איז אַפילו גרייט געווען צו באַצאָלן מיטן לעבן, אויב דאָס וועט נאָר נייטיק זיין, אָבער מאַרטאַ וועט אים מוזן געהערן, אים אַליין און ווייטער קיינעם נישט. צו קיין שום פריערדיקער פרוי האָט ער נישט געהאַט אַזאַ שטאַרק געפיל ווי צו איר.

— מאַרטיטאַ, זיס הערצעלע מיינס — האָט ער איבערגעריסן די שטיל־קייט — צו וואָס מאַכסטו דיך אַזוי נאַריש? שוין גאַנצע צוויי וואָכן ווי מיר האָבן זיך ליב, שטאַרק ליב, איז דאָס פאַר דיר נאָך ווינציק צייט?

ער האָט אַריינגעשפּאַנט אין דער קיך און זי אַריינגענומען אין זיינע אָרעמס. זי האָט זיך אַ ווילע פאַרלוירן. באַלד אָבער איז זי ווידער צו זיך געקומען, זיך אַ ריס געטון פון אים און אים מיטן גאַנצן כוח אַרויסגע־וואָרפן פון קיכל. ער איז צוגעפאַלן צו דער וואַנט, זיך אויסגעגלייכט און — געשמייכלט...

— אָ, דו ביסט שטאַרק, זיס הערצעלע מיינס!

זי האָט זיך אויסגעדרייט מיטן רוקן צו אים און שטיל געמורמלט:

— צוליב אייך וועל איך דאָ באַרעדט! וואָס האָט איר צו מיר? איך האָב דאָך אַ מאַן און איך האָב אים ליב...

זי איז אַנטשוויגן געוואָרן און אַרויסגעגאַנגען פון קיכל אין צימער אַריין, ווו זי האָט זיך שווער אַראָפּגעלאָזט אין ווינקל אַנטקעגן טישל מיט דער אַלטער איקאָנע, זיך עטלעכע מאָל איבערגעצלמט און דורך דער־שטיקטע טרערן געבעטן:

„הייליק מוטערל, פאַרגיב מיר... האָב רחמנות, ראַטעווע, ראַטעווע!...".

קוקי האָט אויפגעהויבן דעם פאָרהאַנג איבער דער טיר. אירע אויגן, פולע מיט שרעק, האָבן געשרפּעט איבער דער מאַמעס פּלייצע. זי האָט פאַרבראָכן די פינגער פון די הענטלעך און פאַרשלאָסן די אויגן. אַ פרומ־קייט האָט זיך צעגאָסן איבער איר פּנים און זי האָט מיטגעבעטן: „הייליקע

מאַמעלע, האָב רחמנות אויף דיינע אָרעמע קנעכט. שיק אונדז צוריק די רו און דאָס גליק...

אויך גומערסינדאָ איז געבליבן שטיין נעבן דער טיר מיטן צעפּלויגע־נעם פּאָרהאַנג. אַ ווייכקייט האָט געשימערט אין זיינע אויגן און אַ טיפע אומפאַרשטענדלעכקייט. ער איז נישט געווען פרום, אָבער דאָס געבעט פון דער מאַמע מיט דער טאָכטער האָבן ביי אים אַרויסגערופן אַ רירנדיקע גוטסקייט.

זיינע ליפּן האָבן זיך אַ קרום געטון:

— גאָט, באַפריי דיינע קינדער פון זייער שרעק און פון דער קנעכט־שאַפט...

קאַפּיטל זעקס

ביים טאָג איז יהודית געזעסן צווישן די בלומען־בייטן הינטערן שטיבל און האָט אויסגעהאָפטן אַ רויז אויפן שפּיץ פון אַ ווייסער סערוועטקע. די סערוועטקע איז אַ לאַנגע צייט געלעגן אין ניי־זעקעלע מיט אָנגעהויבענע אַרבעטן. זי האָט מורא געהאַט זיך צו נעמען צו דער דאָזיקער אַרבעט. זיך געשראָקן פאַר דער קונהטע, וואָס האָט געגישטערט צווישן די בלע־טעלעך און שטענגעלעך אויף די אויסגעהאָפטענע זאַכן, און האָט מיט אירע באַמערקונגען און זאָגן נביאות אַרויסגענומען די נשמה. נאָר אַ דאַנק דער באַקאַנטשאַפט מיט גינערן האָט יהודית זיך אָנגענומען מיט שטאַרקן ווילן זיך קעגנצושטעלן די שווערקייטן. אַזאַ ווילן האָט זי נאָר געהאַט קליי־נערהייט, ווען זי האָט זיך כמעט טעגלעך געמוזט אַנטקעגנשטעלן דעם ווילן פון טאַטע־מאַמע, ווייל זיי האָבן זי געהאַלטן פאַר אַ נישט גוט גע־ראָטן, שפּעט־געקומען מיידל. ווען זי איז קוים אַלט געוואָרן זעכצן יאָר, האָבן זיי איר שוין געוואָלט חתונה מאַכן מיט אַ יונגען, רייכן אַלמן פון דאָרף.

דעמאָלט האָט זי זיך טעג און וואָכן לאַנג אויסבאַהאַלטן ביי מישאָס שוועסטער און ווען ס'איז אַרויס אַ קלאַנג, אַז זי איז גאָר אַנטלאָפן מיט אַ שגץ, האָט זי זיך ווידער באַוויזן פאַר טאַטע־מאַמע און זיי אָנגעשראָקן, אַז אויב זיי וועלן איר חתונה מאַכן מיטן אַלמן, וועט זי אויף אַן אמת אַוועק אין דער וועלט אַריין מיטן רייכן גוט־באַזיצערס זונדל אַנטאָן, דער צו־קונפטיקער אַפּטייקער. זי האָט אָבער נישט דערציילט, אַז ביי איר אין האַרצן האָט זיך שוין געוועבט און געטליעט אַ שטאַרקע האָפענונג אויף

מישאַן. ערשט ווען מישאַ איז אויף אייביק אַוועקגעפאָרן, איז איר חלום צערונען געוואָרן. דערפאַר האָט אין איר אויפגעפלאַמט אַן אַנדערער באַגער צו ווערן אַ גרויסאַרטיקע פרוי און זי האָט זיך פאָרגענומען קיינמאָל נישט חתונה צו האָבן מיט אַזאַ מאַנספאַרשוין ווי פעטריק און אַלע אַנדערע יונגע פאַראָבקעס, וועלכע האָבן געפאַטשט און דערנידעריקט זייערע ווייבער. אויך די ברייטפלייציקע מענער מיט די תמימותדיקע אויגן, די שוואָגערס אירע, זענען איר נישט געפעלן געווען. און ווינציקער פון אַלע איז איר נישט געווען געפעלן דער אייגענער טאַטע מיט די ברוינע, טיפע אויגן און מיט דער ברוינער, קאָלטענעוואַטער באָרד. ביי איר איז אויסגעקומען, אַז דער טאַטע איז געווען אומוויסנד, ווי די אָקסן פון זיין טשערעדע, ווייל ער האָט זיך נישט גערעכנט מיט די זאָרגן פון דער מאַמען, וועלכע האָט מער קיין קינדער נישט געוואָלט האָבן...

יהודית האָט זיך אויסגעחלומט אַ באַזונדערס אידעאַלן מאַן, וועלכער זאָל זיין אַ מענטש מיט שיינע, ווייסע הענט און מיט אַ מילדן בליק, וואָס זאָל וואַרעמען ווי די פרילינגדיקע זון. מיט אַ בליק, וואָס זאָל היילן און ראַטעווען פון טויט; אַ בליק, וואָס זאָל איר זאָגן מער ווי ראָמעאָ האָט געזאָגט צו זשוליעטאַן. איר אויסגעחלומטער מאַן מוז אויך ליב האָב בלומען, קענען שפילן אויף פידל און זאָל איבערהויפט זיין איינער צווישן טויזנטער. אין נאַטאַליאַן האָט זי געגלויבט צו האָבן געפינען דעם ריכטיקן פאַרטנער. אין אים האָט זי געגלויבט; און אויך דעמאָלט, ווען ער האָט זי פאַרלאָזט, האָט זי נישט געטראַכט פון קיין צווייטן. יאָרנלאַנג האָט זי אויסגעוויטיקט די אַנטוישונג און די בענקשאַפט. ווען בעלי־רחמנות האָבן זי געוואָלט באַקאָנען מיט „אַזוינס און אַזעלכעס", פלעגט איר דורכגיין אַ גרויל איבערן לייב און אַ געפיל פון עקל האָט זי געקוועלט אונטערן האַרצן. זי האָט נישט באַנומען, ווי אַזוי מענער און ווייבער קענען זיך צונויפקומען אין אַ שטוב און פאַרהאַנדלען וועגן שידוכים, צי זיי זענען לוינבאַר... און מען שמועסט זיך אָפ, ווען די חתונה זאָל פאָרקומען... דעם דאָזיקן אַלטן שטייגער האָט זי פאַראַכטעט. טיף אין איר נשמה האָט זי געוואָלט אויסוואַרעמען און לאָזן זיך אויסלעבן אַ ניי, אַן אייגן געפיל. זי האָט געשטרעבט נאָך אַזאַ ליבע, וואָס זאָל בכוח זיין אָפצווישן און אויסצוגלייכן יעדעס קנייטשעלע פון איר פאַרווונדעט האַרץ און זי זאָל מיט פרישן מוט קענען אויפסניי אויפשיינען און גליקלעך מאַכן איר פריינט.

די דאָזיקע דרימלענדיקע חלומות און באַגערן האָט גינער אין איר אויפגעוועקט נאָך קאַרגע צען יאָר איינזאַם לעבן. זי האָט זיך געפילט באַנייט, ווי מיט אַ נשמה־יתירה און ווידער פול מיט באַגערן צו ווערן — אַ מאַמע. אין אירע רויקע, מילדע אויגן האָבן זיך געשפיגלט בלויע פריי־

ליגנען און פייערלעך פון האָפענונגען. די צאַרטע צווייגעלעך פון די ווייס־בלויע צוויט־בלעטלעך האָבן צו איר געשעפטשעט גינערס לעצטע געזעגע־נונגס־ווערטער: „צום ווידערזען, כודיט! די טעג וועל איך ווידער קומען! און ווייסטו וואָס נאָך, כודיט, דו ביסט אַ ווונדערלעכער מענטש און אַ צאַרטע פרוי. קיינמאָל האָב איך נאָך נישט געטראָפן אַזאַ פרוי ווי דו. פון אונדז ביידע וואָלט זיך אַנטוויקלט אַ ווונדערבאַרער קנאָספּ...“

זי האָט געהאַט דאָס געפיל, אַז ער האָט איבערגעחזרט די ווערטער, וועלכע ער האָט שוין אַמאָל געהאַט געזאָגט. אירע אויגן האָבן געקוקט אין אַלע זייטן און אים געזוכט. אַרום איר איז געווען שטיל און ס'האָט געררוט אַ פרומע אויפגערוימטקייט. ראָזעווע וואָלקנדלעך האָבן געשוועבט איבער דעם טיפן, ווייס־בלויען הימל און אַ פורפורנער פאַס האָט ווי אויס־געקושט דעם האָריזאָנט. אַ צופרידענע האָט זי אָנגעשטעלט אירע בליקן אויפן אַנדערן ראַנד פון גרויסן גאָרטן און ס'האָט זיך איר געדאַכט, אַז גינער איז דאָרט געשטאַנען פאַר אַ גרויסן לייוונט און געמאָלן; אַז רויטע שריפות שיטן זיך פון זיין פענדזל און אויף די פלאַמען באַווייזט זיך אַ ייִדישער זקן מיט אַ ווייסער, געלאָקטער באָרד און מיט ברייטע, טיפע קאַרבן אויפן שטערן, און אַז זיינע אויגן לייכטן ווי בלישטשענדיקע שטערן... און אָט זעט זי נעבן גינערן שטיין אַ קליין מיידעלע מיט בלאָנדע לעקעלעך און מיט אַ גליקלעכן שמייכל אויף איר קיילעכדיק, מילד פּנים. די קליינע פרעגט אים מיט אַ זיס קול: „פּאַפּי, ווער איז דאָס דער מענטש, וואָס גייט־אַראָפּ פון די פייערדיקע וואָלקנס?“.

„דאָס איז דער אייביקער ייִד, מיין קינד, דער אייביקער ייִד, וועלכער איז נאָר־וואָס אַרויסגעקומען פון אַלע גיהנומדיקע פייערן, אין וועלכע די מערדערישע וועלט האָט אים אַריינגעוואָרפן. אַצינד גייט ער ווידער צו זיין פאָלק אַ געהייליקטער, אַ געלייטערטער פון זיינע ליידן און אַ באַנייטער און געשטאַרקטער מיטן גייסט פון ווידערשטאַנד“.

אַ כוואַליע מיט פרייד האָט זיך צעגאָסן אין יהודיתעס האַרץ. גאָלדיק זענען געוואָרן אירע בליקן, סנאָפּעס קלאַנגען האָבן זיך געריסן פון די טיפקייטן פון איר נשמה, וואָס איז געוואָרן פול מיט פרייד.

אין דעם האָט זי דערהערט עמעצנס טריט הינטער זיך און דאָס האַרץ האָט איר אַ צאַפּל־געטון. ס'האָט זיך פון איר אַרויסגעריסן דאָס קול: גינער!

געווען איז עס גאָר קעשין, איר שיפסברודער, און דאָן פּופּיקס אַ פלימעניק. ער איז געבליבן שטיין נעבן איר און זי אָפּגעגאָסן מיט די שריפות פון זיינע אַ ביסל צו גרויסע אויגן. זי האָט אַוועקגעלייגט די אַרבעט פון די הענט און אים אָנגעקוקט מיט אַן אומניחהדיקער מינע און אויך מיט באַנג. ער האָט איר דערלאַנגט די האַנט און זיך אָנגערופן:

— יהודיתל, דו שיינסט ווי שולמית! יהודיתל, ווען האָסטו נאַר־וואָס גערופן?...

— ווען ביסטו געקומען אין שטאָט? — האָט זי ווי געזייעט צווישן די ליפּן — און וואָס, אייגנטלעך, האָט דיך ווידער אַהערגעבראַכט? ווען, קעשין, וועסטו ענדלעך אויפהערן מיך און דיך צו פּייניקן?...

— יהודיתל, וואָס טוט זיך מיט דיר? — האָט ער אַ זאָג געטון און ברייט צעעפּנט זיינע אויגן — צי טאָר איך נישט קומען זען, וואָס דו מאַכסט?...

שרעק האָט געקלונגען אין זיין שטים, אומגעצוימטער אימפּעט און אויך אַ געוואַלטיקער כוח, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט אויף זיינע פּאַר־באַטענע וויזיטן צו איר. ס'האָט זיך אויך אַרויסגעהערט פון זיינע רייד אַ כוח, וואָס האָט זי געוואָלט אַרויסרייסן פון איר עקשנות און פון איר קאַלט־קייט צו אים. ער האָט זיך אַנידערגעשטעלט אַנטקעגן איר ווי אַ מעכ־טיקער, איבערגעפּרעסענער ביק מיט פאַרדרייטע הערנער, אַ חיה אַן „ער", וואָס וואַרפט־אַן אַ שרעק, ווען זי גרייט זיך דורכצוברעכן אַלע פאַרצווי־מונגען, וואָס פאַרשטעלן איר דעם וועג צו איר „פאַרטנערשע".

און כאָטש אַזאַ אויסזען זיינער האָט זי אָפּגעשטויסן און איז איר געווען דערווידער, האָט אין יהודיתן אויפגעציטערט אַ טיף מיטגעפיל צו אים. זי האָט אים מיטגעפילט, וואָס נישט געקוקט אויף זיינע פערציק בחורשע יאָרן איז ער נאָך אַלץ געלעגן ביי אירע קליינע, כמעט קינדערשע פיסלעך און געצאַפּלט פאַר איר און זי הילפלאָז געבעטן, אַז זי, די שוואַכע יהודית, זאָל זיך איבער אים מרחם זיין, אים אויפהייבן פון דער ערד און אים געבן אַ תיקון. אָבער זי האָט מורא געהאַט אים אַרויסצוווייזן איר מיטגעפיל. האָט זי געשוויגן און אים געלאָזט אויסגיסן פאַר איר די ביטערניש פון זיין באַליידיקט האַרץ. זי האָט געטראַכט, אַז אפשר וועט זי מיט איר שטומ־קייט איינמאָל פאַר אַלעמאָל מאַכן אַ סוף צו זיינע און אויך צו אירע ליידן, וועלכע ער ברענגט־מיט מיט זיך יעדעס מאָל, ווען ער קומט צו איר באַנייען זיינע חתונה־פאַרשלאָגן.

— יהודיתל! — האָט ער איבערגעריסן די שטילקייט — מיין קליין מאַמעלע, וואָס וועט פאַרט זיין פון אונדזער לעבן? יהודיתל!...

דער דינער ציטער פון זיין קול האָט זי גערירט. אָבער באַלד האָט עס אין איר אויפגעציטערט און זי האָט אַ זאָג־געטון:

— קעשין, דיין קוזין, דאָן פּופּיק, ווייסט שוין מיין באַשטימונג!...

ער האָט אינסטינקטיוו אַרויסגעשטעלט איין זייט פון ברייטן, געזונטן ברוסטקאַסטן, אַריינגעשטעקט די פינגער אין זיינע שוואַרצע, געדיכטע קנוידערן פון קאָפּ און אין אַ פּאָזע פון וואָרענונג גענומען שפּאַנען אַהין

און צוריק איבערן שמאָלן שטעזשקעלע. באַלד אָבער האָט ער זיך ווידער אָפּגעשטעלט נעבן איר. ס׳האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז קעשין איז אַ ווילדער מדבר־יונג און אַז ער וועט זיך וואַרפן אויף איר ווי אַ וואָלף אויף אַ שוואַך, קליין שעפעלע און זי דערשטיקן אויף טויט. זי איז בלייך גע־וואָרן. אירע ליפּן האָבן זיך יסורימדיק געקרימט.

— הער זיך צו, קעשין, איך בין נישט ווערט, אַז דו זאָלסט דיך אומ־ברענגען צוליב מיר! קעשין, נעם דיך אַריין אין דיינע הענט!

ער האָט זיך שווייגנדיק אַראָפּגעלאָזט אויפן גראָז, אָנגעכאַפּט אירע הענט און ליידנשאַפטלעך ווילד אויסגעקושט אַלע נעגעלעך פון אירע שמאָלע פינגער. יהודית איז געוואָרן בלייך. זי האָט האַסטיק אַרויסגעריסן אירע הענט פון זיינע און זיך געבעטן ביי אים:

— טו דאָס נישט, קעשין!

ער האָט אויפגעהויבן צו איר די פייערן פון זיינע מאַנענדיקע בליקן און שווער געאָטעמט.

יהודית האָט זיך אַוועקגעדרייט פון אים און איז אַריינגעגאַנגען אין שטיבל, זיך אַרויפגעוואָרפן אויפן אייזערנעם בעטל, אַריינגענומען דאָס פּנים אין די הענט און שווער אָפּגעאָטעמט עטלעכע מאָל. אַ קרענקלעכע געלקייט האָט זיך באַוויזן אַרום אירע ליפּן און זי האָט אַרויסגעלאָזט אַזאַ מין דערשטיקט געשריי.

קעשין איז צוגעקומען צום טירל און איז געבליבן שטיין. זיין מע־נערישע אייגנליבע האָט געליטן פון זיין דורכפאַל און זיך געבאָדן אין בלוט. ס׳האָט זיך פון אים אַרויסגעריסן:

— יהודיתל, פאַרוואָס ווילסטו מיך נישט פאַרשטיין? יהודיתל, צי ווייסטו דען נישט, אַז ווען אַ פרוי הייבט אָן צו וועלקן, פאַרלירט זי יעדן רייץ און זי איז שוין דעמאָלט אַ פאַרלוירענע?... ביז ווען, יהודיתל, וועסטו נאָך דאָן קיכאָטעווען?

ער האָט זי אָפּגעגאָסן מיט אַ בייזן בליק, ווי זי וואָלט אים עפּעס שולדיק געווען, און צוגעגעבן:

— ביז ווען וועסטו פלאַטערן אין די בלויע וואָלקנס און נישט פילן, אַז די ערד אונטער דיינע פיס וואַקלט זיך!...

זי האָט נאָכגיביק געשאָקלט מיטן קאָפּ. אומעט און געבעט האָבן אַרומגעטאַנצט אַרום איר מויל און זי האָט שוואַך צוגעגעבן:

— קעשין, איך ווייס אַז איך בין שוין קיין מיידעלע. איך ווייס אָבער אויך, אַז אויך מענער ווערן עלטער און נישט ייִנגער. דערפאַר טאָקע ראָט איך דיר: לאָז מיך לעבן, לאָז מיך אָפּ, דו ביסט מיר אַ פריינט, און ווי אַזעלכער מוזטו מיך פאַרשטיין און מיך אויפהערן צו פייניקן!...

ער האָט איינגעהאַלטן אין זיך דעם צאָרן און אָפּגעהאַקט געענטפערט:

— דו אַליין, דו, דאָן קיכאָט, דו ביסט דיר דיין ערגסטער שונא! דו אַליין גראָבסט פאַר דיר אַ קבר. די שטיינער פון דער ערד מורמלען שוין נאָך אַלע בייזע קלאַנגען וועגן דיר!...

אירע בלייכע הענט האָבן אויפגעציטערט און אַ מאָדנע שרעק האָט זיך געצונדן אין אירע אויפגעריסענע אויגן.

קעשין האָט זיך דערשראָקן פאַר איר פלוצלינגדיקער פאַרענדערונג. איר שוואַכער געזונט־צושטאַנד האָט אים באַומרויקט. ער איז געשטאַנען פאַר איר ווי אַ פאַרמשפּטער צום טויט און האָט מורא געהאַט אויסצו־רעדן אַ וואָרט. ער איז גרייט געווען צוצופאַלן צו אירע פיס און אויסקושן אויפסניי די נעגעלעך פון אירע קליינע, הנעוודיקע פינגערלעך, כדי יעדער באַריר פון זיינע ליפּן זאָל איר דערציילן פון אַלץ וואָס קומט פאַר אין זיין נשמה; דערציילן וועגן דעם פּיין און ווייטיק, וואָס האָט זיך אין אים אָנ־געזאַמלט, זינט ער האָט זי דערקאָנט.

אַ געדריקטע שטימונג האָט זיך אָפּגעזעצט אַרום זיי. די צווייגעלעך פון אייביק גרינעם פאַלמען־ביימל הינטערן אָפענעם פענצטער האָבן שטיל געררוישט און דורכגעלאָזן אַ בלייכן שיין, וועלכער איז געפאַלן אויף יהו־דיתן, אויף איר בלייך פּנים, און געציטערט אויף אירע מידע, אויסגע־האָרעוועטע הענט.

זי האָט אים געוואָלט דערציילן וועגן אירע געפילן צו גינערן. זי האָט געזוכט די געהעריקע ווערטער אויסצודריקן פאַר אים די דאָזיקע געפילן פון ליבע, וועלכע זענען פון דער נאַטור קאַפּריזנע, פאַרשייט; אים זאָגן, אַז קיין שום מענטש, נישט דער שטאַרקער און נישט דער שוואַכער, נישט דער מערדער און נישט דער צדיק, האָט ווען ס׳איז געקאָנט אַרויפ־צווינגען אויף עמעצן דאָס געפיל פון ליבשאַפט; ס׳האָט נאָך קיינער קיינ־מאָל נישט באַוויזן קאַלט און אויסגערעכנט צו נישט צו מאַכן אַ געפיל פון איין פערזאָן צו דער אַנדערער, צו יענער, אין וועלכער מען איז ווירקלעך פאַרליבט. אים אויפקלערן, אַז די געפילן פון ליבשאַפט זענען געגליכן צו דער זון, וועלכע שיינט־אויף און פאַרגייט אָן קיינעמס באַפעל; זי ווערט באַוועגט נאָר פון איר אייגענעם נאַטירלעכן, קאָסמישן גאַנג.

זי האָט געוואָלט זאָגן דאָס אַלץ, אָבער גאָרנישט געזאָגט.

זי האָט אויך נישט געוואָגט צו זאָגן קעשינען, אַז דווקא זיינע ווילדע אָנפאַלן פון אומגעצוימטער ליידנשאַפט האָבן זי אַלץ מער פון אים דער־ווייטערט, אַז זיין פאַרצווייפלונג האָט אַרויסגערופן ביי איר נישט מער ווי אַ געפיל פון רחמנות. אים געבן צו פאַרשטיין, אַז מעגלעך, ווען ער וואָלט געווען געפונען דעם שליסל צו איר נשמה, וואָלטן זיי שוין אפשר פון לאַנג

געווען אונטער איין דאַך. אָבער זיינע צעמישטע געפילן און די ווילדע באַ־גערן האָבן זיך אָפּגעשראָקן און זי האָט דערשטיקט אין זיך די ווירקלעך־אויפריכטיקע געדאַנקען און געפילן צו אים.

זי האָט אויפגעהויבן די אויגן, אין וועלכע ס'איז געווען צו מערקן פעסטקייט, און איבערגעריסן די שטילקייט:

— קעשין, איך בין נישט געזונט... לאָז מיך אַליין. און וויסן זאָלסטו, אַז מיין האַרץ געהערט שוין צו אַ צווייטן!...

ער האָט אויפגעהויבן קעגן איר זיינע האַרטע, ברייטע דלאָניעס און זי אָפּגעגאָסן מיט זיינע צעגלאַנצטע אַפּלען פון די כמעט ווילנעבדיקע אויגן.

— ששש! קיין וואָרט וועל איך מער נישט דערמאָנען וועגן דעם! ששש, יהודיתל!

יהודית האָט איצט געזען און געפילט, אַז אירע לעצטע רייד האָבן צעבונדן אין אים פאַרדרוס און צאָרן און אַז ער וועט שוין נישט אָוועקגיין פון איר און אַז זי וועט אים פשוט מוזן אַרויסוואַרפן,— אַ זאַך, וואָס זי האָט שוין עטלעכע מאָל געמוזט טון קעגן איר אייגענעם ווילן און פאַר־שטאַנד. אָבער אין דעם מאָמענט זענען זיינע אויגן, ווי מאַגנעטיש, געפאַלן אויף נאַטאַליאָס פידל אויף דער וואַנט און זיין פּנים האָט זיך צעקרומט אין אַ קרענקלעכער גרימאַסע. ס'האָט פון אים אַרויסגעציטערט:

— אָט דער אַלטער דריפּעטש איז דיין פּריצייטיקער טויט! וואַרף אים אַרויס! — האָט ער געשריגן מיט ציין־קריצעניש. — און דו וועסט פאַרגעסן אָן דעם פאַדליעץ, אָן דיין געפאַלנקייט, אָן דיין פאַרשעמונג!...

אין יהודיתן האָט זיך צעווילדעוועט דער צאָרן און זי האָט אַ געשריי געטון נישט מיט איר קול:

— שוייג, קעשין, שוייג! נאַטאַליאָס געדעכעניש איז מיר נאָך אַלץ טייער.

ער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און דערשלאָגן געמורמלט:

— דיין פאַרשעמונג, קליין מאַמעלע מיינס, איז אויך מיין פאַרשעמונג און זי מאָנט ביי מיר אַ פאַרגיטיקונג. זיי מיר מוחל.

— שוייג, האָב איך געזאָגט! נאַטאַליאָ איז געווען מיין מאַן! מיר האָבן זיך ליב געהאַט, דו בהמה! — האָט זי ווייטער גערעדט און אים מיטן ווייזפינגער געוואָרנט, און באַלד צוגעגעבן שטיל:

עס איז גאַנץ מעגלעך, קעשין, אַז נישט איך, נישט דו און אפשר נאַטאַליאָ גופא אויך נישט, וועלן זוכה זיין ווען ס'איז צו לעבן אַזאַ גאַנץ און געפילפול לעבן און אויסזינגען די פרייד, וואָס איך און נאַטאַליאָ צו־זאַמען האָבן איבערגעלעבט...

אַ קרענקלעכע איפּערזוכט האָט געשניטן זײַן באַליידיקט האַרץ. ער האָט נישט געוואָגט אויפצוהייבן צו איר די אויגן.

ער האָט איר שטיל געענטפערט:

— גוט, זאָל זײַן ווי דו זאָגסט. איך וועל שוין קיין איין וואָרט מער נישט דערמאָנען וועגן דעם. איך בעט בײַ דיר פאַרגעבונג.

— איך וועל דיר פאַרגעבן, אָבער מיטן באַדינג, אַז דו זאָלסט אויף אייביק פאַרגעסן מײַן אַדרעס!...

זי איז אַנטשוויגן געוואָרן און געוואַרט ער זאָל אַוועקגיין.

זײַן בליק האָט זיך אײַנגעגעסן אין אירע ליפּן און ער האָט זיך רחמימדיק געבעטן, אַז זי זאָל מער גאָר נישט זאָגן. דאַן האָט ער זיך ראַפּטום אויסגעדרייט און זיך מיט זײַנע לאַנגע פיס אַרויסגעטראָגן פון גאָרטן. אָבער זײַן מענערישע אייגנליבע האָט אין אים געברויזט. ער האָט צו זיך געזאָגט: „זי וועט מוזן חתונה האָבן מיט מיר, זי וועט מוזן!". ביים אָפענעם טירל איז ער שטיין־געבליבן און אויסגעדרייט דאָס פּנים צום אָפענעם פענצטערל פון שטיבל. די צווייגלעך פון פּאַלמען־ביימל האָבן רוישנדיק געמורמלט ווי זיי וואָלטן גערעדט צו אים און אים געוואָרנט: „זאָלסט אויף אייביק פאַרגעסן מײַן אַדרעס".

אין דעם מאָמענט האָט זיך נאָך שטאַרקער צעשריגן דער ווייטיק אין אים און ער איז געווען גרייט צו שטאַרבן, אַבי זי צו קענען דעראָבערן און כאָטש צו זײַן מיט איר צוזאַמען איין טאָג מיט איין נאַכט... ער האָט אָבער זײַן האָפענונג נישט אויפגעגעבן. זיך האַסטיק אויסגעדרייט און איז ווי אַ וואַנזיניקער און מיט אַ געבראָכענעם שטאָלץ געלאָפן צו זײַן קוזין.

דאַן פּופּיק האָט זיך אים אַנטקעגנגעבייכלט, אים אָפּגעגאָסן מיט די צעשמייכלטע גוידערלעך פון אונטערן גאָמבעלע און געפרעגט:

— נו, וואָס האָסטו באַן ניר געפּועלט? — ער איז אָבער באַלד אַנטשוויגן געוואָרן און אַ קוועטש־געטון מיטן רעכטן אויגווינקל.

קעשין האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ בענקל לעבן טיש, אַרויסגענומען פון קעשענע אַ גרויס נאָזטיכל און אָפּגעווישט די ריטשקעס שווייס פון זײַן פינצטער פּנים, פון האַלדז און נאַקן. פּופּיק האָט זיך צעהוידעט אויף זײַנע קורצע, קרומע פיס און שמייכלענדיק צוגעגעבן:

— קעשין, יאַך זאָג דיר, אַז דו ביסט נישט מער ווי אַ בהמה, אַ בהמה און ניש קאָ מאַנספּאַרשוין, ניש דאָ געדאַכעט! אַרום יענער דרייען זיך פּעטע העכטן!

ער האָט ווידער אַ קוועטש געטון מיטן אויגנווינקל און צוגעגעבן:

— איר באַלעבעסל האָט שוין סאַווי ביין ניר אָפּגעלעקט די סמעטענע...

— מנוול! — האָט קעשין אַ זעץ־געטון מיט דער פויסט אין טיש אַריין — איך וועל דיך ממיתן צום טויט, אויב דו וועסט נאָך אַמאָל דערמאָנען יהודיתס נאָמען.

אויף זיינע קולות איז געקומען צו לויפן די פופיטשקע, אַ הויכע, ברייטע יידענע מיט פריש־געפּאַרבטע, בלאָנדע קנוידערן און מיט אַ הויכן, פּאַראַד־נעם בוזים. זי האָט פיינט געהאַט יהודיתן און האָט איר נישט פאַרגונען קע־שינס אײדעלע באַציִונג. זי האָט געוווסט, אַז קעשין האָט זיך פאַרליבט אין יהודיתן אויף דער שיף פון האַמבורג קיין ב׳ איירעס; און אַז פון דאַן אָן איז ער ווי פאַרכישופט. ווען יהודית האָט זיך פאַרליבט אין נאַטאַליאַן, האָט קעשין ניט געקענט אויסהאַלטן פון איפּערזוכט און ער האָט זיך אַרויסגעצויגן אין אַ ווייטער פּראָווינץ־שטאָט, טאַקע דאָרט אַהין, ווו זי, די פופיטשקע מיט איר פאַמיליע, האָבן געוווינט. ער האָט קיינמאָל נישט אויפגעגעבן די האָפענונג צו נעמען יהודיתן פאַר אַ ווייב. מיט דער דאָזיקער האָפענונג האָט ער גע־לעבט און געמאַכט געלט, געשפּאָרט און צוגעגרייט אַ פּרעכטיקע היים פאַר אירעטוועגן. דריי מאָל אין יאָר פלעגט ער פאָרן אין שטאָט אַריין, כלומרשט צוליב זיינע מסחרים, אינדערעמתן אָבער איז ער געפאָרן זען יהודיתן.

זי האָט אויך געוווסט, אַז ווען נאַטאַליאַ האָט יהודיתן איבערגעלאָזט און איר שוואַכער געזונט־צושטאַנד האָט זיך פאַרערגערט, איז קעשין גיך געקומען צו פאָרן צו איר און זיך געבעטן:

— קוק, יהודיתל, ווי דו זעסט אויס! קום מיט מיר! איך וועל דיר זיין ווי אַ ברודער און אַ טאַטע. איך וועל דיך אַריינגעבן אין אַ סאַנאַטאָריע און ווען דו וועסט געזונט ווערן, זאָלסטו אַליין באַשטימען, צי מיר קענען חתונה האָבן. אַלץ, אַלץ איז נאָר געווענדט אין דיר!

יהודית האָט זיין אָנבאָט צוריקגעוויזן און קעשין האָט אַלץ נישט אויפ־געגעבן די האָפענונג. זיין מענטשלעכקייט און זיין פיינער אויפפיר האָבן אויפגעוועקט אין איר סיי אַנערקענונג און סיי אַ גרויסע דאַנקבאַרקייט. אָבער ער האָט אירע געפילן נישט פאַרשטאַנען, זיי אָנגעהויבן אויסנוצן און קומען צו איר אַלץ אָפטער. זיי האָבן אַ סך שפּאַצירט אין די פּאַרקן, באַזוכט אַלע מוזעאומס און דעם זאָאָלאָגישן גאָרטן. יהודית האָט אים אויסדערציילט אַלץ וועגן איר ליבשאַפט צו נאַטאַליאַן, געערעדט צו אים רויִק און מיט פאַר־שטענדעניש. קעשין האָט געזען אין איר אַ נשמה, וואָס איז אים פאַרגעקומען געוואַלדיק גרויס אין פאַרגלייך צו איר קליינעם, שוואַכן קערפּער, אַ נשמה, וואָס איז געווען ברייט ווי די בעסאַראַבישע סטעפּעס, אין וועלכע זי איז אויסגעוואַקסן; ברייט און טיף, ווי דער ים. האָט ער זי נאָך מער ליב באַקומען און קיין שום אַנדערע פרוי האָט נישט געקאָנט פאַרנעמען דעם מינדסטן פּלאַץ אין זיין גוט האַרץ.

די פּופּיטשקע האָט וועגן דעם אַלץ געוווסט, ווייל אַלע יאָרן האָט קעשין גערעדט מיט איר נאָר וועגן יהודיתן. קיין אַנדערע טעמע האָט אים נישט אינטערעסירט. יהודית איז געווען דער אינהאַלט פון זיין לעבן. די פּופּיטשקע האָט אים אַ סך מאָל געלערנט ווי אַזוי צו געווינען יהודיתעס האַרץ און זי האָט זיך געגרויסט: „ווען איך רעד מיט איר איינמאָל, איז דער שידוך אַ דורכגעפירטער!״ — און ווען די פּופּיטשקע איז קראַנק געוואָרן און זיך געמוזט דאָקטערן, האָט איר קעשין צוגערעדט צו פאָרן קיין בוענאָס־איירעס. ער האָט איר געדונגען אַ צימער לעבן יהודיתן און זיי באַקאַנט. דאַן האָט ער געהאַפּט, אַז די פּופּיטשקע וועט באמת איבערצייגן יהודיתן אין זיין גרויסער ליבע צו איר. האָט זי אָבער יהודית פון ערשטן בליק אָן נישט געקאָנט ליידן און פון ווערן אַ חברטע איז נישט געווען וואָס צו טראַכטן. די פּופּיטשקע איז בייז געוואָרן און זיך געפילט באַליידיקט. חוץ דעם איז זי געוואָרן נאָך מער אייפערזיכטיק צוליב קעשינס געפילן צו יהודיתן. זי האָט זיך געהאַלטן ווי אַן אמתע הערשערן איבער אים און האָט אַ סך מאָל געפּרווט אויף אים ווירקן, אַז ער זאָל זיך אָפּטשעפּען פון אָט־דער יהודית. ס׳האָט איר אָבער נישט געהאָלפן. אָבער אין אַזאַ קלאָגעדיקן צו שטאַנד, ווי זי האָט אים געזען אין יענעם טאָג, ווען יהודית האָט אים געהייסן אויף אייביק פאַרגעסן איר אַדרעס, האָט זי אים נאָך קיינמאָל נישט געהאַט געזען. זי האָט געוואָרפן אויף אים אַ זייטיקן בליק און געשוויגן...

פון די אַלטע, גרויע שטיקלעך מעבל, פון די טיפע, זויבערע און בלויע ווינקלעך, פון די שטיקער זון אין אָפענעם פענצטער האָט פּונקט אַזוי געשריגן יהודיתעס באַפעל: „דו זאָלסט אויף אייביק פאַרגעסן מיין אַדרעס״. ווי פון דער פּופּיטשקעס שמייכל אַרום די גרעבלעכע, פאַרנאַשטע ליפּן, פון מאַנס דערשראָקענע אויגן און פון קעשינס אייגענעם לייב און לעבן.

פּופּיק האָט זיך אַ שטעל געטון אויף די שפּיצן פון די פינגער און אַ געשיצטער פון זיין ווייבס וואָרענענדיקע בליקן קעגן קעשינען, האָט ער איבערגעריסן די שטילקייט:

— געטעשי, קערוין, דאַן קוזין איז אַ ייִדענע, ער איז אַ קניש מיט אַ וואַנשל, ניש דאַ געדאַכט. ער איז ניש קאַ מאַנספּאַרשוין!...

זי האָט צו אים אַ ווונק־געטון און ער איז אַנטשוויגן געוואָרן.

זי האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ פּרוי מיט אַ העכערער מאָראַל, אַ מענטש מיט טאַקט־געפילן... זי האָט דאָך אין די יונגע יאָרן געלעבט אין אַ „שקאַלע״ און געלייענט ביכער. אין קאַצאַפּישן געסל פון איר אוקראַאינישן געבורט־שטעטל האָט מען איר אָפּגעגעבן כבוד און זי געהאַלטן פאַר אַן אינטעליגענטנע „באַרישניע״. אָבער אין אַרגענטינע האָט זי חתונה געהאַט מיט אַ בלעכער־אַרבעטער, וועמען מען האָט גערופן פינבעסל דער קאַרליק. אויך ער

האָט איר אָפּגעגעבן אַ סך כבוד און זיך זייער גרויס־געהאַלטן מיט איר „אינטעליגענץ״.

שטייענדיק קעגן קעשינען, האָט זי זיך דערפילט שטאַרק; זי האָט זיך צעהוידעט קעגן אים און אַ דין חוזק־שמייכעלע האָט זיך געבלעזלט אַרום אירע פאַרנאַשטע ליפּן. דערנאָך האָט זי שטיל אַ זאָג־געטון און גע־סיליעט די ווערטער ווי מען סיליעט טייערע פּערעלעך אויף אַ גאָלדענעם פאָדעם.

— דיין „צנועה״ וועט דיך אַריינוואַרפן אין משוגעים־הויז. זי פאַסט נישט קיין תעניתים, דאָס טרוקענע בינטל ביינער. דיין צאָרן קענסטו גיין אויסלאָדן צו איר.

זי האָט אָפּגעזיפצט, באַלעקט די ליפּן און זיך צעהוידעט אַהין און צוריק.

ער האָט אַ געשריי־געטון:

— שווייג! דו אינטעליגענטישע בהמה, אויב נישט, וועל איך אייך ביידן אָפּדרייען די קעפּ!

— וואָס זאָגסטו נישט צו דעם? — האָט זי זיך געווענדט צום מאַן — האָסט געהערט, פּינכעסל? איך גלויב, אַז ער איז שוין משוגע געוואָרן!

פּופּיק האָט פאַרבראָכן די קליינע פינגערלעך פון זיינע הענט און וויינענדיק געזאָגט:

— געטעשי, האַרעץ, ערגער דיך ניש, סע עט דיר כאָלילע שלעכט מאַכן! זאָל ער, דער „שיינער מאַנספּאַשוין״, אַ פרעג־טון באַ די שכנים, זאָל ער!... — און ער האָט צוגעוואָרפן אַ בייזן בליק צו קעשינען — ניש קאַ כישוף האָט אים דאָס וואַבל אָנגעטון, נאָר אַ מיתה־משונה, וואַי איז מי׳אָ נאַבעך.

קעשין האָט אַ כאַפּ־געטון זיין לעדערנע טעקע פון טיש און איז גיך אַרויסגעלאָפן פון צימער. די פיס האָבן אים אַוועקגעטראָגן צו יהודיתן. נעבן אָפּענעם טירל איז ער געבליבן שטיין, ווי ער וואָלט זיך אָנגעשטויסן אָן דער וואָרענונג: „זאָלסט אויף אייביק פאַרגעסן מיין אַדרעס״. האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער הויכער שוועל פון טירל, אַוועקגעשטעלט די טעקע אָן אַ זייט און אַריינגעלייגט דעם קאָפּ אין די הענט אַריין. געפּרוווט זאַמלען אין זיך דעם ים מיט ווערטער און געפילן, וועלכע האָבן געברויזט אין זיין צעשטורעמטע געמיט. ער האָט געגלויבט זי צו איבעראַשן מיט די דאָזיקע געפילן ווי מיט אַ הערלעכער מתנה. זענען אָבער די געפילן ביי אים געווען צו שטאַרק, שטאַרקער פון אים גופא, און זיי האָבן באַ־טויבט זיין פאַרשטאַנד און צוגענומען ביי אים דעם כוח צו רעדן. האָט ער געוואַרט, אַז יהודית זאָל דערפילן דעם ווייטיק פון זיין האַרץ און דער־

הערן דעם געשריי פון זיין נשמה און זי זאָל צו אים אַרויסקומען און אים איבערבעטן...

דער עלנט האָט אויף אים געדריקט ווי אַ שווערע לאַסט.

באַלד האָט ער דערהערט די קלאַנגען פון איר האַרמאָשקע; און אָט־די קלאַנגען האָבן אים אַביסל באַרויִקט. ער האָט אָנגעהויבן פון זיי אַרויסהערן אַ געבעט, וואָס האָט אין אים דערוועקט אַ גרענעצלאָזע בענקשאַפט נאָך איר. אין די שמאָלע ריטשקעלעך טרערן, וואָס האָבן אַראָפּגעריזלט פון זיינע אויגן איבער די באַקן, האָבן זיך געמיניעט און געציטערט שפּיציקע, רויטע זון־שפּרענקעלעך ווי קליינע טראָפּנדלעך בלוט..

נאָך אַ ווײַלע האָט ער זיך אויסגעגלייכט און איז אַוועקגעגאַנגען.

קאַפּיטל זיבן

גינער איז געשטאַנען אין מיטן פון זיין קליין אַרבעט־צימערל און האָט באַטראַכט אַ נאָר־וואָס פאַרענדיקט בילד פון יהודיתן. ער איז געווען מיר און דערשעפּט, ווי ער וואָלט געהאַט פאַרענדיקט אַ שווערע, פיזישע אַרבעט. אין אים אָבער האָט נאָך אַלץ געברויזט אַ נישט־אויסגעלאָדענער, שעפערישער כּוח און ער וואָלט שוין ווי אַ באַגייסטער אָנגעהויבן אַן אַנדערע אַרבעט. אָבער זיין קינסטלעריש אויג האָט דערזען, אַז עפּעס האָט נאָך געפעלט צו דער גאַנצקייט פון געמעל. ער האָט זיך אַוועקגערוקט, עס באַקוקט פון דער ווייטנס און געבליבן שטיין, גלייך ס'וואָלט אים עמעצער צוגעהאַלטן. און אַזוי האָט ער אומגעדולדיק געוואַרט, אַז דער שאַפונגס־גייסט זאָל זיך אין אים צעברענען ווי אַ פייער פאַר די לעצטע נאָך פעלנדיקע שטריכן, וואָס זאָלן באַהויכן דאָס בילד מיט אַ געטלעכן פונק. מיד געוואָרן פון שטיין, האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן דיל, אַרונטערגעלייגט די הענט אונטערן קאָפּ און מיט אַלע זיינע צעפּיבערטע חושים געלויערט אויפן בילד. און ביסלעכוויז האָט אים זיין דמיון פאָרגעשטעלט נייע וואַריאַנטן פון פאַרבן און קאָלירן; פאַרבן ווי סנאָפּעס ליכט האָבן צעקאָכט זיין בלוט. ער איז אויפגעשפרונגען, אַרויסגעכאַפּט אַ בינטל פענדזלען פון סלוי און אָנגעהויבן פאָרזיכטיק צו פירן אַ שפּיץ פון אַ פענדזל איבערן לייוונט, נאָכציִענדיק די שטריכן וואָס האָבן געפעלט. ביסלעכוויז זענען די בלויזן, וואָס האָבן זיך אים אויסגעוויזן צו פעלן, אויסגעפילט געוואָרן. בלויע, דינע ווינטשלייערן האָבן זיך צעוויִעט איבער די קנאָספּן אַרום יהודיתעס פּאָרטרעט. די פאַרבן האָבן זיך גע־

וויקלט און זענען געפאַלן פון אונטערן פענדזל, ווי ס׳פאַלן איבערצייי־טיקע פרוכטן פון אַ שווער־באַלאָדענעם בוים.

אַ גרענעצלאָזע פרייד האָט אויפגעשיינט אַרום די אויגן פון גינערס בלייך פּנים און אויך אַ געפיל פון דערלייזונג, ווי דאָס געפיל פון אַ פרוי, וואָס האָט נאָך לאַנגע, שווערע געבורט־ווייען ענדלעך דערהערט דעם פּישטש פון ניי־געבוירענעם נפשל. יהודית איז געשטאַנען פאַר אים ווי אַ לעבעדיקע; אַרום אירע ליפּן האָט געלויכטן אַ דינער, בייסיקער שמייכל, קינדישער צער און אומשולד. פון די צעעפנטע, טיפע אויגן האָט עס גע־בליצט מיט אַ געמיש פון יסורים און מיט בענקשאַפט...

גינער האָט אַ וואָרף־געטון דעם פענדזל אויפן דיל און דערביי גע־האַט דאָס געפיל גלייך ער וואָלט געבוירן יהודיתן; ווי ער וואָלט זי גע־שאַפן פון זיין אייגן בלוט און פלייש. אין אים איז אויפגעגאַנגען דער שטאָלץ פונעם קינסטלער, אַזוי ווי ער וואָלט פאַרשיכורט געגלויבט, אַז ער האָט ענדלעך געענדיקט אַ גאָר גרויס ווערק, אפשר דאָס גרעסטע... ער האָט אַ טראַכט געטון: זי איז צאַרטער און פאַרחלומטער ווי די מאָנאַ ליזאַ און נאַטירלעכער ווי דזשיאָקאָנדאַ.

דערהויבן און גליקלעך האָט גינער זיך אַנידערגעזעצט. אַ מנוחהדי־קייט האָט זיך אויסגעשפּרייט אַרום אים און ער האָט דערפילט אַ הייסן באַגער צו זען יהודיתן. מיט רויִקע אויגן האָט ער געקוקט אַרום זיך און ס׳האָט זיך אים געדאַכט, אַז זיין אַרבעט־שטיבעלע איז געווען פול מיט די ריחות פון איר שמעקנדיקן גאָרטן און מיטן דופט פון אירע צעפּ. אין שטיבל איז געווען שטיל. אין די ווינקלען זענען געלעגן אייניקע גלידער פון נישט פאַרטיקע סקולפּטורן. אויך אָנגעהויבענע לייוונטער זענען גע־האָנגען אויף די ווענט. די דאָזיקע אַלע נישט־פאַרענדיקטע אַרבעטן האָבן געוואַרט אויף נייע שאַפונגס־פייערן, אויף זייער תּיקון. חשיבות און שטאַרקער גלויבן אין די אייגענע כּוחות האָבן זיך צעפינקלט אין זיינע אויגן. אין די דאָזיקע מינוטן פון דערהויבנקייט האָט גינער געפילט אַ געוויסע פאַרגיטיקונג פאַר אַלע זיינע מאַטערנישן, פאַר אַלע ביז איצטיקע שטרויכלונגען אויפן שווערן שאַפונג־וועג.

יהודית איז אים געוואָרן טייער און אייגן. זי איז געוואָרן ווי אַ טייל פון זיין שעפערישן גייסט. ער האָט געפילט, זי האָט אים ווידער אויפ־סניי אָנגערעגט צום שאַפן. און ער האָט זיך געוווּנטשן, אַז דער דאָזיקער נייער כּוח אין אים זאָל לאַנג אָנהאַלטן, זאָל זיך אין אים צעפלאַקערן אינאיינעם מיט זיין שטאַרקער בענקשאַפט נאָך איר.

ער האָט געטראַכט, אַז זיין שטאַרקע בענקשאַפט נאָך איר נעמט זיך דערפון, ווייל זי איז אַנדערש פון אַלע אַנדערע ווייבער, וועלכע ער האָט

ביז איצט געקענט. יהודית איז אַפילו פּרימיטיוו, אָבער טרוימעריש און זי מיינט, אַז דאָס לעבן געדויערט אַן אייביקייט. זי איז גלויביק און צו־טרוילעך ווי אַ קינד און דאָך נישט נאָכגעביק ווי אַן אַלטער, טיף־פאַר־וואָרצלטער דעמב.

— אַרימע כודיט! ווי נאַריש דו ביסט און גלייכצייטיק גליק־לעך! — האָט ער מיט באַדויערן געשאָקלט דעם קאָפּ — דו ווייסט נאָך נישט, מיין אָרעם קינד, אַז די פרייד פון ליבע געדויערט נאָר אויגנ־בליקן; אַז זי שיינט טאַקע אויף מיט אַלע פייערן פון די הימלען. אָבער ווען די דאָזיקע פרייד ווערט אין אונדז דערשטיקט און פון אונדז אָפּגעטון, ווען מיר האָבן קיין מוט נישט אויפצונעמען און אויסצולעבן דאָס לעבן אַזוי ווי עס איז אין דערווירקלעכקייט, דאַן ווערט אונדזער נשמה אויס־געהוילט און דערשלאָגן און מיר פאַרלירן די פרייד און די יוגנט.

פאַרטראַכט אין די דאָזיקע פילאָזאָפישע געדאַנקען האָט ער זיך אויפ־געהויבן, אויסגעטון די ווייסע אַרבעטס־קליידער, באַפּינטלטע מיט אַלערליי פאַרבן, זיי אַ וואָרף־געטון אויפן דיל און איז אַרויס פון צימערל. אָבער ביי דער טיר איז ער נאָך אַ ווײַלע געבליבן שטיין און געכאַפּט אַ בליק אויפן בילד. דאַן האָט ער זיך אַ לאָז־געטון איבער די זיגזאַגיקע אייזערנע טרעפּלעך, וועלכע האָבן אַראָפּגעפירט צום הינטערשטן הייפל. דאָרט איז די לופט געווען הייס און שטיקנדיק. די לעצטע רויטע זונשטראַלן האָבן זיך עקשנותדיק געמעסערט איבער די הויכע, גרינע וואַזאָנעס און ערדענע טעפּ. פון די הויכע, גרויע מויערן פון די שכנישע פּילגאָרנדיקע הייזער האָט אויף אים אַ ווייע געטון מיט קאַלטער פרעמדקייט און מיט שטומקייט פון די איינזאַמע.

ער איז אַריינגעגאַנגען אין באָד־צימער, אויפגעדרייט דעם קראַן און זיך דערפרישט מיטן קאַלטן וואַסער דאָס לייב און דעם קאָפּ. דאָס צעוואַ־רעמטע בלוט האָט אין אים אויפגעזונגען מיט יוגנט, מיט קראַפט און מיט מענערישער חוצפה. יהודיתעס שמייכל האָט ווי ווילד אַרומגעטאַנצט פאַר זיינע אויגן און אַן אינערלעכער שטורעם האָט אים געטריבן צו איר און צו איר שמייכל. ער האָט פאַרדרייט דעם קראַן, אַראָפּגענומען פון דער וואַנט אַ ווייסן האַנטעך, זיך אָפּגעריבן דעם קערפּער און דאָס פּנים און דערנאָך אַוועקגעוואָרפן. ער האָט אויף גיך אַרויפגעוואָרפן אויף זיך דעם ווייסן באָד־מאַנטל, אַריינגעקראָכן מיט די באָרוועסע פיס אין די שטעק־שיך און איז אַרויס פון באָד־צימער.

ער איז אַריינגעגאַנגען אין קיך, אויפגעדרייט דעם גאַז און אַ רויפ־געשטעלט אַ טשייניק מיט וואַסער אויפן פייער. דאַן איז ער צוריקגע־גאַנגען אין באָד־צימער, האָט אַרויסגענומען פון וואַנט־שאַפקעלע אַ קעס־

טעלע מיט ראַזיר־מעסערלעך, זייף און אַ בערשטל, זיך איינגעזייפט דאָס פּנים און עס אָפּגעגאָלט. זיך באַטראַכט אין וואַנט־שפּיגל און זיך געזען אַ יונגער און אַ פרישער. דאַנקבאַרקייט צו יהודיתן איז אויפגעגאַנגען אין אים, און אַ געפיל פון שטאָלץ, ווייל ער האָט זיך די גאַנצע צייט נישט געוויזן פאַר איר; ער האָט זיך פאַרשלאָסן אין זיין אַרבעט־שטיבל מיט זיין בענקשאַפט נאָך איר, כדי זי זאָל אים העלפן אויספיבערן און ברענגען צום לעבן אייניקע אָנגעהויבענע אַרבעטן, אָבער דער עיקר דאָס בילד פון איר.

— טייערינקע מיינע! — האָט ער געטראַכט פאַר זיך און צונויפגע־פלאָכטן זיינע קנאָכיקע פינגער — לעבן מיינס!

איזאַבעל, זיין ווייבל, איז אַרויסגעקומען פון שלאָפצימער, אַריינגע־קוקט מיט אירע טונקעלע, ברוינע אויגן צום אַרבעט־שטיבל און זיך אָנגערופן:

— האָסט מיך גערופן, טאַטאַ?

ער איז אַרויסגעקומען פון קיך און געשמייכלט. זי האָט אים מיט אַ מאָדנעם בליק אָנגעקוקט און ווידער געפרעגט:

— האָסט מיך גערופן?... איך האָב געמיינט, אַז דו ביסט נאָך אויבן.

ער האָט אַראָפּגעקוקט אויף די פינגער פון זיינע פיס און געמורמלט:

— לעבן מיינס, דאָס בילד איז שוין פאַרטיק! ווי דאַנקבאַר איך בין דיר!

אַ ראָזעווע פאַרב האָט זיך אויסגעגאָסן אויף איזאַבעלס טונקלהויטיק פּנימל. זי האָט אים אָנגעקוקט מיט דער זיכערקייט פון אַ פרוי, וועלכע גלויבט אין איר ווייבערישן כוח... זי האָט שפּילעוודיק צונויפגעצויגן אַרום איר שמאָלער טאַליע דאָס גאַרטעלע פון איר ראָזעווע דין זיידן כאַלאַט און האָט קאָקעטיש אונטערגעטענצלט אויף איין פוס. זי איז צוגעגאַנגען נענטער צו אים און אים אַריינגערעדט אין פּנים:

— איך האָב דיר שוין פריִער געזאָגט, אַז דאָס בילד וועט דיר גע־לינגען! איך האָב דיר געזאָגט!

נצחון האָט זיך צעטאַנצט אַרום אירע דינע ליפּלעך און די אייגן־ליבע פון איר פּרוויִאישן רייץ און עלעגאַנץ, וואָס האָט דעם מאַן גרויס געמאַכט.

זי איז אַריין אין קיך און צוגעגרייט אַ מאַטע. אין איר האָט עס גע־רודערט: גיכערן מוז מען דערמאָנען, אַז ער איז אַ קינסטלער. מען מוז אים אויך דערמאָנען, אַז דער קינסטלער טאָר זיך נישט באַגנוגענען מיט אָפּ־געהאַלטענע נצחונות... גיכערן מוז מען תמיד אָנרעגן צום שאַפן. און ווע

זי וועט דאָס אַלץ נישט געדענקען און אויפהערן דערמאָנען אָן דעם, וועט ער באַלד אָנהייבן צו צווייפלען אין זיינע קינסטלערישע כוחות און וועט וועלקן. יאָ, איר גינערל איז ווי אַ גרויס, צעבאַלעוועט יינגל, אויף וועמען מען מוז שטענדיק האַלטן אַן אָפן אויג.

גינער איז אַריין אין צימער, זיך אָנגעטון אַ ריינעם, גרינעם ספּאָרט־אָנצוג און ווייסע, זומערדיקע שיך. איזאַבעל איז צו אים אַריינגעקומען און אים געהאָלפן אויסבינדן דעם בלויען שליף אַרום דעם קאָלנער פון ווייסן ספּאָרט־העמד, אים בעת־מעשה אָנגעקוקט און געבעטן:

— קום נישט אַהיים אַזוי שפּעט! לעצטנס האָב איך שוין באַלד פאַר־געסן, אַז כ׳האָב אַ מאַן — האָט זי אים געזאָגט און אים דערביי ליבלעך באַוווּנדערט.

ער האָט אַרומגענומען איר טאַליע און זי געדריקט צו זיך.

זיי זענען אַריינגעגאַנגען אין קיך. ער האָט אַרויסגעכאַפּט פון טעלער אַ פריש האָניק־קיכעלע, געקאָכט אין פּוטער און געקייט אויף ביידע באַקן, צוזיפּנדיק די מאַטע. איינע נאָך דער אַנדערער האָט זי אים דער־לאַנגט עטלעכע מאַטעס. געענדיקט טרינקען, האָט ער איר אַ קוש געטון אין באַק, זיך אויסגעדרייט און איז אַרויס פון הייפל. זי איז אים נאָכגע־גאַנגען, געבליבן שטיין אין דער אָפענער טיר און אים לאַנג נאָכגעפאָכעט מיטן נאָזטיכל, זאָגנדיק שטיל:

— ביז שפּעטער, טאַטיטאַ!

איזאַבעל איז געווען רויק און זיכער מיט איר מאַנס געפילן צו איר. זי איז געווען מיט דער מיינונג, אַז ער האָט זי נאָך אַלץ אַזוי ליב געהאַט ווי אין דער ערשטער צייט פון זייער באַקאַנטשאַפט. ער איז געווען אַ גע־טרייער טאַטע צו זיינע צוויי מיידעלעך און אַן אידעאַלער מאַן מיט גוטע מאַניערן און אַ סך געדולד. אירע מיינונגען וועגן דער קונסט זענען אים געפעלן. ער האָט אַנטוויקלט אין איר דעם חוש פאַר שיינקייט. ווי אַ שטאַרק־איינגעבילדעטע אין זיך האָט זי אָנגעהויבן גלייבן אין איר ווייַ־בערישן רייץ און נאָך מער אין איר פאַרשטענדעניש אין ענינים פון דער קונסט; זי האָט אויך געגלייבט, אַז נאָר זי איז בכוח צו מאַכן פון איר מאַן אַ צווייטן רעמבראַנדט אָדער אַ מיגעל אַנדזשעל...

גינערן האָבן די דאָזיקע איינרעדעניש און אירע געפילן נישט געאַרט. ער האָט זי רויק געלאָזט זיך וואַרעמען מיט זיי, אַבי ער זאָל נישט זיין געשטערט אין זיין פערזענלעכער פרייהייט. ער האָט געוווּסט, אַז וואָס שטאַרקער זי וועט גלייבן אין אירע כוחות, אַלץ גרינגער וועט זיין זיין לעבן. אַז זי האָט די דאָזיקע אייגנשאַפטן אירע געשטעלט העכער פון זיינע, וועגן דעם האָט ער זיך נישט וויסנדיק געמאַכט, פּונקט ווי

ס'האָט אים נישט אינטערעסירט דאָס, וואָס זי האָט געשטעלט איר זיכער־קייט אַזוי הויך און זי געשעצט העכער פון איר פאָטערס „יחוס" ווי פון דער ליבע צו אים.

איר פאָטער איז געווען אַ רייכער ייִד פון איטאַליע, אַ פרומער, אַ בעל־גאווה און אַ גרויסער פילאַנטראָפ. ער האָט נישט געוואָלט, אַז די מע־זינקע זיינע זאָל חתונה האָבן מיט אַן אָרעמען מאָלער. זי איז פאַרערט געוואָרן פון אַ סך רייכע קאַנדידאַטן און פון גרויס יחוס. זי האָט אָבער ליב געהאַט גינערן, מיט וועמען זי איז פון קינדוויז אָן געגאַנגען אין איין שולע. האָט זי געווינט און געדראָט די עלטערן צו באַגיין זעלבסטמאָרד, ווען זי וועט נישט נעמען גינערן. און ווען דער טאַטע, דער עקשן, האָט איר אַלץ נאָך נישט נאָכגעגעבן, האָט זי אים געלאָזט וויסן, אַז זי וועט גיין חתונה האָבן אונטער דער השגחה פון אַ ריכטער פאַר מינדעריעריקע. ערשט דאַן האָט זיך דער טאַטע דערשראָקן און ווערלנדיק אויסמיידן אַן עפנטלעכן סקאַנדאַל, האָט ער ענדלעך נאָכגעגעבן.

צום גרויסן דערשטוינען פון רייכן סוחר האָט גינער גאָרנישט גע־וואָלט ביי זיין שווער. מיט זיין אַרבעטזאַמקייט און אַמביציע האָט ער אים געוואָלט ווייזן, אַז ער קען אויך אויסקומען אָן זיין געלט. דאָס גליק האָט אים צוגעשפּילט און ער האָט פונקט באַקומען אַן אַרבעט צו מאַכן אַ ביוסט פון אַ גרויסער אַרגענטינער פּערזענלעכקייט, און פאַר דער דאָזיקער אַר־בעט האָט ער באַקומען אַ פּרעמיע פון עטלעכע טויזנט פּעזאָס. די וויכטיק־סטע לאַנד־צייטונגען האָבן זיך וועגן דער אַרבעט גוט אָפּגערופן און אין זייערע אָפּהאַנדלונגען האָבן זיי דעם יונגן קינסטלער פאַרויסגעזאָגט אַ גאָלדענע קאַריערע.

איזאַבעל איז געווען איבערגליקלעך; זי האָט אים געצערטלט ווי מען צערטלט אַ קליין קינד, און אים פאַרגעטערט.

גינער אָבער איז נישט געבליבן צופרידן. ער האָט געהאַלטן, אַז די קריטיקער האָבן נישט ווי געהעריק אָפּגעשאַצט זיין טאַלאַנט און זיי האָבן נאָר געלויבט די אַרבעט, ווייל זי האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ סקולפּ־טור פון אַ באַקאַנטער פּערזענלעכקייט... אַנדערע אַמביציעס האָבן זיך אין אים צעפלאַקערט. ער האָט זיך אַריינגעטון אין דער אַרבעט און אויך גע־וואָלט ווערן וועלט־באַרימט. וואָכן לאַנג האָט ער נישט פאַרלאָזט די היים און די מערסטע שעהן פון טאָג האָט ער פאַרבראַכט אין זיין אַרבעט־שטיבל. איזאַבעל האָט צו אים אַרויפגעקוקט ווי צו אַ גאָט. פון צייט צו צייט פלעגט זי לויפן אָן גינערס וויסן צו די רייכע טאַטע־מאַמע נעמען געלט, כדי אים צו קענען אַרומרינגלען מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן און מיט זאָרגלאָזי־קייט. פון דעם פּאָרפּאָלק איז געוואָרן אַ פאַמיליע און די פאַמיליע האָט אים

אַנגעטון קייטן, וועלכע זענען אים געוואָרן צו לאַסט און ער האָט זיי נישט געקענט שלעפּן.

ווי אַלע קינסטלער האָט ער זיך אָנגעהויבן מישן צווישן קאָלעגן, מאַ־לער און סקולפּטאָרן, מיט וועלכע עס האָבן פּאַרקערט יונגע, עלעגאַנטע פּרויען, פּאַרערערינס און ליבהאָבער פון דער שיינער קונסט און פון די קינסטלער. זענען זיי אויך געוואָרן זיינע פּאַרערערינס. זיי האָבן אים ליב באַקומען, אים באַגייסטערט, געצונדן זיין אינסטינקט, פּונקט ווי זיין שעפערישן כוח. ער האָט זיך געלאָזט פון זיי פירן אין די רייכע סאַלאָנען, אין די נאַכט־לאָקאַלן און אין די עלעגאַנטע אויטאָמאָבילן צו די טעניס־פּלעצער און פערד־געיעגן. און ווען ער פלעגט מיד ווערן פון דאָזיקן הולטייסקן הפקר־לעבן, איז ער ווידער געבליבן אין דער היים און געשאַפן. צום מיינסטן האָט ער געמאָלן נאַטור־בילדער און געמאַכט עטלעכע סקולפּטורן. צוויי קינדער ווי מלאכימלעך מיט צעשפּרייטע פליגל און צוויי פרויען, וועלכע האָבן פאַרגעשטעלט די אומשולד און נאַיִוויטעט.

ווען עס האָט אויסגעבראָכן די צווייטע וועלט־מלחמה האָט גינער פלו־צים דערפילט, אַז ער איז אַ ייִד, אַ ייִדישער קינסטלער. ער האָט זיך דער־פילט עלנט און פרעמד צווישן די מייסטע פון זיינע קאָלעגן און נאָך מער צווישן די גאָטפּאַרכטיקע ליבהאָבערינס פון דער שיינער קונסט. דאָס בלוט און די טרערן פון זיינע געפּייניקטע שוועסטער און ברידער האָבן ביי אים געמאָנט אַן ענטפער. האָט ער זיך געפילט באַליידיקט און זיך קיין אָרט נישט געקאָנט געפינען. אַ געבוירענער און דערצויגענער אין אַרגענטינע, האָט ער געלעבט צווישן די מענטשן, וועלכע האָבן תמיד גערעדט וועגן מענטשלעכקייט און קינסטלערישן שאַפן. ער האָט זיי געגלייבט. אָבער אין די צייטן פון זיינע ביטערע אַנטוישונגען האָט ער געמאָנט אַן ענטפער פאַר זייער פאַרשווייגן דעם גרעסטן בלוט־באָד, וואָס איז געמאַכט געוואָרן איי־בער דעם ייִדישן פאָלק.

די מערהייט פון זיי האָט זיך פון אים דערווייטערט. זיי זענען אים געוואָרן פרעמד און איבעריק. די לייכטע עבירהלעך האָבן אים אויפגעהערט צו לאָקן און ער האָט זיך דערפילט אָפּגענאַרט און פאַרלאָזט. אַזוי האָט אים די וועלט פון רשעות אַרויסגעריסן פון זיין גלייכגילטיקייט.

אָבער די צופעליקע באַקאַנטשאַפט מיט יהודיתן האָט אים גייסטיק ווידער געשטעלט אויף די פיס. ער איז געלאָפן צו איר און געדאַנקט גאָט, וואָס זיין ווייב איז רויִק און פאַרגלייבט אין אים, ווי פרומע ייִדן גלייבן אין גאָט. ער האָט געגלייבט, אָבער קיינמאָל נישט פאַרשטאַנען, אַז דער אַלטער ייִדישער גאָט, פאַר וועמען די ייִדן האָבן זיך געלאָזט אומברענגען, אַז דער־אַ גאָט האָט זיי אַזוי פאַראַטן און אויסגעלאַכט...

קאַפּיטל אַכט

פֿאַרן טירל פֿון יהודיתס גאָרטן האָט גינער דערזען קעשינען. ער איז דאָרט געשטאַנען אַ פּאַרחלומטער און געקוקט פּאַר זיך קינדער האָבן זיך געשפּילט אויפֿן טראָטואַר און די טאַטע־מאַמע זענען געזעסן אַרום די ראַנטשעס און ביי קליינע פּייערלעך געטרונקען מאַטע. גינער האָט געפֿילט אויף זיך זייערע חוזקדיקע בליקן.

— אָ, אָ! שוין! דער משוגענער איז שוין ווידער דאָ!

— זעט נאָר ווי ער האַלט פֿאַרריסן דעם קאָפּ!

— ער זעט דאָך נישט קיין מענטשן!

— אפשר מיינט ער, אַז דאָס „זיעלע" שוועבט אין די וואָלקנס?

ווי געטריבן פֿון אַ בראַנד איז גינער אַריינגעלאָפֿן אין גאָרטן, פֿאַר־פֿאָלגט פֿון קעשינס צעטראָגענע בליקן. די ווייכע קלאַנגען פֿון דער האַר־מאָשקע, וועלכע האָבן קעשינען נאָך זיין אַוועקגיין ווידער צוריקגעצויגן, זענען גינערן אַנטקעגנגעקומען צוזאַמען מיט די כישופֿדיקע ריחות פֿון די בלומען און האָבן אים ווי היפּנאָטיזירט. ער האָט אויפֿגעהויבן דעם פֿאַר־האַנג איבערן טירל, איז אַריינגעגאַנגען און זיך אַנידערגעשטעלט אַנטקעגן יהודיתן. זי האָט אַ ציטער־געטון, ווען זי האָט אים דערזען, און אָפּגעהאַקט דאָס שפּילן. אירע אויגן זענען געוואָרן טיפֿער און ברייטער, עס האָט גע־שלאָגן פֿון זיי מיט אַ מאָדנער זשעדנעקייט, גלייך זי וואָלט זיך געוואָלט זעטיקן מיט זיין פּערזענלעכקייט און אויף אייביק אים איינקריצן אין זכרון און אין דער נשמה. זי האָט אים געוואָלט באַהאַלטן אין זיך אַזוי טיף, אַז קיין שום כוח זאָל אים מער נישט קענען אַרויסרייסן פֿון איר. און אויך באַטאַליאָס געדעכעניש זאָל צוליב אים אָפּשטאַרבן אין איר.

זי האָט אַוועקגעלייגט די האַרמאָשקע, זיך אויפֿגעשטעלט, אַריינגע־נומען זיין קאָפּ אין אירע הענט און שווייגנדיק אריינגעקוקט טיף אין זיי־נע אויגן. ער האָט זי אַריינגענומען אין די אָרעמס און גערירט אויסגע־קושט אירע פּאַרטריקנטע טרערן און דעם שמייכל פֿון צווישן די טיפֿע קאַרבן אַרום מויל. דאַן האָט ער זי אַנגענומען פּאַר אַ האַנט, זי אַרויס־געפֿירט פֿון שטיבל, זיך מיט איר אַראָפּגעלאָזט אויפֿן גראָז און זי צוגע־צויגן צו זיך. ביים אָפּשיין פֿון דער לבנה האָט ער זי גוט באַטראַכט, און געוואָלט זען, צי זיין נאָר־וואָס פּאַרענדיקט בילד האָט די ענלעכקייט מיט איר.

ביי אים איז אויסגעקומען, אַז יהודית איז אַ שטיק פון אים און וווהין ער וועט גיין, וועט אים איר בילד נאָכגיין און אים באַוועגן צו שאַפן.

אַרום זיי איז געווען שטיל. אַ רויטע לבנה ווי אַ שטיק פייער האָט געלויכטן איבערן גאָרטן. זייערע פּנימער זענען באַגאָסן געוואָרן מיט אַ רויטן אָפּשיין און מיט פרייד. דאָס קילע ווינטעלע האָט פאַרשייט געפּע־כערט די בלעטער פון די ביימער און די שווערע באַפּערלטע רויזן־קעפּ האָבן זיך געשאָקלט ווי ביי אַ געבעט. דאָס זאַנפטע געזאַנג פון די נאַכט־פייגל און פון אַלערליי אינזעקטן האָט אויף זיי אָנגעווייעט מיט דאָרפי־שער מנוחה. אַ רירנדיקע בענקשאַפט האָט וויברירט אַרום יהודיתעס ליפּן און אַ שטילער אומעט. זי האָט נאָך געזען פאַר זיך קעשינס אומגליקלעך פּנים און זיינע וויינענדיקע אויגן...

אין דעם איז קוקי אַריין אין גאָרטן און זיך אָפּגעשטעלט אַנטקעגן זיי. זי האָט זיך פאַרשטעקט הינטער אַ צוויט־ביימל, פאַרפלאָכטן די הענט־לעך איבערן האַרצן און זיי אָפּגעגאָסן מיט דער שוואַרצקייט פון אירע גע־טרייע אויגן. זי האָט אויפגעהויבן די בליקן צו די טונקעלע וואָלקנדלעך אויפן טיף־בלויען הימל און זיך פרום איבערגעצלמט:

— הייליקער טאַטעלע, זיי אַ גוטער צו דער מומע כודיט! זע, אַז דער דאָזיקער חתן זאָל זי נישט פאַרלאָזן! מומע האָט אים ליב!...

גינער האָט דערהערט איר שעפּטשען און האָט צו איר איבערגעטראָגן זיינע נייגעריקע בליקן. דאַן האָט ער שטיל צווישן די ליפּן געזייעט:

— כודיט, ווער איז די קליינע? זי זעט אויס ווי א טויטער מלאך. איך האָב אַמאָל אַזאַ מלאכל געמאָלן. עס פעלן איר נאָר צוויי פליגל.

— ששש! — האָט אים יהודית איבערגעשלאָגן — די קליינע איז שאַרפזיניק; זי האָט אַ שאַרפן, קרענקלעכן חוש אויפצוכאַפּן יעדעס וואָרט.

— אין אירע אויגן דרימלט דער טויט, — האָט ער ווייטער געצויגן זיין געדאַנק, — קראַנקע קינדער זענען ווי עלטערע מענטשן. זיי פאַרגינען נישט קיינעם קיין ביסעלע גליק. קראַנקע מענטשן זענען אַזוי ווי זי און זיי פילן אינסטינקטיוו, אַז דער טויט לויערט אויף זיי.

ער האָט נישט אַראָפּגענומען זיינע בליקן פון דער קליינער און פאַר־ענדיקט געענדיקט:

— זעט נאָר, זעט נאָר, וואָס פאַר אַ האַרצברעכערישער רחמנות עס גליט אין אירע אויגן. זעט נאָר!

יהודית האָט אים אַ טאָרע געטון מיטן עלנבויגן און אים געהייסן שווייגן. די קליינע האָט באַמערקט יהודיתעס בליקן, האָט זי זיך אויסגע־דרייט און איז איילנדיק אַנטלאָפן ווייט צווישן די בלומען־בייטן.

גינער איז אויפגעשפּרונגען, דערלאַנגט יהודיתן אַ האַנט און איר

געהאָלפן אויפשטיין. באַלד איז ער מיט איר אַריינגעגאַנגען אין שטיבל. ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אויפן געבלימטן, היימישן טעפּיך לעבן בעטל און זיך אַרומגעקוקט. עס האָט אויף אים געווייעט מיט ריחות פון יונגע בלומען און פון בעז. אין די ווינקעלעך זענען געשטאַנען הויכע, ערדענע בלומען־טעפּ מיט פרישע, צעוואַקסענע קליינע פלאַנצן און מיט קלאָוועלן. איבערן קליינעם ביבליאָטעקל איז געהאָנגען אַ בילד פון רעמבראַנדטן, וואָס האָט פאַרגעשטעלט זיין אַלטע מוטער מיט אַ ווייס טיכל אויפן קאָפּ און מיט קלוגע קנייטשן אַרום אירע טיפע שלייפן.

ער האָט אויפגעהויבן די בליקן צו יהודיתן. זי איז געשטאַנען מיטן פּנים צום אָפענעם פענצטערל און אַרויסגעקוקט. איר האָט זיך געדאַכט, אַז קעשין איז נאָך אַלץ געשטאַנען לעבן טירל און געוואַרט, אַז זי זאָל אַרויסקומען. אַ באַנייט געפיל פון רחמנות האָט געדריקט איר נשמה. זי האָט זיך דערמאָנט ווי ביטער איר איז געווען, ווען נאַטאַליאַ האָט זי פאַר־לאָזט. אויך זי האָט דעמאָלט שעהן לאַנג אַרומגעבלאָנדזשעט און אין יעדן פאַרבייגייער געזוכט צו זען זיין פּנים און זיין שמייכל. יאָ, אויך איר לעבן האָט געהאָנגען איבער אַ שאַרף פון אַ מעסער.

גינער האָט אויסגעדרייט צו איר דאָס פּנים און האָט איבערגעריסן די שטילקייט:

— כודיט, פון וועמען טראַכט איר אַצינד?...

— איך טראַכט פון מיינעם אַ פריינט, וועלכער איז אומגליקלעך! איך... זי איז אַנטשוויגן געוואָרן און האָט זיך ווידער פאַרטראַכט.

ער האָט שמייכלענדיק אַ זאָג געטון:

— ווען איר וועט ווירקלעך וועלן באַזאָרגן מיט אַביסל פרייד אַלע אומגליקלעכע, וועט איר גופא זיין די אומגליקלעכסטע. קיינער, יהודית, האָט נישט געהאַט אַלץ, וואָס אים איז צום האַרצן, — האָט ער געזאָגט און אַ וויין־געטון מיטן פינגער צום בילד. — זאָגט מיר בעסער, ווו האָט איר גענומען דעם דאָזיקן אוצר?

— דאָס איז אַ מתנה פון מיין געוועזענעם... — האָט זי אים רויק גע־ענטפערט.

— געוועזענעם? — האָט ער דאָס וואָרט איבערגעחזרט און זי דורכגע־נומען מיט אַ טיפן בליק.

זי האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

גינער האָט אָבער פאַרשטאַנען, אַז יהודית וועט אים דאָס דאָזיקע בילד נישט אָוועקגעבן, ווייל עס איז אַ מתנה פון אַ געליבטן. האָט ער גלאַט אַזוי אַ זאָג־געטון:

— איך בין רעמבראַנדס גרעסטער חסיד. זיין אַרבעט וואָלט מיך אָנ־גערעגט צו שאַפן.

— זי האָט זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צו אים און אים שמייכלענדיק אָפּגעגאָסן מיט די בלויע פּרילינגן פון אירע אויגן.

— מיינט איר נישט, גינער, אַז אַ לעבעדיק בילד וואָלט געווען פיל וויכטיקער און ווירקזאַמער?...

ער האָט שטיל צווישן די ליפּן געזייעט:

— נו, וואָס־זשע האָט איר געמיינט, אַז איך ווייס נישט, וואָס איר זענט?...

ער האָט זיך אויפגעהויבן, איר אַ קוש־געטון אין שטערן און אַריינ־געקוקט טיף אין אירע אויגן.

— כודיט, איך וועל אייך אויך מיט דער צייט מאָלן! געפעלט עס אייך?

— מיך מאָלן?! — האָט זי אויסגערופן אַ פאַרוואונדערטע — איך האָב נאָר געמיינט צו זאָגן, אַז איך זאָל אייך אָנרעגן צו שאַפן עפּעס נייעס, עפּעס פון יידישן לעבן, עפּעס וועגן אונדזער לעצטער טראַגעדיע.

גינער איז געוואָרן זייער ערנסט און אַזוי פאַרטראַכטערהייט איז ער צוגעגאַנגען צום קליינעם ביבליאָטעקל און האָט אַרויסגענומען פון דאָרט אַן אַלט ביכל מיט פאַרגעלטע בלעטער. ער האָט זיי אַ מיש געטון און ווי צו זיך אַליין געמורמלט:

— ווער איז דער מחבר פון דאָזיקן אוצר?

זי האָט אַרויסגעפילט אַ דינע איראָניע פון זיין טאָן און פאַרשטאַנען, אַז גינער מוז זיין איינער פון יענע אַסימילירטע אַרגענטינער יידן, וועלכע האָבן קיינמאָל נישט געקאָנט קיין יידיש וואָרט און ווייניקער דעם יידישן גייסט. דערפאַר האָבן זיי פיינט יעדן, וועלכער דערמאָנט זיי אָן זייער פּוס־טער גאווה.

— ווען איר זאָלט געווען וויסן — האָט זי לאַכנדיק געענטפערט — אַז דער דאָזיקער אוצר איז געטעס „ווערטער", וואָלט איר זיכער נישט געחוזקט! פאַר פרעמדע אוצרות האָבן אַ סך פון אונדזערע לייט מער דרך־ארץ ווי פאַר די אייגענע. די אייגענע לאַכט מען אויס און מען שאַצט נישט אָפּ ווי געהעריק... סיידן נאָכן טויט... אַ פאָלק דאַרף דאָך האָבן זיינע איי־גענע זין.

אַ דערשטוינטער האָט גינער אויסגערופן:

— וואָס, אויך געטעס „ווערטער" איז פאַראַן אין דער יידישער אי־בערזעצונג? איז די יידישע שפּראַך דען בכוח אויסצודריקן אזא סימפּאַניע פון לײדן און געפילן ווי דאָס איז פאַראַן אין געטעס „ווערטער"?

— און ווער איז דען נישט פאַרטרעטן אין יידישע איבערזעצונגען? —

האָט זי אים איבערגעשלאָגן די רייד — די מייִנסטע וועלט־קלאַסיקער האָבן מיר אין יידיש. און מיר אליין זענען חלילה אויך נישט אַזעלכע קבצנים ווי עס דאַכט זיך אייד...

ער האָט פאַרזשמורעט די אויגן און אריינגעשמייכלט אין זיך זאָגנדיק:

— טאַקע אַ גרויסער שאָד, וואָס איך בין צו ווייט אַוועק!... אָבער איך מיין, אז ס'זענען פאַראַן נאָך שפּראַכן אויף דער וועלט, וועלכע איך פאַרשטיי נישט און איר מסתמא אויך נישט... און די וועלט גייט נישט אונטער...

— איר זענט אַ ציניקער! — האָט יהודית באַליידיקט אויסגערופן. — איך מיין, אז אַ קולטורעלער מענטש מוז פריִער פון אַלץ גוט קענען די שפּראַך און די ליטעראַטור פון אייגענעם פאָלק.

— איך בין פריִער פון אַלץ אַן אַרגענטינער און ווי אַזעלכער קען איך גוט מיין שפּראַך און קולטור. וואָס אנבאלאנגט דער יידישער שפּראַך, — האָט ער עקשנותדיק צוגעגעבן — מיין איך, אַז מ'וואָלט זי שוין געמעגט אַריינלייגן אין נאַפטאַלין... זי הייבט שוין אָן צו שימלען, זי איז שוין פאַר דער פאַרגאַנגענהייט.

— נייִן! פאַר דער צוקונפט! — האָט אים יהודית געוואָרנט מיטן ווייזפינגער. — עס האָבן זיך שוין פון לאַנג אַרויסגעזאָגט ביי אונדז אַזעלכע „ווייטזעעוודיקע חכמים" ווי איר און זיי זענען געבליבן מיט אַ נאָז!

ער האָט געזען לעבעדיקע פייערלעך אין אירע אויגן און די פרייד, די האָפענונג אין זיי און ער האָט נאָכגעגעבן געמורמלט:

— ווייל איז צו די מענטשן, וועלכע גלייבן אין ניסים! אָזל זיין ווי איר זאָגט, מיין טייערע כודית, אָבער מיינט נישט, אַז איך בין אַן אַנטיסעמיט!

— דאָס האָט נאָך געפעלט! אָבער פון אַזעלכע „פריינט" קען מען אויך דערשטיקט ווערן! — האָט זי ביטער געשמייכלט.

גינערן האָט אַ זעץ־געטון אין האַרצן. ער האָט געפילט, אַז יהודית האָט אָנגערירט אַ ווונד אין זיין נשמה. ער האָט געוואָלט פאַרגלעטן זיין בייזוויליקן טאָן און צוגעגעבן:

— איך האָב אַבסאָלוט גאָרנישט צו דער יידישער שפּראַך און צו דער יידישער קולטור. איך וויל נאָר זאָגן, אַז די וועלט האָט זיך אַ וואַקל געטון און זי האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דאָס שוואַכע.

— שוואַכע? איי, גינער, גינער, זענט איר דאָס אַ מבין! דאָס מזל אויף שונאי־ישראל!

— אויך געטעס „ווערטער" געהערט שוין צו דער פאַרגאַנגענהייט! — האָט ער אַלץ געזוכט צו פאַרגלעטן זיין בייזוויליקייט, און שמייכלענדיק גע־

מישט די בלעטלעך פון ביכל — די היינטיקע יוגנט גלייבט שוין נישט אין אַזאַ ראָמאַנטיק און זי וועט נישט פאַרלירן קיין צייט אין לייענען „ווערטערן"...

יהודית האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן. זי האָט זיך געשעמט צו זאָגן, אז ביי איר איז „ווערטער" נאָך זייער אַקטועל און ער איז פאר איר געבליבן ווי אַ סימבאָל פון ריינער האַרצלעכקייט. עס איז איר געקומען אויפן זינען: די מערהייט פון די היינטיקע מענטשן האַנדלט מיט אירע געפילן. די הויפּטזאַך ביי זיי איז געלט. דערפאר שטארבט אין זיי אָפּ די פערזענלעכ־קייט. אַ גרויסער טייל פון דער בעסערער יוגנט איז צופיל פאַרטון און באַלאַדן מיט פּאָליטישע לאָזונגען. זי פאַרגעסט אין אירע פרילינגס־טעג און דאָס איז איר אומגליק.

זי האָט אויפגעהויבן צו אים די בליקן און צוגעגעבן:

— גליקלעך זענען די, וועלכע קענען אויסוואַרעמען אין זיך שיינע געפילן און חלומות. די גרויע ווירקלעכקייט מאַכט אונדז פאר דער צייט אלט און ציניש. מאַקסים גאָרקי האָט אַמאָל געזאָגט: דאָס קליגסטע צו וואָס דער מענטש איז דערגאנגען, איז ליב צו האָבן די פרוי, פאַרגעטערן איר שיינקייט, ווייל אַדאַנק ליבע צו דער פרוי איז געשאַפן געוואָרן אלדאָס שענסטע אויף דער וועלט.

— און ווען די פרוי האָט נישט אין זיך קיין אויסערגעוויינלעכקייט? — האָט ער שטיל געחוזקט — דאַרף זי דער מאַן דאַן אויך פאַרגעטערן?

— די אמתע גרויסקייט פון אַ מענטש באַשטייט אין דעם — האָט זי צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ — אַז ער זאָל פאַרשטיין צו אַנטפּלעקן אלע שיינע שטריכן אין זיין נאָענט און געליבט ווען און עס דערהייבן, שיין מאַכן. אויב אָבער מאַן און ווייב זוכן נישט, גיבן זיך נישט קיין מי, שיין און גוט צו מאַכן איינס דאָס אַנדערע, איז זייער צוזאַמענלעבן נישט מער ווי אַ בלאָף, אַן אָפּנאַרעריי, אין בעסטן פאַל — שיכרות.

ער האָט איר צוגעוואָרפן אַ פאַרחידושטן בליק און זיך דערביי אָפּגע־געבן רעכענונג, אז יהודית איז א פיל טיפערער און ערנסטערער מענטש ווי אים האָט זיך פריִער אויסגעדאכט. ער האָט דאָס ביכל צוריק אריינגע־שטעלט אין ביבליאָטעקל און אַרויסגענומען א ביכל לידער פון גאַבריעלאַ מיסטראל. און ווי נאָר ער האָט עס אויפגעמאַכט, האָט עס אָנגעהויבן פון אים אַרויסזינגען; ער האָט אָנגעהויבן מיט אַ סטראָף פון אַ ליד:

„זיס איז דאָס לעבן ווי די קערנדלעך פון האָניק,
קורץ איז דער האַס, אייביק איז די ליבע".

זי האָט פאַרפלאָכטן אירע פינגער ביי זיך אויף דער ברוסט, פאַרשלאָסן די אויגן און אָנגעהויבן צו ציטירן אייניקע פערזן פון פושקינען:

„ווען איך וואַנדער, וואַנדער דורך גאַסן אין דעם רויש
פון שטאָל און שטיין,
ווען איך וואנדער דורך די גאַסן אָדער איך זיץ מיט פריינט
וואָס שפּאַסן,
זאָג איך שטיל צו זיך אַליין:
אויפן ברוסט אַ שטיין וועט ליגן, ליגן ביי אונדז אלע סוף־כל־סוף;
אויפן ברוסט אַ שטיין וועט ליגן און דאָס האַרץ וועט זיין אַנטשוויגן
אין דעם אייביק־שלאָף.
און איך באַטראַכט די פריינט, וואָס שפּאַסן, שפּאַסן, שפּאַסן
אָן אַ זין און איך בעט!...״

אין דעם האָט זיך איר שטימע איבערגעהאַקט, די פינגער האָבן אָנגעהויבן צו ציטערן און די קאַרבן אַרום מויל זענען געוואָרן טיפער, ווי מען וואָלט זיי איינגעשניטן.. .

גינער האָט אויף איר געקוקט און געשמייכלט. ער איז געווען איבער־ראַשט סיי פון ליד און סיי פון דעם אופן פון אַרויסברענגען פּושקינס אַ געדאַנק און איר אונטערשטרייכן יעדעס וואָרט, וואָס האָט אים גערירט. ער האָט זי אָנגענומען פאַרביידע הענט און געבעטן:

— כודיט, רעציטירט ווייטער, איך בעט אייך! דאָס דאָזיקע ליד איז ווירקלעך הערלעך און קלאַסיש. פּושקין טרויערט אויף אונדזער לייכט־זיניקייט, ווען מיר שפּאַסן און שפּאַסן אָן אַ זין און פילן נישט, אַז דער טויט, דער גרויזאמער חוזק, איז דער באַלעבאָס איבער אונדז.

יהודית האָט אויפגעמאַכט די אויגן. אַ בלייכער טוי האָט זיך געטיקט אין זיי. זי האָט באַנגיק געזאָגט:

— איצט, גינער, קען איך מער נישט...

— פאַרוואָס, כודיט? — איז ער געוואָרן צודרינגלעך.

— ווייל־יי־לל, ווייל איך געדענק נישט דעם סוף פונעם ליד...

ער האָט אַרויסגעפילט דאָס אָנגעשטרענגטע רעדן אירס. ער האָט זי צוגעצויגן צו זיך און גערעדט צו איר ווי צו זיינס גלייכן, ווי צו אַן אייגן וועזן:

— כודיט, אין אייך ליגן פאַרבאָרגן אַ סך אוצרות! האָט איר קיינמאָל נישט געהאט קיין נייגונג צו מאַלעריי? און איר דעקלאַמירט דאָך וווּנדער־באַר! איר וואָלט געקאָנט ווערן אַ קינאָ־אַקטריסע.

— יאָ, גינער — איז זי רויט געוואָרן און באַנגיק געשמייכלט — אַמאָל, שוין זייער לאַנג אין דעם, האָב איך מיך ארומגעטראָגן מיט אַ סך חלומות... שפּעטער אָבער האָט זיך אַלץ געענדערט. דער גראַנגל פאַרן

לעבן האָט אַנטפּלעקט אין מיר די פּערזענלעכקייט. מסתּמא בין איך דאָס, וואָס איך האָב אין דער אמתן באַדאַרפט זיין...

גינער האָט אַרויסגעפילט פון אירע רייד אַ שווערן אומעט. ער האָט זי באַטראַכט פון דער זייט און געהאַט דאָס געפיל, אַז איר פעלט א גוטער פריינט, וועלכער זאָל אין איר שטאַרקן די כּוחות און אירע פעאיקייטן. דאַן וואָלט זי זיכער נאָך געקאָנט שטייגן.

— כּודיט — האָט ער זיך אָנגערופן — לערנט אייך אויס אויפצונעמען מיט פריידיק יעדעס ביסעלע גליק, וואָס דאָס לעבן שאַרט אייך צו, און איר וועט אָנהייבן קוקן אויף אים מיט אנדערע אויגן.

— איך בין שוין נאָך די „דרייצן“ — האָט זי אַ מאַך־געטון מיט דער האַנט — און איך ווייס וואָס איך וויל!

זי איז אַנטשוויגן געוואָרן און אויסגעמיטן זיינע צודרינגלעכע בליקן. אַרום זיי האָט זיך אָפּגעזעצט אַ טיפע שטילקייט און עפּעס נישט דער־זאָגטס... די צווייגלעך פון צוויט־ביימל האָבן געמאַכט פלאַטערן דאָס פּאַר־הענגל אין אָפענעם פענצטער. אין יהודיתן האָט געהאַמערט אַ געפיל פון אַ מענטשן, וועלכער גרייט זיך אַריבערצושפּרינגען איבער א ברייטן אָפּ־גרונט. זי האָט אויפגעהויבן צו אים די בליקן און געפרעגט:

— זאָגט, גינער, זענט איר נאָך קיינמאָל נישט געווען ערנסט קראַנק?...

— אַנטקעגן וואָס פרעגט איר מיך דאָס?

— היינט קען איך אייך נישט ענטפערן אויף דער פראַגע — האָט זי אומגערן געזאָגט — אָבער איך מוז דאָס אומבאַדינגט וויסן.

— און מאָרגן יאָ? — האָט גינער צווײדייטיק אַ לאַך־געטון.

— קיין סוד וועט עס פאַר אייך נישט בלייבן... — האָט זי אים אָפּגע־האַקט געענטפערט.

— יהודית, איר זענט אַ ווונדערלעכער מענטש און אַן אינטערעסאַנטע פרוי. פון אונדז ביידע וואָלט אַרויסגעקומען אַ הערלעכער קנאָספּ!

— אויך איך מיין אַזוי! — האָט יהודית געזאָגט און איז רויט געוואָרן. זי האָט אים דורכגענומען מיט די אויפלייכטנדיקע בליקן און צוגעגעבן:

— איך האָב דאָס שוין איין מאָל פון אייך געהערט...

ער האָט אַרויסגעפילט מאָנונג פון איר טאָן און אויך פאַרשטאַנען איר פראַגע וועגן זיין געזונט.

— קענט איר זיין ערלעך צו אייערע געפילן? — האָט ער זי דרייסט געפרעגט.

— איך בין שטענדיק ערלעך צו מיר, ערלעך, אָבער נישט הפקר...

— וואָס מיינט איר מיט דעם צו זאָגן? — האָט ער זי אָפּגעבריט מיט דער הייסקייט פון זיין אָטעם.

יהודית האָט זיך אַרויסגעשארט פון זיינע הענט, דערשטיקט אין זיך דעם אויפברויז פון בלוט און אים געענטפערט:

— ווען אַ פרוי ווערט אָן דעם דרך־ארץ צו איר אייגן לייב, איז זי אַ פאַרלוירענע. אַן אמתע פרוי מוז זיין גאַנץ מיט זיך אַליין. זי מוז זיין דער־הויבן אין דער ליבע אָדער אין דער בענקשאַפט נאָך איר, ווייל מיטל־מעסיקייט, „קרישקעלעך", דערנידעריקן די נשמה פון דער פרוי...

גינער האָט פאַרויכערט אַ ציגאַר און גענומען שפּאַנען איבערן שטיבל אַהין און צוריק, איבערקייענדיק אין זיך אירע ווערטער. אין די דאָזיקע מינוטן איז זי אים געווען אַ טייער און אַ פרעמד. איר טיפער ערנסט האָט אים געשראָקן.

יהודית האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן זוים פון בעטל. אירע בליקן האָבן זיך איינגעגעסן אין נאַטאַליאָס פידל אויף דער וואַנט. אַ שטאַרקע בענקשאַפט נאָך אים האָט זיך אין איר פּלוצים צעשריען, אַ בענקשאַפט נאָך דער ליבע, וועלכע איז געווען אַ קורצע, אָבער אַן עכטע, אַ זעלטן־שיינע.

גינערס פאַרזיכט האָט אין איר דערוועקט אַ חשד, דערוועקט אירע דערינערונגען פון פאַרשוווּנדענעם חלום.

גינער האָט געפילט, אַז יהודית האָט געטראַכט פון איר פאַרגאַנגענ־הייט. האָט ער זיך אויסגעדרייט מיטן רוקן צו איר און אַרויסגעקוקט דורכן אָפענעם פענצטערל. וואָס לענגער ער איז דאָרט געשטאַנען, אַלץ טיפער איז געוואָרן די מחיצה צווישן אים און איר. גינער האָט געפילט, אַז סיי ער און סיי זי האָבן זיך נאָך קעגנזייטיק נישט דערקענט און ער האָט נישט געוווּסט מיט וואָס זייער באַגעגעניש וועט זיך ענדיקן...

קאַפּיטל ניין

דער אַנדערער אינדערפרי איז געווען אַ קילער און אַן אומעטיקער. אַ פייכטער, זומערדיקער ווינט האָט אַרומגעטאַנצט צווישן די בלומען־בייטן. די שווערע רויזן־קעפּ האָבן אונטערגעציטערט, ווי זיי וואָלטן זיך גע־שראָקן פאַרן הימלישן צאָרן. אַ יאַדישליווע רעגנדל האָט זיך שפּיציק גע־זיפּט איבער זיי און דער אַש־גרויער הימל איז געווען באַדעקט מיט שווע־רע, טונקעלע וואָלקנס.

אויך אין מאַרטאָס סודותדיקע בליקן האָבן זיך געמיניעט און געוואָל־

קנט טונקל־רויטע שרפות. אַ צעפלאַכטענער אימפּעט האָט זיך געריסן פון שווערן, צעגאָסענעם גוף און אַרויסגעשפּאַרט פון יעדן אבר. אַן איינגע־הילטע אין אַ וואָלענעם שאַל איז זי געשטאַנען אין טירל און האָט אַריבער־געקוקט צו דאָן קראַכמאַלס פאַבריק־טויער.

דאָס געסל איז געווען פריי פון יעדן קינדישן געטומל און אויך פון שכנישע בליקן, וואָס האָבן זי תמיד פאַרפאָלגט און איר פאַרביטערט דאָס לעבן. אַציינד האָט זי זיך געפילט אַן אויפגעבונדנעע און אַ פרייע און זי האָט זיך מיט איר גאַנצן לייב און לעבן איבערגעגעבן צום פאַבריק־טויער וועלכער איז געוואָרן דער באַלעבאָס איבער איר ווילן און איר ווייבערישער ווירדע; ער האָט גערעדט צו איר אין אַלע שיינע לשונות און איר אויס־געזונגען אַלע ליבע־לידער. פון דעם דאָזיקן טויער האָט אויף איר געווייעט מיט גומערסינדאָן, מיט זיין שמייכעלע און מיט זיינע פאַרליבטע בליקן. דער כוח פון זיינע הענט האָבן זי געמאַכט פאַרגעסן אין אַלע אָפּמאַכן מיט זיך אַליין, מער נישט צו קוקן צום טויער און נישט צו וואַרטן, אַז גומער־סינדאָ זאָל זיך באַווייזן. דער כוח פון זיינע גרויסע, מענערישע הענט האָט זי געצויגן ווי צו אַן אָפּגרונט, אָבער זי האָט נישט קיין מורא געהאַט פאַר אים. די דאָזיקע הענט זיינע האָבן אַפילו טיילווייז פון איר פאַרטריבן די דורותדיקע מורא פאַר לייטישע מיילער; יאָ, אַפילו איר מורא פאַר גאָט און פאַר דער טאַכטערס חכמהדיקע אויגן.

ווען דאָס קליינע אייזערנע טירל האָט זיך צעגרילצט, האָט עס אין מאַרטאַן אַ צאַפּל געטון. אירע גרויע, פאַרוואָלקנטע אויגן האָבן אַ ברען־געטון. אָבער אַרויסגעקומען איז גאָר דער בריווטרעגער, אַ יונגער, טונקל־הויטיקער בחור מיט שוואַרצע, קלוגע אויגן. ער האָט אַרויסגענומען פון דער בריוו־טאָרבע אַ קאָנווערט, אַ פאַכע־געטון מיט אים אין דער לופטן און געזאָגט:

— גוט מאָרגן, מאַרטיטאַ! אָט איז דאָ אַ בריוועלע פון מאַן!

די פענצטער פון די שכנישע הייזער האָבן זיך צעפּראַלט און קעפּ מיט צעקנוידערטע האָר און מיט שפּיציקע בליקן האָבן זיך באַוויזן צווישן די פאָרהאַנגען איבער די פענצטער. די בליקן האָבן מאַרטאַן געבריט. האָט זי זיך אויסגעדרייט און איז איילנדיק אַוועק צום ראָג און זיך אַוועקגע־שטעלט אין אַ ווינקל הינטער אַ נידעריקן בוים. פון דאָרט האָט זי ווייטער געקוקט צום טויער. אין איר האָט עס געזאָטן פון צאָרן, ווייל זי איז געווען זיכער, אַז שכנים דערציילן דעם בריווטרעגער וועגן איר ליבשאַפט צו גו־מערסינדאָן. פאַראַכטונג האָט אין איר אויפגעברענט. זי האָט אים צוגע־וואָרפן פינצטערע בליקן און געמורלמלט די ערגסטע קללות. דער בריוו־

טרעגער איז צוגעגאַנגען צום פענצטער, אַ קלאַפּ־געטון אין שויב און געשריען:

— מיידעלע, קוקי, אַ בריוועלע פון דיין פּאַפּאַ!

דאָס פענצטער האָט זיך ראַפּטום צעפּראַלט און קוקי האָט ביי אים אָפּגענומען דעם בריוו. זי האָט זיך דאַנקבאַר פאַרנויגט און אים אָפּגע־מאָסטן מיט אירע צעשמייכלטע אויגן, פולע מיט ווייבערישן חן.

— אַנטשולדיקט מיר, סעניאָר „קאַרטעראָ", — האָט זי געמאַכט אַ זשעסט מיט איין הענטל און מיטן אנדערן צוגעהאַלטן די אָפּענע פאַזוכע פון לאַנגן נאַכט־העמד — איך האָב נישט ביי מיר קיין געלט. מיין פּאַפּי וועט אַהיימקומען, וועל איך אים זאָגן, ווי פּינקטלעך איר זענט מיטן אָפּ־געבן זיינע בריוו, וועט ער אייך שוין אין זינען האָבן...

ער האָט אַרונטערגענומען די בריוו־טאָרבע אונטערן אָרעם און ברוגזלעך געמורמלט:

— פון דיר קען מען נאָך גאָרנישט פאַרלאַנגען; דו ביסט דאָך נאָך אַ קינד!

זי האָט אַ צעפּיר־געטון מיט די הענטלעך און זיך אויסגעצויגן אין דער גאַנצער לענג:

— זעט, ווי גרויס איך בין שוין! און אַז איך וועל מיך נאָך אַביסל דערהאַלטן, וועל איך גיין אין שול לערנען טאַנצן! מיין פּאַפּי זאָגט, אַז איך וועל קענען זיין אַן אַרטיסטין און אויך אַ שרייבערין.

זיכערקייט און שטאָלץ איז געווען אין איר טאָן.

ער האָט איר איבערגעשלאָגן די רייד:

— זיי דו נאָר אַ קלוגע און לערן זיך בעסער אויס גוט קאָכן, וועסטו האָבן בעסערע שאַנסן צו זיין גליקלעך.

קוקי האָט ברייטער צעעפנט די אויגן און געשמייכלט:

— קאָכן איז נישט קיין גרויסע קונסט. מיין מאַמי מאַכט לאָקשן מיט קאָנסערוון, האָבן זיי אַלע טעמים, און דאָך איז מיין מאַמי נישט גליקלעך.

זי איז אַנטשוויגן געוואָרן און זיך דערשראָקן פאַר איר פּלוצים־דיקער אָפנהאַרציקייט. דער בריווטרעגער האָט צו איר אַ קוועטש געטון מיטן אויגנווינקל און צוגעגעבן:

— מיר וועלן שוין הערן, וואָס דו וועסט זאָגן מיט אַ צען יאָר שפּע־טער, ווען דו וועסט דאַרפן אָנקומען צו אַ מאַן.

קוקי איז רויט געוואָרן ווי אַ בוריק און כעסדיק אַ געשריי געטון:

— גייט אייך פון דאַנעט! גייט, איר נאַרישער קאָפּ!

זי האָט פאַרמאַכט דאָס פענצטער, זיך אויסגעדרייט און זיך אַוועק־

געזעצט ביים טיש. פאַרזיכטיק אויפגעריסן דעם קאָנווערט, אַרויסגענו־מען דעם בריוו און אים אָנגעהויבן לייענען מיט אַ הויך קול:

„ליב, זיס טעכטערל מיינס! שוין צוויי טעג ווי איך בין געקומען פון ענטרע־ריאָס און געפין מיך אַצינד אין מאַר דעל פּלאַטאַ, ווו איך דענק מיך אָפּצורוען עטלעכע טעג. דאָ איז זוניק און רויק ווי אין אַ גן־עדן. די זון שיינט מיט גאָלדיקער בלויקייט און די ים־כוואַליעס וואַשן דעם ברעג. איך שפּאַציר שעהן־לאַנג ביים ברעג פון ים און ס'פאַרדריסט מיך, וואָס דו ביסט איצט אַזוי ווייט פון מיר און דו קענסט נישט מיטגעניסן צוזאַמען מיט מיר פון דער רויִקייט, וואָס איז דיר אַזוי נייטיק... אָבער איך בין גליקלעך, ליב, זיס טעכטערל מיינס, וואָס אין עטלעכע טעג שפּע־טער וועל איך ווידער זיין נעבן דיר. איך וועל דיך ווידער אָפּהיטן, ווי מען היט אָפּ אַן ערשטגעבוירן מלאכל.

„יעדן מאָמענט פון טאָג, ווי פאַרטון איך זאָל נישט זיין אין די געשעפטן, זענען מיינע געדאַנקען און געפילן נאָר ביי דיר. איך הער נישט אויף בעטן ביי גאָט און ביי דער הייליקער מוטערל, אַז זיי זאָלן אויף דיר רחמנות האָבן און דיר שיקן אַ רפואה שלימה. אַז דו, זיס מלאכל מיינס, וועסט זיין געזונט און גליקלעך, וועסטו מיט גאָטס הילף ווידער קענען אָנגיין מיטן לערנען און איך, דיין אָרעמער פּאַפּי, וועל ווערן דער גליק־לעכסטער פון אַלע שטערבלעכע אויף גאָטס ערד. דו ווייסט דאָך, זיס מלאכל מיינס, אַז מיין רו ליגט נאָר אין דיינע קליינע, שוואַכע הענטלעך. אַז דו וועסט מיך פאָלגן, וועל איך קענען רויִק אַרבעטן און שאַפן פון שענסטן און בעסטן, וואָס דיין הערצעלע וועט גלוסטן.

„איך וויל נאָר איין קלייניקייט: דו זאָלסט אַלע טאָג גיין שלאָפן אין צייט און זאָלסט טרינקען גענוג מילך מיט אַ ביסעלע האָניק און פרישע געלעכלעך פון אייער מיט ווייַן און צוקער. אויך אַ גלאָז וואַרעמע בלוט פון קאַלבספלייש וועט דיר זייער גוט מאַכן און ס'האָט דאָך גאָרנישט אַזאַ שלעכטן טעם... ווען איך בין געווען קראַנק, האָב איך געטרונקען אַ סך בלוט און איך בין טאַקע געראַטעוועט געוואָרן... דו האָסט דאָך מיר צו־געזאָגט אויסצופירן פּינקטלעך אַלץ, וואָס דער דאָקטער האָט דיר פאַר־אָרדנט צו טון. איך בין זיכער, אַז דו וועסט תמיד האַלטן דיין וואָרט, נישט אמת, זיס מלאכל מיינס?

„איך גרייט מיך שוין צו קויפן אַ פּיאַנאָ פאַר דיינעטוועגן און אויך אַ פידל. איך האָף, אַז וועסט זיין גענוג קלוג און וועסט אויספירן דעם דאָקטערס באַפעלן, דאַן וועסטו, מיט גאָטס הילף, געזונט ווערן און וועסט זיך לערנען שפּילן אויף ביידע אינסטרומענטן. איך ווייס, אַז דו האָסט זיי שטאַרק ליב. איך גלויב אין דיינע קינסטלערישע פעיִקייטן. דיינע לערערס

האָבן מיר טויזנט מאָל פאַרזיכערט, אַז דו האָסט טאַלאַנט און וועסט אויס־וואַקסן אַ קינסטלערין. אָבער פריִער פון אַלץ מוזטו געזונט ווערן.

„ווי איך זע, זיס מלאכל מיינס, האָסטו אויך טאַלאַנט צום שרייבן. דאָס קליינע זאַכעלע, וואָס דו האָסט מיר אָנגעשריבן און עס מיר צוגע־שיקט, האָב איך איבערגעלייענט פאַר מיינע פריינט, גרויסע מבינים אויף ליטעראַטור. זענען זיי געווען אַנטציקט און זיי ראַטן דיר צו שרייבן נאָך מער.

פאַרגעס נישט, זיס מלאכל מיינס, צו פאָלגן דיין מאַמי. רעג זי נישט אויף, וועט זי נישט אַרומגיין קיין בייזע און אונדז נישט פאַרביטערן די פרייד, ווען איך וועל ווידער זיין אין דער היים. ענטפער מיר באַלד און זיי נישט בייז, וואָס איך בעט ביי דיר אַזוי פיל זאַכן אויף איינמאָל.

„איך נעם דיך אַרום און דריק דיך צו מיין האַרצן. גרוסן פאַר דער מאַמי און פאַר דעם ברודער

דיין פּ אַ פּ י".

ביזן מאַרך פון דיביינער איז קוקי גערירט געוואָרן פון פאָטערס בריוו. זי האָט אים באַלד באַהאַלטן צווישן די העפטן, אַרויסגענומען פון טישקעסטל טינט און פעדער מיט פּאַפּיר און זיך גלייך אַנידערגעזעצט אָנשרייבן אַן ענטפער.

זי האָט גענומען שרייבן גיך, כדי צו ענדיקן דעם בריוו איידער די מוטער וועט קומען. די פעדער איז געלאָפן איבערן פּאַפּיר:

„טייערער, זיסער פּאַפּוסי, איינציקער טאַטעלע מיינער! דיין בריוועלע איז געשריבן זייער שיין און קלוג. גליקלעך בין איך, וואָס דו ביסט, גאָט צו דאַנקען, געזונט. מיר פאַרדריסט שטאַרק, פאַרוואָס דו מיינסט, אַז איך בין אַ קראַנק קינד. איך בין שוין פולקאָם געזונט. איין קלייניקייט איז מיר נאָך פאַרבליבן פון מיין פריִערדיקער שלאַפקייט: ווען איך לויף אַרום אַביסל צופיל, ווער איך מיד און דאָס פלייצעלע הייבט מיר אָן צו שטעכן. אַ סך מאָל קען איך באַנאַכט נישט שלאָפן. דאָס איז מסתמא דערפאַר, ווייל איך טראַכט אַ סך וועגן דיר. איך האָב מורא אַז דו וועסט זיין בייז, וואָס איך בין קראַנק... אוי, פאַרגיב מיר, זיסער פּאַפּוסי! ווער זאָגט אַז איך בין קראַנק? איז דאָס דען אַ געוואַלטיקע זאַך, ווען עס פעלט אויס אַביסעלע אָטעם? מסתמא איז עס דערפאַר, ווייל איך טראַכט פון שלעכטע זאַכן.

„איך טראַכט, אַז גזלנים זענען דיך באַפאַלן און צוגענומען דיין געלט און דיך האָבן זיי געבונדן און באַהאַלטן ערגעץ אין אַ הייל צווישן די קאָרדיליערן, דאָרט, ווו עס האַלטן זיך אויף שלענג. איינמאָל

האָט מיך אַזאַ געדאַנק שטאַרק געפּייניקט און איך האָב מיך צעוויינט. מאַמי האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף. זי האָט מיר געגעבן צו טרינקען אַביסעלע זיס וואַסער און מיך טויזנט מאָל איינגעשטילט און זיך געשווירן, אַז מיט דיר האָט קיין שום שלעכטס נישט פּאַסירט.

„אָבער איך האָב מיך נישט געקאָנט באַרויִקן און דורכויס געוואָלט, אַז זי זאָל מיט מיר גיין צו דער פּאָליציי און זיי דערציילן, אַז גזלנים האָבן דיך פּעקוועסטרירט. מאַמי איז מיט אַן אמת בייז געוואָרן. זי האָט מיך גענומען צו איר אין בעט אַריין און ווען איך האָב נישט אויפגעהערט צו בעטן, אַז זי זאָל מיך פירן צו דער פּאָליציי, האָט זי מיך געוואָרנט און טאָקע זייער שטרענג, אַז אויב איך וועל נישט אויפהערן צו וויינען, יועט זי משוגע ווערן און זי וועט אַנטלויפן וווהין די אויגן וועלן זי טראָגן. איך האָב מיך דערשראָקן און אויפגעהערט צו וויינען. אָבער רויִק בין איך נישט געוואָרן. ערשט איצט, ליבער פּאַפּוסי, ווען איך האָב באַקומען דיין בריוועלע, האָב איך מיך באַרויִקט.

„דער מאַמעס וואָרענונג האָט דאָך געווירקט צום גוטן. איך האָב מיך אויפגעפירט ווי אַ דערוואַקסן מיידל און די מאַמע, וויל איך האָפן, וועט מער נישט טראַכטן, אַז איך וועל זי משוגע מאַכן. פאַרן געלט, וואָס דו האָסט מיר צוגעשיקט, האָט מיר מאַמי געקויפט אַ גרויסע ליאַלקע. זי האָט גרויסע, בלויע אויגן און אַ קליין חנעוודיק מיילעכל. אַז איך קער זי איבער פון אונטן אַרויף און טו איר אַ קוועטש ביים פּופּיקל טוט זי אַ קרעכץ: „מיאיע, מיעאיע". מסתמא הייסט דאָס ביי איר „מאַמי". אוי, ווי איך האָב זי ליב! איך האָב איר אַ נאָמען געגעבן נאָך מיר און איך וויל, אַז דו זאָלסט ווערן איר פּאַפּי. זי איז אַ קלוג מיידעלע און אַ ריינינקע. איך בין זיכער, אַז דו וועסט זי ליב באַקומען. זי עסט אויף אַ גאַנצן טעלער זופּ פון גרינע אַרבעסלעך מיט רייז און טרינקט גענוג מילך מיט האָניק. נעכטן האָט מיך טעכטערל געגעסן צופיל און זי איז קראַנק געוואָרן; ס'האָט איר נעבעך וויי־געטון ס'בייכעלע. איך האָב איר צוגעלייגט אַ קאָמפּרעסל פון אַלקאָהאָל מיט „מאַנסאַניזשאַ" איז זי גאָט צו דאַנקען, אינגאַנצן געזונט געוואָרן.

„פּאַפּי, איך ווייס, אַז דו ביסט איצט געפאָרן קיין מאַר דעל פּלאַטאַ צו כאַפּן פיש און נישט גלאַט אַזוי זיך אויסרוען. דאָ, אין אונדזער זומער־ווווינונג, וועסטו זיך אויך קענען אויסרוען. די לופט איז דאָ אַ ריינע און ס'איז שטיל. אין די נעכט, ווען עס רעגנט ניט און ס'איז וואַרעם, לאָזט מאַמי אָפן די טיר און פענצטער פון צימער. איך האָב אויפגעהאַנגען אַ ווייסן טיול איבער קוקיס בעטעלע, כדי די מאָסקיטן זאָלן זי נישט צעבייסן. די סעניאָרא כודיט איז גוט צו מיר. זי איז שוין געוואָרן מיינע און אויך

מיין קוקיס מומע. איך האָב שוין אויך אַ נייעם פעטער. דאָן גומער־סינדאָ איז זיין נאָמען. איך אָבער האָב אים אַ נאָמען געגעבן „וואַנ־צעס", ווייל ווען ער רעדט דרייט ער מיט די וואָנצעס, ווי זיי וואָלטן געווען עלעקטריזירט. איך האָב דאָס געפיל, אַז גומערסינדאָן אַרט גאָרנישט, וואָס איך האָב אים געגעבן אַ צונאָמען.

„מאַמי זאָגט, אַז ער האָט אַ געטלעכע נשמה, אָבער איך האָב אים נישט איבעריק ליב. ער, זעט אויס, האָט מיך יאָ ליב, קויפט אַלע טאָג אַ גרויסע פּאָרציע אייזקרעם און גוטע שאָקאָלאַד. סיי ווי לאָז איך נישט, אַז ער זאָל מיך קושן. ווייל זיינע וואָנצעס דראַפּען מיין פּנים. צווייטנס וויל איך נישט, אַז ער זאָל מיך ליב האָבן, ווייל ער איז נישט מיין פּאַפּי.

„מאַמי, ווייזט אויס, האַלט יאָ פון די וואָנצעס. זיי זיצן ביז שפּעט אין דער נאַכט און רעדן. די מאַמי דערלאַנגט אים מאַטע. אַ סך מאָל שפּילט ער גיטאַרע און שפּילן האָב איך אים דווקא ליב צו הערן. מאַמי וויל אָבער ניט, אַז איך זאָל מיך לייגן שלאָפן שפּעט. זי האָט מיך אַפילו באַליידיקט און איינמאָל מיר געגעבן אַ קלאַפּ איבערן מויל, ווייל איך האָב געזאָגט, אַז די וואָנצעס מעגן שוין גיין אַהיים. אויסגעפירט האָב איך. אָבער איך האָב געוויינט, שטאַרק געוויינט, און געוואָלט, אַז זי זאָל מיך שוין אָוועקפירן צו דיר... מאַמי איז בלייך געוואָרן, זי האָט מיך גענומען אויף די הענט און געקושט מיינע אויגן. דערביי האָט אויך מאַמי געוויינט... פון דעמאָלט אָן האָב איך גרויס רחמנות געקריגן אויף איר. איך גיי שלאָפן פרי און שטער איר מער נישט צו פאַרברענגען מיט די וואָנצעס. דיך וועט דאָך סיי־ווי־סיי נישט אַרן. דו האָסט נישט ליב מאַמין, נישט אמת, פּאַפּוסי זיסינקער?...

„אויך מאַמי איז לעצטנס געוואָרן אויסערגעוויינלעך גוט צו מיר. זי האָט אויפגעהערט שרייען, אַז איך וועל זי טרייבן אין קבר... זי באַקלאָגט זיך מער נישט אויף איר שוואַרץ מזל און וויינט נישט אַזוי אָפט, ווי זי פלעגט וויינען, ווען דו ביסט אין דער היים נישט געווען. מאַמי שטעלט מיר אַלע אויפדערנאַכט אַ נאָדל פון קאַלך מיט לעבערזאַפט. איך נעם דעם טאָניק צום אַפּעטיט. איך בין שוין פולשטענדיק געזונט. נאָר ס'מאַכט זיך פאַר אַ רעגן, הען דער הימל פאַרציט זיך מיט וואָלקנס, הייבט מיר אָן ווייַ צו טון דאָס פלייצעלע... און אין סאַמע הערצעלע שטעכט מיך עפּעס...

„נעכטן האָבן מיר געהאַט אַ גרויסן גאַסט, דיין זון. ער איז געוואָרן הויך און שיין. איך ווייס נאָר נישט, וואָס אים איז עפּעס איינגעפאַלן צו ווערן אַ גלח! פאַרוואָס זאָל ער נישט ווערן קיין דאָקטער? ווען איך האָב אים דאָס געזאָגט, האָט ער געשוויגן. קענטיק, אַז עפּעס ליגט ביי אים

פאַרבאָרגן אין דער נשמה. מיר האָבן גערעדט וועגן דיר און ווי איך האָב פאַרשטאַנען, האָט מיין ברודער מער ליב דער מאַמען... זאָל דאָס דיך נישט אַרן! איך האָב דיך ליבער ווי מיין לעבן! מיין ברודער האָט געזאָגט, אַז מאַמי איז שענער פון דיר און אויך בעסער... דאָס האָב איך נישט געקאָנט פאַרליידן. און ווען ער האָט נישט נאָכגעגעבן, האָבן מיר זיך געקריגט און איך האָב געוויינט... איך ווייס גאָרנישט, פאַרוואָס די מענער זענען זיך אַזוינע קעגנער... ביי מיר ביסטו דער שענסטער, דער בעסטער אויף דער וועלט.

„איך האָב דיר צו דערציילן נאָך אַ סך שיינע זאַכעלעך. אָבער איך איִל מיך, פּאַפּי זיסינקער, ווייל איך וויל, אַז דער בריוו זאָל צו דיר אָנ־קומען נאָך איידער דו וועסט פאַרלאָזן מאַר דעל פּלאַטאַ. דערוויל שיק איך דיר טויזנט מיליאָן קושעלעך און אויך מיין טעכטערל, אונדזער קוקיטאַ, לאָזט דיך גריסן.

„פון מיר, דיין טאָכטער, וואָס קען אָן דיר נישט לעבן“.

זי האָט צונויפגעלייגט די אָנגעשריבענע בייגעלעך פּאַפּיר און זיי אַריינגעלייגט אין אַ קאָנווערט. נאָך דעם האָט זי אָנגעשריבן דעם אַדרעס און אויפגעקלעפּט די מאַרקע. דעם בריוו האָט זי באַהאַלטן ביי זיך אין בוזים.

זי איז געווען מיד און און אויפגערעגט. רויטע, קרענקלעכע פלעקן האָבן זיך צעפּלעמלט אויף אירע שמאָלע, אָפּגעצערטע בעקלעך. זי האָט גיך אָנגעטון דער מאַמעס אַלטן וואָלענעם ראָק און די גרויסע הילצערנע שיך אויף די באָרוועסע פיסלעך און איז אַרויסגעלאָפן פון הויף. די שווערע הילצערנע שיך, צו־גרויסע פאַר אירע קליינע פיסלעך, האָבן געקלאַפּט אין די שטיינער און אַזוי אַרום געזופן די אויפמערקזאַמקייט פון די שכנישע ווייבער. זי האָט אַריינגעוואָרפן דעם בריוו אין אַ נאָענטן בריווקאַסטן, זיך אויסגעדרייט און ברומענדיק אַ לידל פון אַ פריילעכן טאַנגאָ, זיך געלאָזט לויפן צוריק אַהיים.

פונקט איז די מוטער אַרויסגעקומען פון קלייטל. ווען זי האָט דערזען קוקין, האָט זי אָפּגעגאָסן מיט אַ הארטן בליק, אַ פולן מיט וואָרענונג. קוקי האָט צו איר אַ שמייכל־געטון און זיך אינסטינקטיוו אַ טראָג־געטון פון אָרט, ווי זי וואָלט מיט אַמאָל פאַרשטאַנען, אַז די מאַמע האָט אַ רעכט צו זיין בייז. דערוויל האָט זי פאַרלוירן איין שוך. האָט זי אים גיך אויפגעהויבן און אַזוי קלאַפּנדיק מיטן אַנדערן שוך אויפן פיסל, איז זי אַנטלאָפן אַהיים.

אין מאַרטאַן האָט עס געשרפּעט פון צאָרן. זי האָט געפילט אויף זיך די שפּיציקע בליקן פון די שכנישע ווייבער, וועלכע זענען געשטאַנען לעבן

די מיסט־קעסטלעךביים זוים פון טראָטואַר און כלומרשט געוואַרט, אַז דער מיסט־צעפּירער זאָל אויסליידיקן די קעסטלעך. זי איז אַהיימגעלאָפן ווי אַ צעחושטע.

דער מיסט־צעפּירער איז געגאַנגען פון איין שטוב צו דער אַנדערער, אָנגעפּילט מיט מיסט זיין גרויסן, בלעכענעם בעקן און עפּעס אַריינגעבור־טשעט אין זיך. ווען ער האָט דערזען מאַרטאַן האָט ער בייז געברומט:

— איך וועל שלעפּן די קאַסטנס מיסט און זי איילט זיך נישט אַרויס־ציטראָגן דאָס ביסל שמוץ... אָט ווי מענטשן פירן אַ לעבן פון ליידיקגיין און פוילעריי!...

מאַרטאַ איז געוואָרן געל ווי וואַקס. ווען זי איז פאַרבייגעגאַנגען די ווייבער, האָבן זיי זיך אָנגעהויבן שושקען און איר נאָכגעקוקט מיט שפּאָט.

— האָסטו שוין געזען אַזאַ פאַריסן גענגעלע? זי מיינט אַפּנים, אַז דער גראָבינקער קען אָן איר נישט לעבן.

— זי איז פריִער געשטאַנען אין טירל מער ווי צוויי שעה און ער האָט זיך נישט געאיילט אַרויסצוקומען.

— דער גראָבינקער דאַרף זי מער נישט.

— ער האָט שוין שענערע פון איר איבערגעלאָזט...

— זי איז דאָך אַן אַלטע, אָפּגעלעבטע בהמה, זעט אויס ווי פון אַ יאָר זעכציק...

— וואָס גייט דאָס אים אָן? זי איז רייך און גיט אים געלט...

— מען זאָגט גאָר, אַז דער מאַן אירער איז אַ גרויסער סוחר און ער האָט זי אַרויסגעטריבן פון שטוב, ווייל גומערסינדאָ האָט איר שוין פון לאַנג געשריבן ליבע־בריוועלעך...

— וואָס, מיט דעם פּנים קען מען געפעלן אַ געליבטן? זי זעט דאָך אויס ווי אַ מאַנסביל!...

דער מיסט־צעפּירער איז צוגעלאָפן צום ברייטן פאַבריק־טויער און אַריינגעשריגן אין אַ שפּאַרע: „דאָס מיסט, דאָס מיסט! זעט איר נישט אַז דער רעגן קריכט מיר אין די ביינער?״.

גומערסינדאָ האָט אים אַרויסגעבראַכט אַ גרויסן קאַסטן מיט מיסט און פאַרלעגן געשמייכלט:

— נישטאָ וואָס צו ערגערן זיך; יעדער מענטש האָט זיך זיין גורל.

ער האָט פאַרלייגט די הענט אויף דער ברוסט און היימישלעך אַרי־בערגעשריגן צו די ווייבער:

— אַ גוט מאָרגן אייך, שכנימלעך, אַ געזונט אין אייערע זיסע הער־צעלעך! אַזוי פרי און איר האָט שוין צייט צו פאַרברענגען?

— גראָבינקער, פּאַרוואָס האָט איר זיך פאַרשלאָפן? דאָ האָט מען דאָך געוואַרט אויף אייך... — האָט כערטרודעס אַריבערגעשריגן צו אים.

ער האָט זיך צעלאַכט. זיינע גראָבע ברוסטן און זיין גאַנץ לייב און לעבן האָבן מיטגעלאַכט.

— אוי האָט איר שנעבעלעך! און וואָס פאַר אַ נישט־פאַרגינערנס איר זענט! אוי, איר ווייבער!

אין דעם איז מאַרטאַ אַרויסגעקומען פון גאָרטן. זי האָט אַוועק־געשטעלט ביים ראַנד פון טראָטואַר דאָס קעסטל מיסט, און גיך צוריק אַריינגעלאָפן. זי איז געבליבן שטיין הינטערן גאָרטן־טירל, כדי בגנבה אַריבערצוקוקן צו גומערסינדאָן.

די ווייבער, אויפגעבראַכטע פון איר גלייכגילטיקייט, האָבן זיך צע־לאַכט און זיך ווידער צערעדט מיט אים:

— די קליינע אירע זעט אויס ווי אַ מתל און דאָס מאַמעלע האָט איז זינען ליובקעס!... און האָט נאָך די העזה צו רעדן פון גערעכטיקייט.

— אַזאַ אַלטע נבלה און טראָגט זיך אַרום מיט מיידלשע זאַכן...

— און ווער לאָזט אייך נישט שפּילן אין קיין ליבעלעך? — האָט זיי גומערסינדאָ געענטפערט. — פון אייך רעדט דאָך נאָר די קנאה! איבע־ריקנס ווייסט איר דאָך אַליין, אַז נישט יעדע „זי" קען אַרויסרופן אינ־טערעס ביי אַ זכר.

מאַרטאַ האָט אַ פּאַכע געטון מיט אַ פויסט און אַ געטריבענע פון צאָרן און אייפערזוכט אימפּעטיק אַריינגעלאָפן אין צימער, ווי זי וואָלט זיך געוואָלט אויסבאַהאַלטן פון דער רשעות פון די שכנישע ווייבער.

אויך אין שטוב ביי זיך האָט זי קיין רו נישט געפונען. קוקי איז גע־זעסן אין בעט איינגעהילט אין גראָבן ראָק און געהאַלטן די ליאַלקע אויפן שויס. ווען זי האָט דערזען די מאַמע, האָט זי אויפגעהויבן צו איר אַ ברוגזן בליק און שטיל געמורמלט:

— מאַמי, איך האָב פיינט די שכנישע ווייבער. זיי האָבן צו לאַנגע שנאָבלען.

שרעק האָט אויפגעבליצט אין מאַרטאַס בליקן. דער טאַכטערס רייד האָבן זי געטריבן אין דער וועלט אַריין. זי האָט זיך אויסגעדרייט און איז שווייגנדיק ווידער אַרויסגעגאַנגען. קוקיס בליקן זענען איר נאָכגעגאַנגען און עפּעס געמאָנט.

מאַרטאַ איז אַריין אין קיך און גענומען צוגרייטן עסן פאַרן קינד. אָן אומרו און ביטערניש האָט זיך געריסן פון אירע אברים. זי האָט ווי אַ

צעחושטע אַריינגעטראָגן דאָס גלאָז קאַווע פאַרן קינד, זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן זוים פון בעטל און, נישט אויפהייבנדיק די אויגן, שטיל געבעטן:

— קוקי, טרינק און נעם נישט צו ביי מיר אַזוי פיל צייט.

די קליינע האָט אַרויסגעפּילט צערודערונג פון איר שטים. איר איז שווער געווען צו פאַרשטיין, פאַרוואָס די מוטער האָט אַזוי ווייניק צייט פאַר איר אומגליקלעכער טאָכטער... איפּערזוכט און צאָרן האָבן געטאָטשעט איר האַרץ. זי האָט זיך פאַרביסן אויסגעדרייט מיט רוקן צו דער מוטער, זיך אויסגעצויגן אין דער לענג, באַגראָבן דאָס פּנים אין קישן און זיך צעזיפצט ווי אַ זקנה.

דאָס גלאָז קאַווע אין מאַרטאַס הענט האָט אונטערגעציטערט ווי איר מאָנענדיקע שטים:

— פאַרוואָס פייניקסטו מיך? זאָג, דו אומגליקלעכע, וואָס פעלט דיר ביי מיר?... זאָג, זאָג!

זי האָט אַוועקגעשטעלט די קאַווע אויפן נאַכט־טישעלע און זיך אָנגעבויגן איבערן קינד:

— געדענק, קוקי, איך וועל אַנטלויפן פון דאַנען וווהין מיינע אויגן וועלן מיך טראָגן!... געדענק! — האָט זי געוואָרנט מיטן פינגער.

קוקי האָט זיך צעוויינט, אַלץ שטאַרקער, האַרצרייסנדיקער, און אירע שפּיציקע אַקסלען און איר גאַנצער קערפּער האָבן מיטגעוויינט.

מאַרטאַ האָט זיך אויסגעגלייכט און שווער געזיפצט; זי האָט געהאַלטן די אָנגעצונדענע אומרויִקע בליקן אויפן קינד און איר צעיאָטערט און אומרויִק געוויסן האָט זי באַוועגט צו שרייען ווי נישט מיט איר קול:

— הער־אויף וויינען, דו שלאַנג איינע, דו קראַנקער וואָרעם! צוליב דיר פינצטער איך אָפּ מיינע יאָרן... צוליב דיר וועל איך נאָך ליגן אין אַ משוגעים־הויז...

קוקי האָט זיך איינגעקאָרטשעט ווי אַ צעטרעטן ווערעמל, פאַרבראָכן די פינגער און געהאַלטן אין איין יאָמערן:

— איך וויל צום פּאַפּי! פיר מיך צום פּאַפּי! דו מעגסט דיר שוין גיין מיטן פעטער גומערסינדאָ!...

מאַרטאַ האָט באַהאַלטן דאָס פּנים אין די הענט, זיך אויסגעדרייט מיטן רוקן צום קינד און שטיל און ביטער אַריינגעיאָמערט אין זיך. דאָס צימער איז פול געוואָרן מיט געוויין און מיט פינצטערע אָנזאָגן...

אויף זייערע קולות איז יהודית געקומען צו לויפן; זי איז שטיין־געבליבן אין דער אָפענער טיר און אויסגערופן דערשראָקן:

— מאַרטיטאַ, די שכנים שטייען אויסגעשטעלט ביים פּלויטל און חוזקן... מאַרטאַ, נעמט זיך אַריין אין די הענט!

זי האָט ווידער צוגעמאַכט די טיר און איז אַוועק.

אין צימער איז געוואָרן שטילער. מאַרטאַ האָט אויסגעטון דעם פּרי־מאָרגן־כאַלאַט און זיך אויסגעצויגן אויפן בעטל. זי איז געווען בייז אויף יהודיתן פאַר איר אַריינמישן זיך. יהודית גופא האָט זיך ווידער געפילט נישט מיט אַלעמען. זי האָט איר שוואַכקייט צוגערעכנט צו דער פּלוצלינג־דיקער פאַרענדערונג פון וועטער. טאָמער איז געווען אַ רעגן, האָט זי אָנגעהויבן שווער צו אָטעמען און פאַרלירן די כוחות אַרומצוגיין. זי האָט זיך אָבער נישט געשראָקן און תמיד געווען זיכער, אַז איר שוואַכער אָר־גאַניזם וועט ווידער ביישטיין די שלאַפקייט. זי האָט זיך נאָר אויסגערוט עטלעכע טעג, ביז דאָס האַרץ האָט אָנגעהויבן צו אַרבעטן נאָרמאַלער, דאַן פלעגט זי ווידער אויפשטיין און באַלד פאַרגעסן, וואָס פריִער איז געווען. דאָס מאָל אָבער האָט די שוואַכקייט און מידקייט זי נישט געלאָזט צורו. האָט זי זיך אַוועקגעלייגט אויפן בעטל און באַשטימט דעם גאַנצן טאָג צו בלייבן ליגן רויִק. און ווי זי איז אַזוי געלעגן אַ דערשעפּטע, איז מאַרטאַ צו איר אַריינגעקומען, זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן זוים פון בעטל און זיך צעהעשעט:

— כודיט, מיין טייערע, איך קען שוין מער נישט אויסהאַלטן, איך קען נישט!

יהודית האָט זיך דערשראָקן פאַר מאַרטאַס רעווען. עפּעס היהשעס איז געווען אין דעם; איר וויינען און אויסזען האָט געמאַכט דעם איינדרוק, ווי ס'וואָלט געקומען פון אַ געפּענטעטער, דערשטיקטער תאווה, וואָס האָט געזעווט און אַדורכגעבראָכן אַלע מענטשלעכע פאַרצוימונגען.

— מאַרטאַ! — האָט יהודית זיך אָנגערופן — ציט אייך בעסער אַרויס פון דאַנען, אַז נישט, וועט די קליינע נאָך שטאַרבן פון אייפערזוכט...

מאַרטאַ איז מיט אַמאָל שטיל געוואָרן און אויפגעהויבן צו יהודיתן דאָס פאַרקלאָגטע פּנים מיט די צעמישטע אויגן, פולע מיט באַליידיקונג און פאָרוואורף. אַ מוראדיקע שטילקייט האָט זיך אָפּגעזעצט אַרום זיי. פאַר יהודיתן איז דאָס געווען אַ פּיינלעכע לאַגע און זי האָט איבערגעריסן די שטילקייט:

— מאַרטאַ, איר מוזט דאָך וויסן, אַז חרטה, וואָס קומט צו־שפּעט, איז ווי אַ שטרענגער ריכטער, וועלכער פאַרמשפּט אונדז צו שטאַרבן פון געוויסנסביסן...

— כודיט, שוועסטערל מיינס, — האָט איר מאַרטאַ איבערגעשלאָגן די רייד — די קליינע מאַכט מיך משוגע... נאָך היינט, כודיט, וועט צו אַלץ נעמען אַ סוף... איך וועל אָפּסמען דאָס קינד און דערנאָך אַ סוף מאַכן צו מיר...

שרעק האָט זיך געריסן פון יהודיתעס בליקן און אין איר קינדישער

אומבאַהאָלפנקייט האָט זי זיך געפילט ווי פּאַראַליזירט. זי איז בייז געוואָרן אויפן רויען גומערסינדאָן, ווייל ער האָט אויפגעוועקט אין מאַרטאַן אַ נישט געזעטיקטע, אַ צערייצטע תאווה, וואָס האָט פאַרטונקלט איר קלאָרן פאַר־שטאַנד... אויך אין מאַרטאַן איז זי אַנטוישט, ווייל זעלבסטמאָרד איז נישט דער אופן אָפּצוואַשן פלעקן פון אַ טעותדיק לעבן. זי האָט יאָרנלאַנג אָפּ־געגאַרט איר אייגן לייב און נשמה און אַצינד וועט זי מוזן באַצאָלן אַ צו־טייערן פּרייז... דאָס בעסטע מיטל וואָלט געווען, ווען מאַרטאַ זאָל אָנהייבן צו אַרבעטן, כדי אָפּצווואַשן דעם אינערלעכן געשריי פון אויפגעוואַכטן און נישט־געשטילטן בלוט. אויב איר מאַן איז איר אינגאַנצן פרעמד, דאַן זאָל זי עפּעס לערנען פון דעם און ווי אַ געזונטער, ערלעכער מענטש באַשטימען איר אייגענעם גורל.

— מאַרטאַ — האָט יהודית ווידער איבערגעריסן די שטילקייט — איילט אייך נישט מיטן באַשלוס; צעברעכט נישט אייער היים. נישט אי־בערגעלייגטקייט איז דער גרעסטער אומגליק, וועלכן מיר גופא ברענגען אויף זיך.

מאַרטאַ האָט פאַרבראָכן די פינגער און אַריינגעברומט אין יהודיתעס אָפּגעצערט, בלייך פּנים:

— מיין היים איז קיינמאָל קיין גאַנצע נישט געווען! מיין מאַן איז מיר פון אָנהייב אָן נישט געווען געטריי. ער האָט מיך פיינט געהאַט און איך האָב אים געהאַסט... יאָ, יאָ, קוקט נישט אַזוי אויף מיר! איך האָס אים היינט אויך ביז משוגעת. אַ סך מאָל האָב איך שוין געקלערט אַ סוף צו מאַכן צו זיין לעבן, צו מיינעם, צו אונדזערע קינדערס...

יהודיתן איז ענג געוואָרן אין האַלדז און שווער אויפן האַרצן. זי האָט זייער ליב געהאַט די קליינע קוקי און דערפאַר איז זי שטאַרק אומרויִק געוואָרן. זי האָט געוואָלט איבערצייגן מאַרטאַן, אַז גומערסינדאָ וועט איר קיין גליק נישט ברענגען און אַז קוקי, דאָס קראַנקע קינד, טאָר נישט אָפּקומען פאַר דער זינד פון אַ מאַמען, וועלכע האָט אַ האַלב לעבן אָפּגע־לעבט אונטער אַ שלייער פון צופרידנקייט און פון באַלעבאַטישקייט. וואָס פאַר אַ פרוי איז דאָס, וואָס האָט אַזאַ לאַנגע צייט געהאַסט די מענטשן און צוליב זיי האָט זי זיך געהאַלטן רויִק און ערלעך? יהודית האָט געוווּסט, אַז מאַרטאַ איז איינע פון יענע מאַסן־פרויען, וועלכע האָבן שטענדיק טענות צום נישט געטרייען מאַן און טראָגן זיך אַרום מיט נאַרישע, מערדערישע און זעלבסטמערדערישע געדאַנקען, ווייל זיי האָבן נישט קיין כוח דאָס לעבן זייערס דורכצוברעכן און זיך אָפּצוזאָגן פון די שטוביקע באַקוועמלעכקייטן. און אויך אויס מורא פאַר די מיינונגען פון אַנדערע מענטשן.

יהודית האָט געטראַכט און געזוכט די פּאַסיקע ווערטער, וואָס זאָלן

אַריינדרינגען אין מאַרטאַס נשמה און ווירקן אויף איר פאַרשטאַנד. אין דעם אָבער האָט זיך קוקי באַוויזן צווישן פאָרהאַנג איבערן טירל און גע־יאָמערט:

— מאַמי, פאַרוואָס טראַכסטו נישט פון מיר?... פיר מיך צום פאַפּי!

מאַרטאַ האָט זיך אַ ריס־געטון פון אָרט אַן אַרומגעכאַפּטע פון שרעק, זי גענומען אויף די הענט און זיך מיט איר אַוועקגעזעצט אויפן בעטל נעבן יהודיתן. זי האָט גיך אַראָפּגענומען פון איר דעם וואָלענעם, נאַסן ראָק, איר אויסגעטון די הילצערנע שיך, זי איינגעוויקלט אין יהודיתעס אַ דיי־נער, זומערדיקער קאָלדרע און זי גענומען צערטלעך גלעטן און דערביי יאָמערן:

— ווי און וויינד איז צו מיר! ווהין, מיין קינד, זאָל איך אַנטלויפן און וואָס זאָל איך אַצינד טון?... פאַרוואָס, אָרעם קינד מיינס, האָט אונדז גאָט פאַרלאָזט?...

טיפע אומפאַרשטענדלעכקייט האָט זיך געריסן פון קוקיס אויגן. זי האָט באַגראָבן דאָס פנים אין יהודיתעס שויס און ביטער געזיפצט.

— אוי, גאָט, פאַרוואָס שיקסטו מיר נישט דעם טויט?...

מאַרטאַ איז געל געוואָרן; שוואַרצע שדימלעך האָבן זיך צעטאַנצט אין אירע צעצונדענע בליקן. זי האָט אַנידערגעלייגט קוקין נעבן יהודיתן און איז אַרויס פון שטיבל. די קליינע האָט זיך צוגעטוליעט צו איר און געבעטן:

— מומע כודיט, רעד עפּעס צו מיר! מומע, ביסט בייז אויף מיר?

— ניין! — האָט יהודית געזאָגט און איר געטריי אויסגעווישט די טרערן פון די אויגן און פון פנים.

קוקי האָט פרייער אָפּגעאָטעמט און זיפצנדיק אַרומגענומען מיט אירע הענטלעך יהודיתעס טאַליע.

— מאַמי האָט גערעדט שלעכטס פון מיין פאַפּי?... זאָג!

מאָנונג און געבעט איז געווען אין איר שטים.

— וואָס פאָלט דיר איין? — האָט זי יהודית שטרענג אָנגעקוקט, — דו פירסט דיך אויף שלעכט, און דאָס איז אַלץ.

אומעט און גרענעצלאָזער עלנט האָבן זיך געריסן פון קוקיס פאַר־טרערטע אויגן, זי האָט נאָכגיביק געשטאַמלט:

— אויך דו האָסט מיך שוין פיינט?...

— אַז דו וועסט רעדן אַזעלכע נאַרישקייטן, וועל איך דיך אויף אַן אמת פיינט באַקומען. דו ביסט שוין אַ דערוואַקסן מיידל און וואָלסט שוין געמעגט האָבן מער שכל.

זי איז אַנטשוויגן געוואָרן און געטריי געגלעט קוקיס האָר פון קאָפּ.

די קליינע האָט ווידער איבערגעריסן די שטילקייט.

— מומעלע, פאַרוואָס האָט גאָט געמאַכט, אַז מענטשן זאָלן מוזן שטאַרבן? איך וויל נישט שטאַרבן. איך האָב מורא צו שלאָפן אין דער פינצטער...

דעם קינדס רייד האָבן יהודיתן געשניטן ביים האַרצן. זי האָט ליב געהאַט קוקין און וואָלט מאַרטאַ נישט געווען אַזאַ בייזע און זיך נישט באַליידיקט פאַר יעדער קלייניקייט, וואָלט זיך יהודית געווען אָפּגעגעבן מיט איר אַ סך מער ווי די מוטער.

— און דו האָסט נישט קיין מורא צו שטאַרבן? — האָט די קליינע ווידער געפרעגט.

יהודית האָט איר איבערגעשלאָגן די רייד, זי געזוכט מיט עפּעס צו טרייסטן און געזאָגט:

— קיינער שטאַרבט נישט גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריין. און אַלטע לייט, די וואָס האָבן געטון אַ סך גוטס און בעטן ביי גאָט און ביי דער הייליקער מאַריאַ אַ פּלאַץ אין הימלישן גן־עדן, צעבראָכענע מענטשן, זיי אַליין גייען פון אונדז אַוועק.

— נישט אמת! — האָט איר קוקי איבערגעשלאָגן די רייד, — און פאַרוואָס איז געשטאָרבן מיין קליינע קוזינקע מאַרוליטאַ? און פאַרוואָס זע איך אַלע טאָג פירן קליינע טרומנעלעך מיט קינדערלעך צום בית־עולם?

— דאָס איז זייער אייגענע שולד — האָט איר יהודית רויק געענט־פערט — קינדער מוזן עסן און טרינקען צו דער זעט... קינדער מוזן גיין שלאָפן אין צייט... וועלן זיי אויסוואַקסן און זיין גליקלעך.

די קליינע האָט אָנגעשטעלט אויף איר אַ דורכדרינגלעכן בליק און פאַרלוירן געשמייכלט. אויך יהודית האָט געשמייכלט. דאַן האָט קוקי פאַר־טראַכט צוגעגעבן:

— אַז איך וועל שטאַרבן, וועל איך אויסבעטן ביי גאָט און ביי דער הייליקער מאַריאַ, אַז זיי זאָלן דיך ברענגען צו מיר... איך וועל דיך אויס־היטן פון די שלעכטע מלאכים און מיר וועלן ביידע רוען אין גן־עדן...

קאַפּיטל צען

דאַן פּילקע איז געזעסן ביים ראַנד פון בעט אין זיין שלאָפצימער און איבערגעקוקט די ציפערן פון זיין באַנק־ביכל. גאווה און נגידישע פאַר־ריסנקייט איז געווען צו מערקן אין זיינע עטוואָס רויטע, נישט אויסגע־שלאָפענע אויגן. אַרום די קאַנאַווקעלעך אין די באַקן האָט זיך געבליכט

אַ מאָדנע פרייד. ס׳איז קענטיק געווען, אַז ער האָט לעצטנס געהאַט צו־געשטעלט אַ באַדייטנדיקע צאָל ציפערן אין זיין באַנק־ביכל און ער האָט געהאָפט, אַז די ציפערן וועלן באַזייטיקן אַלע זיינע זאָרגן.

סוסי איז געלעגן אין בעט אויסגעצויגן אונטער אַ ווייס ליילעך און געהאַלטן דעם קאָפּ אויף זיין שויס. ווי שמעקנדיקע בלעטער־פלאַנצן זע־נען אירע האָר־קרויזן געווען צעוואָרפן אַרום איר ליבהאָבער און ער איז פון זיי ווי אַרויסגעוואַקסן ווי אַ דאָרן פון צווישן יונגע, שמעקנדיקע בלימלעך. מיט אַ שטאַרן בליק האָט זי באַטראַכט די אויסגעקראָכענע האָר פון זיין קאָפּ און בעת־מעשה אונטערגעברומט אַ ניגונדל פון אַ פריי־לעכן טאַנגאָ. אין צימער איז געווען זיבער אויפגערוימט און ס׳האָט געהערשט אַ געמיטלעכע שטימונג. אַ ראָזעווע שיין און שמעקנדיקע ריחות האָבן גערוט אין די טיפע ווינקלען. יונגע שוועלבעלעך זענען אַרומגע־שפרינגען אויף די צווייגלעך פון ווייסן צוויט־ביימל הינטערן אָפענעם פענצטער און דאָס צימער איז פול געווען מיט זייער פּישטשען און מיט זייער פרייד.

פילקע האָט ווידער אַריינגעלייגט דאָס באַנק־ביכעלע אין גרויסן, לע־דערנעם פּאָרטפעל, אין וועלכן ער האָט געהאַלטן זיינע טשעק־ביכלעך און אַנדערע וויכטיקע דאָקומענטן, אים גוט פאַרמאַכט און אַוועקגעלייגט לעבן סוסין. דאַן האָט ער פאָרזיכטיק אונטערגעהויבן איר קאָפּ, אים אַוועקגעלייגט אויפן קישן און זיך אויפגעהויבן.

זי האָט אָפּגעאָטעמט פריי און האָט זיך פאַרשייט איבערגעדרייט מיט דער פלייצע אויף אַרויף, אָנגעשפּאַרט די גאָמבע אויף די איבערגעלייגטע הענט און זיך צו אים געווענדט:

— נו, פּאָפּי, ווי האַלט עס מיט אונדזער פאַרמעגן?

ער האָט אַריינגעשטעקט די הענט אין די טיפע קעשענעס פון זיין לאַנגן פרימאָרגן־ראָק און איר זאַכלעך געענטפערט:

— מען דאַרף זיך נישט באַקלאָגן; די געשעפטן גייען נישט שלעכט. נאָר וואָס דען, ווען איך וואָלט געהאַט מער רו, וואָלט איך שוין געווען געקויפט אַן אייגענעם לוקסוס־טשאַלעט.

זיין שטים האָט געקלונגען ערנסט און אומצופרידן.

— און אונדזערע פריינט האָבן אין דער לעצטער צייט אָפּגעשפּאָרט מיליאָנען — האָט סוסי שטיל באַמערקט.

ער האָט פאַרצויגן אַ דין שמייכעלע אַרום די ליפּן און מיט די שפּיצן פון די פינגער האָט ער איר צעשויבערט די האָר.

— איך האָב נאָך קיינעמס מיליאָנען נישט געציילט, קיינעמס, דו נאַריש גענדזעלע! — ער איז אַנטשוויגן געוואָרן און מיט אַ פאַרזונקענעם קאָפּ צווישן די הויכע שפּיציקע אַקסלען אַרומגעשפּאַנט הין און צוריק

איבערן צימער. די צעפּלאַטערטע פּאָלעס פון ראָק האָבן אים נאָכגעשפּאַנט, ווי זיי וואָלטן נאָכגעפאָלגט זיינע אומרויִקע געדאַנקען...

סוסינקע איז נישט אינגאַנצן אומגערעכט — האָט ער געטראַכט פאַר זיך. — די לעצטע מלחמה האָט באַגליקט מיליאָנען מענטשן. אַזעלכע לייט וואָס האָבן קיינמאָל נישט געוווסט, וואָס האַנדל באַדייט. און אים, פילקען, איז דאָך אַזוי נייטיק אַ גרויס פאַרמעגן! ער האָט דאָך אַזוי חשק צו ענ־דערן זיין שטייגער לעבן, עס באַרייכערן, פאַרשענערן... מאַרטאַ איז דאָך נישט זיין ווייב. זי איז נישט פאַר אים. אויך זי ווייסט עס. דאָס שטיק פלייש מיט די „שוואַרצע קליידער" האָט פאַר אים אויסגעבויט אַ תפיסה און נישט קיין היים, אַ געמיטלעך ווינקעלע, ווי עס פּאַסט זיך פאַר אים.

ס'איז אים אויך געקומען אין זינען אַריין צו נעמען סוסין און מיט איר אַוועק אויף אַ געוויסער צייט קיין פּאַריז און פון דאָרט מאַרטאַן שיקן חודשלעך איר געהאַלט פאַר זיך און פאַרן קינד. און ווען ער וועט, אין אַ יאָר אַרום, צוריקקומען, וועט די פרוי זיינע און די גאַנצע פאַמיליע שוין זיין גוט צוגעגרייט און צוגעוווינט צום געדאַנק וועגן אַ שיידונג...

— ווייסט, סוסי, איך מוז דאָך האָבן רו. די „שוואַרצע קליידער" פּרעסט אויף אונדזערע בעסטע יאָרן, — האָט ער באַזאָרגט ווי צו זיך אַליין, אַ זאָג־געטון.

—אָבער מיר איז נישט שלעכט ביי דיר... — האָט זי אים טראַציק איבערגעשלאָגן די רייד.

גרינע פונקען האָבן אַ שפּריץ־געטון פון זיינע צאַרנדיקע בליקן.

— ווען ס'וועט האַלטן ביים באַשטימען, וועסטו שוין מסתמא טון וואָס איך וועל דיך הייסן! אַלץ וואָס ס'איז פאַר אונדז ביידע לויִנבאַר, — האָט ער פאַרבעסערט אין אַ שטילערן טאָן. — פאַרלאָז דיך אויף מיר.

זי האָט צוזאַמענגעפּרעסט די ליפּן און דאַן שטיל געענטפערט:

— מאַרטיטאַ איז מיין קוזינע... זי איז צו מיר געווען ווי אַ מאַמע...

— און איך בין פאַר דיר גאָרנישט געווען? — האָט עס פון אים אַרויסגעשריִען — ווער האָט דיך געמאַכט פאַר אַ מענטש? דו לעבסט דאָך היינט ווי אַ גרעפין! און איך וועל דיך נאָך מאַכן פאַר אַ קעניגין...

ער איז צוגעגאַנגען צום בעט און כעסדיק איינגעפלאָכטן זיינע דינע פינגער אין אירע האָר און זיי געצויגן, געריסן. סוסי האָט מיטאַמאָל פאַר־וואָרפן אירע לאַנגע הענט אַרום זיין הויכן, אָדערדיקן האַלדז און אים אַראָפּגעצויגן צו זיך און אים מיט די צונויפגעצויגענע ליפּלעך אויסגע־קושט די בלייכע קאַנאָווקעלעך אין די באַקן און דערביי קינדיש געוואָרפן מיט די פיס אויפן רויטן קישעלע.

אירע לאַסקעס האָבן אים מיד געמאַכט. מורא האָט זיך געשפּיגלט

אין זיינע פייכטע אויגן. ער האָט גיך אַראָפּגענומען פון זיך אירע לאָקנ־דיקע הענט, פאַרויכערט אַ ציגאַר און ווידער גענומען שפּאַנען איבערן צימער און אַרויסגעלאָזט רינגען רויך דורך די צעפּאַכעטע נאָזלעכער. ווען ער האָט זיך ווידער באַרויִקט האָט ער זי אויפסניי געוואָרנט:

— געדענק, סוסי, דאָן פּילקע איז אַ מאַן און נישט קיין בעזעם! פון ווען אָן, וויל איך וויסן, ביסטו געוואָרן מיין דעה־זאָגערן? איך ווייס אַליין וואָס עס וועט זיין גוט פאַר אונדז. און אַ שיינע לוסט־רייזע קיין פּאַריז ווילסטו מאַכן?

— יאָ! — האָט זי אַ באַגייסטערטע גענומען פּאַטשן מיט אירע הענט — דאָן פּילקע איז אַ מאַן און נישט קיין בעזעם, פאַרשטייט זיך... — האָט סוסי אונטערטעניק צוגעגעבן און אַ פאַרפירעריש שמייכעלע האָט זיך אויסגעלייגט אַרום איר מויל.

ער האָט זי באַוווּנדערט ווי אַ פריש־צעעפנטן קנאָספּ, און דאָך מורא געהאַט פאַר איר ווי פאַר אַ פאַרגיפטעטער רויז, וואָס וועט אים פאַרסמען. ער איז האַסטיק אַריין אין אויפנעמצימער. אַ דערדריקנדיקע שטילקייט איז אים פון דאָרט אַנטקעגנגעקומען און די פאַראומערטקייט פון מאַרטאַס אומצופרידן פּנים. דורך די שפּאַרעס פון צעבראָכענעם רולעט איבערן פענצטער האָבן זיך אַריינגעריסן צעריסענע שטיקער רויטע זונשיין, וועלכע זענען אַרומגעקראָכן אין די ווינקלען און זיך געבלייכט איבערן פאַר־שטויבטן מעבל. ער האָט אויפגעהויבן די אויגן צום חתונה־בילד, וואָס איז געהאָנגען אויף דער וואַנט איבער דער גרויסער קאָמאָדע. אין שוואַרצן סמאָקינג אויפן בילד איז ער ענלעך געווען צו אַן ענגלישן ספּאָרטסמאַן און מאַרטאַ אין אירע חתונה־קליידער האָט אויסגעזען ווי אַ דאָרפיש פּאַסטעך־מיידל. אַ פּראָסטע נאַיִווקייט האָט אַראָפּגעקוקט פון איר קיילעכ־דיק פּנים און אַ שטילער טרויער.

פּילקע האָט געשמייכלט און געטראַכט: „נישקשה, ס׳מאַכט נישט אויס, וואָס ער איז לעצטנס אַ ביסעלע דערשעפּט... ער איז אָבער געבליבן ביים אַמאָליקן יוגנטלעכן חן... ווען דאָס וואָלט נישט געווען אַזוי, וואָלט דאָס יונגע, צאַפּלענדיקע נפשל, סוסי, נישט געקלעפּט אַזוי אָן אים...

אין די ערשטע יאָרן פון זייער ליבע איז פּילקע געווען זיכערער אין זיינע מענערישע כוחות און איז דערפאַר אויך געווען מער גליקלעך. סוסי איז דאָן קוים אַלט געווען פערצן יאָר. ער פלעגט זיך אויסבאַהאַלטן מיט איר פון די אייגענע און פון באַקאַנטע און ער האָט זי מיטגעפירט מיט זיך ווי מען פירט אַ שיינעם, טייערן הונט. ער האָט זי אָפּגעקויפט מיט שיינע פּעקעלעך באָמבאָנעס און מיט קינדישע שפּילערייען. זי איז

געווען איבערגליקלעך פון זיין גוטסקייט און נאָך מער פון די מיטגע־בראַכטע צאַצקעס.

אַזוי שטייענדיק אַנטקעגן בילד, האָט ער ווייטער געטראַכט:

— סוסי איז געוואַקסן, אויסגעוואַקסן און מען מוז היינט האַלטן אַן אָפן אויג, אַ שטרענג, טאַקטיש אויג. געוויס, ער האָט זי ביסלעכווייז צו־געווינט צו אַ קנעכטישער אונטערטעניקייט. זי ווערט שטענדיק אומבאַ־האָלפענער, אומזעלבסטשטענדיק און אָן אים קען זי שוין באַלד קיין טריט נישט שטעלן. און דאָס איז גוט! — האָט ער זיך געפרייט מיט זיין גליק. ער האָט איר אָבער גלייכצייטיק געבראַכט די שענסטע שטאָפן אויף קליי־דער און די פיינסטע פידזשאַמעס און אַנדערע אונטערוועש. אַזוי האָט ער זיך באַמיט מיט אַלע כוחות און מיטלען פון אַ דעספּאָט און עגאָיִסט פאַ־וואָלינקע צו אַנטוויקלען אין זיין געליבטע ווען אַ קאָמפּלעקס פון געפאַלנ־קייט און מינדערווערטיקייט, פּונקט ווי ער האָט עס געטון מיט מאַרטאַן באַלד נאָך דער חתונה...

סוסי האָט זיך קיינמאָל נישט אַריינגעטראַכט אין איר אייגן לעבן. זי איז געוואָרן פויל און צעבאַלעוועט פון זיינע צערטלעכקייטן. זי האָט אים מיט תענוג איבערגעלאָזט אַלע זאָרגן פאַר איר. זי האָט זיך אויפגעהערט קעגנשטעלן זיינע מענערישע, אָפט נישט נאַרמאַלע קאַפּריזן און באַפעלן... זי האָט אָנגעהויבן אויף אים קוקן ווי אויף אַ גאָט און ווי אויף אַ מאַן, וועלכער איז פון דער נאַטור באַשטימט געוואָרן צו נעמען און צו הערשן. זי פלעגט זיך נאָר אַמאָל נעמען צום האַרצן, ווען ער פלעגט זי באַשטראָפן פאַר שלעכטער אויפירונג אָדער ווען ער האָט זי נישט געפירט פאַרברענ־גען און איר נישט געבראַכט קיין נאַשערייען.

לעצטנס אָבער האָט פּילקע דערפילט, אַז סוסיס יאָרן זענען געוואָרן שטאַרקער ווי זיינע פּלענער. די יאָרן האָבן אָנגעהויבן אַרויסצוקריכן פון די געפּאַסטע קליידער און אינאיינעם מיט די יאָרן זענען אויך מיטגע־וואַקסן אירע געוואַגטקייטן און די חוצפה. זי איז טאַקע נישט אַלט געווען מער ווי צוואַנציק יאָר, דערפאַר אָבער האָט זיך אירע רייפע ווייבלעכקייט געריסן פון יעדן אבר און דאָס גראָד האָט געלאָזט דאָן פּילקען דערפילן, אַז ער איז געוואָרן עלטער און די שפּילעכלעך און די צאַצקעס קענען שוין נישט צופרידנשטעלן קיין צעבאַלעוועטע פרוי מיט אירע עראָטישע קאַפּריזן און פאַרלאַנגען, וואָס ער גופא האָט פון איר געמאַכט. ער האָט זי אָנגע־הויבן מיטנעמען אויף זיינע רייזעס און אָנשטאָט צאַצקעס איר אָנגעהויבן צו קויפן ברילִיאַנטן און טייערע מאָדעלן קליידער און פוטערנע מאַנט־לען. זי פלעגט זיך אַפילו צלמען און אים שווערן, אַז ער איז דער בעסטער און איידלסטער מאַנסביל; זיך געשווירן, אַז זי זאָל געטראָפן ווערן פון אַ

בליק, אויב זי וועט אים אויפהערן צו ליבן. אָבער גראָד אָט די רייד און די איבערגעטריבענע ליבשאַפט האָבן אין אים געוועקט דעם שטאַרקסטן חשד. ער איז גרייט געווען זי צו דערוואַרגן, אין פאַל זי זאָל אים ווערן אומטריי...

שטייענדיק אַנטקעגן זיין חתונה־בילד, האָט ער זיך דערפילט זיי־כערער. דערביי איז אים געקומען אין זין אָט־דער געדאַנק: ער מוז סוסין מאַכן פאַר זיין געזעצלעכע פרוי. האָט ער נישט דערצו אַלע רעכטן? איי מאַרטאַ וועט מאַכן סקאַנדאַלן? נו, דאָס אַרט אים נישט. פילקע איז, ווי באַקאַנט, אַ סאָלידער, אידעאַלער מאַן. ער איז אויך פּראַקטיש. ער וועט שוין וויסן, ווי אַזוי איינצואָרדענען זיין ווייטערדיק לעבן, אַז קיינער זאָל נישט וואַגן צו זאָגן קיין שלעכט וואָרט וועגן אים...

„אָבער דאָס בעסטע וואָלט געווען — האָט ער ווייטער געטראַכט — ווען מאַרטאַ טוט אים אָפּ אויף צו להכעיס און זי באַגייט זעלבסטמאָרד. זי האָט אים שוין עטלעכע מאָל געדראָט מיט דעם און לײדער בלייבט זי ביים רעדן. זי איז אַ פּחדן. ער וועט מוזן אָנווענדן אַנדערע מיטלען, כדי זי דערצו צו טרייבן... די וועלט וועט גאָרנישט אָנווערן, ווען די בהמה וועט זי פאַרלאָזן. זי הייבט נישט אָן צו וויסן וואָס דאָס לעבן און די וועלט זענען אַזוינס. נישט זי פאַרשטייט צו געניסן און נישט ווי צופרידנצושטעלן אַ מאַן. זי איז נישט מער ווי אַ טרערן־אינדזל. זי גייט שוין ביים לעבן אָנ־געטון אין שוואַרצע תכריכים. זי איז אַפילו נישט פעיִק צו דערציִען זיין אָרעם טעכטערל".

„סוסי איז נאָך יונג און — געדולדיק. סוסינקע וועט שוין פאַרשטיין ווי צו געווינען קוקיס צוטרוי"...

די דאָזיקע געדאַנקען האָבן אים אינגאַנצן באַרויִקט. נישט אַראָפּ־נעמענדיק די אויגן פון חתונה־בילד האָט ער ווייטער געטראַכט וועגן די יונגע, פאַרגאַנגענע טעג פולע מיט פרייד. אַ ברייטער שמייכל האָט זיך אויסגעלייגט אויף זיין פּנים און דאָס האַרץ איז אים געוואָרן ווייכער און נאָכגעביקער. ער האָט אַ מאַך־געטון מיט דער האַנט און האָט שוין אַפילו אָנגעהויבן צו לאָזן רעדן זיין גוט האַרץ. יאָ, פון זיינעט־וועגן מעג זיך מאַרטאַ פאַרליבן אין אַן אַנדערן, ווען זי וועט אַזעלכן געפינען. דאָס וואָלט געווען שיין און קוריאָז! זאָל זי ליבן! זאָל זי! זעלבסטמאָרד איז דאָך פאַר־בונדן מיט דער עפנטלעכקייט... אָבער ווער וועט זיך פאַרליבן אין דעם שוואַרצן טרערן־אינדזל? ווער, היילקע מאַמעלע?

מיטאַמאָל אָבער האָט אים באַהערשט דער פאַרדרוס צו דער מלוכה און אירע געזעצן. אַז פאַרשאָלטן זאָלן זיי ווערן, וואָס זיי האָבן פאַרבאָטן דאָס גטן זיך. זיין צאָרן צוליב דער דאָזיקער אומגערעכטיקייט איז געווען

אין לשער. און באַלד האָט ער אָנגעהויבן איינצוזען ,אַז מאַרטאַ, זיין ווייב, איז גאָרנישט אַזוי העסלעך, אַז זי זאָל נישט קענען באַקומען קיין פּאַסנ־דיקן מאַן. וואָלט זי נאָר חתונה געהאַט מיט אַ צווייטן, וואָלט דער זון אויפגעהערט צו זיין איר אַדוואָקאַט... און די אַנדערע פאַמיליע־מיטגלי־דער וואָלטן נישט געהאַט פאַרוואָס צו באַדויערן איר נעבעכדיקן מזל.

ער האָט זיך ראַפּטום אויסגעדרייט און איז ווידער צוריקגעגאַנגען אין שלאָפצימער, אויפגעמאַכט די שאַפע און אַרויסגענומען אַ פיין גע־פרעסטן אָנצוג מיט אַ ווייס זיידן העמד, זיך אויסגעפּוצט און אָנגעטון אַ רויטן שניפּס אונטערן קאָלנער פון העמד. דאַן האָט ער זיך אומגעקערט מיטן פּנים צו סוסין, אַרויסגענומען פון טאַש דעם טיר־שליסל און אים אַ וואָרף־געטון אויפן בעט.

— דו זאָלסט מיר נאָר גוט פאַרשליסן די טיר! — האָט ער זי גע־וואָרנט.

— איך מעג היינט אין אָוונט גיין טאַנצן? — האָט זי נעבעכדיק גע־פרעגט. — מיר וועט זיין אומעטיק צו בלייבן אַליין אין שטוב.

— דו ביסט מיד פון די לעצטע רייזעס — האָט ער גלייכגילטיק גע־ענטפערט — איך פאָר איצט נישט אַוועק צוליב מיין פאַרגעניגן. איך האָב צו פאַרזאָרגן אַ קראַנק קינד, איז דאָס דיר ווייניק?... — ער האָט אָנגעשטעלט אויף איר אַ מאָנענדיקן בליק.

זי האָט צוזאַמענגעפרעסט די ליפּלעך און געוואָרפן מיט די פיסלעך אויפן רויטן קישעלע:

— לאָז מיך גיין, פּאַפּי זיסינקער, ווען וועל איך באַנוצן מיין ניי טיולן קלייד? הום, הום, לאָז מיך גיין!

— אַז איך וועל צוריקקומען, וועל איך דיך פירן טאַנצן — האָט ער ער אָפּגעענטפערט מיט טאַטישער רויקייט. — אַן אַנשטענדיק קינד מוז אָפּהיטן זיין כבוד...

ער האָט איר אויף גיך אַ קוש געטון און איז אַרויס פון צימער.

סוסי האָט געקוקט מיט גזלנישע בליקן אויף דער צוגעקלאַפּטער טיר און בייז געוואָרפן מיט די פיסלעך אויפן רויטן קישעלע...

אין גאַס האָט דאַן פּילקע אַרויפגעצויגן אויף זיך אַן ערנסט פּנים. ער איז אַריין אין אַ געשעפט פון שפּילצייג. דאָרט געקויפט אַ גרויסן, רויטן באַלעם, אַ קעסטעלע מיט אַ שאַך־שפּיל, קאָנסטאַנסיאַ וויכילס קינ־דער־מעשהלעך „מאַרטאַ און כאָרכע" און אַ קליין הילצערן בעטעלע פאַר קוקיס ליאַלקע. די יונגע טונקלהויטיקע פאַרקויפערן האָט אַלעס איינגעפּאַקט אין צוויי פּעקעלעך און זיי אים דערלאַנגט צוזאַמען מיטן חשבון. פּילקע האָט

באַצאָלט, זיך העפלעך פאַרנייגט און איז אַרויס אויף דער גאַס. ער האָט לאַנג געוואַרט צו נעמען אַן אָמניבוס און זיך נישט געקאָנט דערוואַרטן, ווייל אַלע זענען געווען איבערפולט מיט מענטשן, ס׳רוב אַרבעטער, וועלכע זענען אַהיימגעפאָרן עסן אָנבייסן. די זון איז געווען אַ מילדע און פילקען איז געווען גוט אויפן האַרצן. ער האָט זיך פאַרגעשטעלט קוקיס פרייד און ס׳איז אים דערביי וואַרעם געוואָרן אין די אברים... ער האָט דערזען אָנקומען אַ פרייען טאַקסי־אויטאָ און אויסגעשטרעקט אַ האַנט. דער אויטאָ האָט זיך אָפּגעשטעלט. ער איז איינגעשטיגן און זיך געהייסן פירן אַהיים. צופעליק איז דער שאָפער געווען פילקעס אַן אַלטער באַקאַנטער. זיי האָבן זיך דער־פרייט.

— איך האָב אַ סך מאָל געטראַכט וועגן אייך — האָט זיך פילקע אָנגערופן. — מיך האָט געוואונדערט, וואָס איר האָט זיך מער נישט געוויזן אין מיין געגנט.

— וואָס, איר ווינט נאָך אַלץ דאָ? — האָט דער שאָפער געפרעגט.

— איך בין אָפּט אין וועג. איצט איז מיין פרוי מיטן קינד אויף פר׳שער לופט. איך פאָר טאַקע צו זיי.

— אויך ביי מיר איז אַ קינד קראַנק, — האָט זיך דער שאָפער באַ־קלאָגט. — מיין פרוי איז פון צרות אויך קראַנק געוואָרן.

— פון וואָס ליידט אייער קינד? — האָט זיך פילקע פאַראינטערע־סירט.

— ס׳איז ראַכיטיש און אַנעמיש... מיר וואָלטן עס באַדאַרפט אַוועק־פירן אויף אַ לענגערע צייט אין די קאַרדאָבער בערג — האָט ער אָפּגע־זיפצט.

אויך פילקע האָט אַ זיפץ־געטון, ווען ער האָט זיך דערמאָנט אין זיין טעכטערלס קראַנקייט און מער קיין מוט נישט געהאַט צו רעדן. דער שאָ־פער האָט גיך געטריבן דעם אויטאָ און אין פולן גאַנג צוגעפאָרן ביז צום ראָג פון יהודיתעס גאָרטן.

פילקע האָט אַ קוק געטון אויפן טאַקסימעטער און באַצאָלט דעם שאָ־פער, אים היימישלעך געדריקט די האַנט און אָנגעוווּנטשן:

— זאָל גאָט העלפן, אַז אייער זון זאָל געזונט ווערן.

— אַ דאַנק, איך ווינטש אייך דאָס זעלבע.

קאַפּיטל עלף

קוקי האָט געזען דעם פּאַפּי אָנקומען און איז אים אַנטקעגנגעלאָפן מיט אַ פריילעכן געשריי. זי איז אים געפאַלן אויפן האַלדז, זיך אויפגעהאַנגען אויף אים און גערופן ווי נישט מיט איר קול:

— זיסינקער פּאַפּוסי מיינער! אַ גאַנצן אינדערפרי שטיי איך דאָ און וואַרט אויף דיר.

זי האָט ביי אים צוגענומען אַ פּעקעלע פון האַנט און עס אַליין געטראָגן.

ער האָט זי פּאָטערלעך צוגעדריקט צו זיך, אויסגעקושט אירע אויגן און זי באַרויִקט:

— רעג זיך נישט אויף, נשמה מיינע, ס'וועט דיר מאַכן שלעכט.

אויף אירע קולות איז מאַרטאַ אַרויסגעלאָפן פון גאָרטן און אים קאַלטלעך אַנטקעגנגעגאַנגען. זי איז געווען אויסגעפּוצט אין אַ ניי מילך־קאַלירן קלייד פון שאַנטאַן און אין איר נאָר־וואָס אויף הויך־פּאַרקעמטן קאָפּ האָר, האָט געגלאַנצט אַ באַנטיקל פון בלויען סאַמעט.

ווי נאָר ער האָט זי דערזען, האָט ער אַראָפּגעלאָזט דאָס קינד פון אָרעם און איר אויסגעשטרעקט אַ האַנט. ער האָט זי געקושט אין ביידע באַקן, אַפילו מעכאַניש, אָבער דזשענטלמעניש. ער האָט זיך אַביסל אויסגעגלייכט און זי באַקוקט מיט אַ פאַרחידושטן בליק פון אונטן ביז אויבן און ס'איז געווען צו מערקן, אַז עפּעס ווי אַן אומגלויבן האָט זיך געריסן פון זיינע בליקן.

— וואָס מאַכסטו עפּעס, מאַרטאַ? — האָט ער זיך אָנגערופן.

— אַ דאַנק, זייער גוט! וואָס ביסטו עפּעס געבליבן שטיין ביים טירל? קום אַריין, — האָט זי מעשה דאַמע צוגעגעבן. — און דו, קוקי, נעם דיינע שפּילזאַכן און קום אַריין אין צימער.

זי איז אַוועק פאָרויס און פּילקע מיטן קינד זענען איר נאָכגעגאַנגען.

ער האָט נישט אַראָפּגעלאָזט די אויגן פון מאַרטאַן. ער האָט גלייך ביים ערשטן בליק דערקענט אַ געוואַלטיקע פאַרענדערונג אין איר. קוקי האָט זיך געשפּיגלט אין פאָטער, אים באַוואונדערט אָנגעקוקט און שטיל געזאָגט:

— האָב נישט קיין מורא, פּאַפּי זיסינקער, מאַמי וועט אונדז נישט פאַרלאָזן. איך ווייס דאָס שוין פון פריִער...

זי האָט אים אַריינגעפירט אין צימער ווו ס'האָט געהערשט אַ יום־טובדיקע שטימונג. פּילקע האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ שטול לעבן טיש, אַוועקגעלייגט דעם הוט אויף אַ בענקל און זיך אָפּגעווישט דעם פייכטן

שטערן. ער האָט געוואָלט פרעגן דער טאָכטער, ווי אַזוי די מוטער האָט זי באַהאַנדלט אין דער צייט פון זיין אָפּוועזנהייט, אָבער ער האָט נישט געוואָלט, אַז מאַרטאַ זאָל דאָס הערן. ער האָט אָנגעהויבן זוכן מיט אַלע מיטלען אויסצומיידן קריגערייען...

מאַרטאַ האָט אַריינגעבראַכט פון קיך אַ פלאַש מיט קאַלט וואַסער און אַוועקגעשטעלט אויפן טיש. נאָכדעם האָט זי דעם מאַן לאַקאַניש אַ פרעג געטון:

— ווען ביסטו געקומען פון מאַר דעל פלאַטאַ?...

— ערשט מיט עטלעכע שעה צוריק, — האָט ער געענטפערט און זיך באַקוקט די מאַניקירטע נעגל פון זיינע שמאָלע, לאַנגע פינגער. — און געפאָרן ביז איך פריִער אַהיים, ווייל דאָ איז נישטאָ קיין וואַרעמע באָד.

מאַרטאַ האָט אַ דינעם, קוים מערקבאַרן שמייכל־געטון. זי האָט געפילט, אַז ער האָט זי אָפּגענאַרט, אַז ער האָט פאַרבראַכט מיט סוסין.

אים ווידער האָט געוואונדערט איר רויִקייט און איר אויסזען. ווייל ס׳האָט פון איר געווייעט מיט יום־טוב און מיט ווייבערישן רייץ. ער האָט זיך געווענדט צו איר:

— ס׳ווייזט זיך מיר אויס, אַז דאָ איז גאַנץ באַקוועם און רויִק. סיי דו און סיי די קליינע זעען אויס גוט און זענען מונטער געשטימט. און וואָס זאָגסטו, מאַרטאַ, צו דער ווינונג, איבערהויפּט צום גאָרטן? — ער איז אַנטשוויגן געוואָרן און געהאַלטן אויף איר אָנגעשטעלט זיין גאַוודיקן בליק.

— ס׳איז דאָ זייער שיין — האָט זי אימפּעטיק געענטפערט, — האָסט רעכט. אויך איך מיין אַז דאָ איז באַקוועם. די לופט איז אַ ריינע.

— און די בלומען אויפן טיש — האָט זיך קוקי אַריינגעמישט — האָט אונדז די מומע כודיט געגעבן. זי איז אַ טייערע נשמה, די מומע.

ווען ס׳איז טונקל געוואָרן, האָבן זיך מאַן און ווייב מיטן קינד אַוועקגעזעצט אויפן גאַניקל עסן אָונטברויט. אויפגערוימטקייט און מנוחה האָבן אַראָפּגעקוקט פון זייערע פּנימער און אויך... סודות... אַרום זיי, צווישן די צעווייטע קלעטער־פלאַנצן, האָבן געציטערט טונקל־רויטע שטיקער שיין, זיך געקרויזלט ווי פּאַסמעס פון דינעם פורפור. אַ קיל, שמעקנדיק ווינטל איז פריילעך אַרומגעלאָפן אַרום דעם טיפן אויסשניט פון מאַרטאַס דעקאָלטע און זשעדנע געלעקט און געגלעט איר ברוינעם, פעטן האַלדז און די שטאַרק־פאַרברוינטע, כמעט מענערישע הענט.

די שווערע רויזן־קעפּ מיט די בלישטשענדיקע טוי־טראָפּנס האָבן אויסגעזען ווי פולע בעכערס מיט אַלערליי זאַפטן. זיי האָבן זיך שטיל באַוועגט אונטערן גלעטנדיקן ווינטל און האָבן אַרויפגעקוקט צום טונקל־בלויען הימל, ווי זיי וואָלטן תפילה־געטון.

אַרום די בלייכע קאַנאַוועקעלעך אין פּילקעס באַקן האָבן זיך געמי־ניעט דינע ברוגזע שמייכעלעך. ער האָט, ווי אַן חשק, געקייט אַ שטיקל געבראָטנס און איז געווען מער פאַרטון אין טראַכטן פון זיין ווייבס פּלוי־צימדיקער ענדערונג ווי אין עסן. נישט אַנדערש — האָט ער געטראַכט — אַז מאַרטאַ לאָזט זיך דאָ פירן פון עמעצן. זי האָט געוואַגט אַראָפּצוואַרפן פון זיך די שוואַרצע קליידער! ווי האָט זי געקאָנט אַזעלכעס טון, נישט פרעגנדיק פריִער קיין עצה ביי אים, ביים מאַן! זי מוז דאָך אין אַכט נע־מען דעם פאַקט, וואָס דער זון גרייט זיך צו ווערן אַ גלח. אַ מאַמע טאָר נישט פאַרשעמען אירע קינדער...

אינאיינעם מיט אַ זיפצל האָט ער אַראָפּגעשלונגען דאָס שטיקל פלייש און ווייטער געטראַכט. אפשר זאָל ער מאַרטאַן פירן צו אַ נערוון־ספּעציאַ־ליסט? ער האָט שוין אַפילו געהערט, אַז ווייבער אין מאַרטאַס עלטער האָבן אַ נייגונג צו ווערן איבערגעטריבענע קאָקעטקעס אָדער מרה־שחורהדיק און טראַכטן פון באַגיין זעלבסטמאָרד...

מער פון אַלץ האָט אים אינטריגירט איר שטומקייט און דער קאַלטער קבלת־פּנים. דאָס איז דאָך נישט געווען איר שטייגער. תמיד, ווען ער פלעגט אהיימקומען פון אַ ווייטער רייזע, האָט זי אַרום אים אַרומ־געטאַנצט און אים באַדינט ווי אַ געטרייע פרוי צום מאַן. דאָס ערשטע פלעגט זי אים אונטערטראָגן דעם ווייכן ליגשטול, אים אויסטון דעם שניפּס און די שיך; פאַרזיכטיק אַראָפּציִען פון אים דאָס רעקל און דערביי אָנ־ווענדן אַלע ווייבערישע איינפאַלן. און מער פון אַלץ האָט זי לעצטנס געזוכט אין זיינע קליידער דעם יונגן ריח פון סוסיס שמעקנדיקן פאַר־פיום און לאַקן... ער פלעגט זי דאַן גראָב אָפּשטופּן פון זיך און אויף איר שרייען:

— אָ, דו וועסט מיך נאָך דערשטיקן! לייג דיך נישט אויף מיר! באַשמעק מיך נישט ווי אַ הונט!...

און ווען ער האָט זי געלאָזט פּויזען אַרום אים, פלעגט זי ווערן נאָך געטרייער און פלעגט צו אים רעדן:

— איי, זעסטו אויס שלעכט און פאַרמאַטערט... גיי אַריין אין באָד־צימער. דאָס וואַסער אויף אַ הייסער וואַנע איז שוין פאַרטיק. אַ ריינער באָד־מאַנטל און אַ ווייס האַנטעך הענגען הינטער דער טיר...

היינט אָבער האָט מאַרטאַ פון דעם אַלעם אַפילו נישט געטראַכט, האָט ער געזען. זי האָט געשיינט פון גדולה און ס'האָט איר אַפילו הנאה געטון, וואָס ער איז איצט געקומען פון סוסין אַ צעקנוידערטער און אַן אויסגע־שעפּטער...

מאַרטאַ איז געווען זיכער, אַז זיין איצטיקע באַנעמונג וועט איר שוין פריי מאַכן דעם וועג צו גומערסינדאַן. דערפאַר האָט זי באַשלאָסן צו שווייגן. אָבער די פרייד האָט זיך אָנגעהויבן רייסן פון נישט געזעטיקטן לייב און האָט אַרויסגעשפּאַרט פון אירע שוואַרצע, צעפינקלטע אויגן. זאָל ער זען! — האָט איר מינע פון פנים געשריִען. דו האָסט דיר דיין לעבן, נו גוט, זייער גוט! און איך האָב מיר מיין לעבן! ביי דיר בין איך געווען אַ שטיק פלייש אין שוואַרצע קליידער און איצט איז געקומען גומערסינדאַ און ער האָט מיך ליב. ער איז מיר געטריי. ער ליגט ביי מיין שוועל ווי אַ קנעכט, יאָ, ווי אַ הונט... איין וואָרט מיינס וועט אים גליקלעך מאַכן. ער האָט אין מיר אויפגעוועקט אַ נייע, נישט אויסגעלעבטע וועלט און די דאָזיקע נייע מערקווירדיקע וועלט איז איצט באַלעבאָס איבער מיין גאַנצן לייב און לעבן...

פילקע האָט זי באַטראַכט מיט אַ זייטיקן בליק און אַרויסגעפילט איר פאַרטוענקייט אין עפּעס אַ זייטיקן געדאַנק, אַ געפיל, וואָס האָט זיך נישט באַשעפטיקט מיט אים. ער האָט נישט געקאָנט אויסהאַלטן איר שווייגעניש און איבערגעריסן די שטילקייט:

— זאָג מיר, מאַרטאַ, ווי איז דאָ געגאַנגען אונדזער מיידעלע, ווען איך בין געווען אונטערוועגס? האָט זי געגעסן אין צייט? איז איר צוגע־קומען וואָג?

אירע שטייפע קינבאַקן זענען נאָך שטייפער געוואָרן. זי האָט אים געענטפערט:

— זי האָט זיך איצטיקס מאָל אויפגעפירט ווי תמיד, ווען דו ביסט נישטאָ.

ער האָט אַרויסגעפילט די באַדייטונג פון אירע ווערטער און איבער־געטראָגן די אויגן צום קינד.

— דו דאַרפסט, טעכטערל מיינס, צוהעלפן דעם דאָקטער אין דיין געזונט־ווערן; דאַן וועל איך, לעבן מיינס, קענען אַרבעטן רויִקער. דו ווייסט, אַז דיין געזונט שטייט ביי מיר העכער פון מיין אייגן לעבן.

ער האָט זיך פעסטער אָנגעשפּאַרט אָן אָנלען פון שטול און אַרויס־גענומען אַ ציגאַר פון טאַש. פאַרזונקען אין געדאַנקען האָט ער אים פאַר־רויכערט און צוזאַמען מיטן רויך פון די נאָזלעכער מיט די צעפלויגענע נאָזפליגל האָט ער אַרויסגעלאָזט אַן אָפּגעריסן זיפצל.

קוקי האָט אים טאַרע־געטון ביים עלנבויגן און שטיל געזאָגט:

— אַז פּאַפּי וועט נישט עסן, וועט קוקי אויך נישט עסן.

מאַרטאַ האָט זיך אויפגעהויבן און איז אַוועק אין קיך. פילקע האָט איר נאָכגעקוקט מיט אַ זשעדנעם בליק... אַ צופרידן געלעכטערל האָט

אַרומגעטאַנצט אַרום זיינע ליפּן. ער האָט געטראַכט: „די אויסלענדערן מוז דאָ אוודאי אויסלערנען מאַרטאַן, ווי אַזוי צו געווינען דעם מאַנס ליבשאַפט״.

קוקי האָט אים ווידער אַ טאָרע־געטון, אים דערפרייט מיט דער קלוגשאַפט פון אירע אויגן.

— פּאַפּי, האָב נישט קיין מורא, מאַמי וועט אונדז סיי־ווי נישט פאַרלאָזן. איך ווייס דאָס שוין פון פריִער...

מאַרטאַ האָט געבראַכט פון דער קיך אַ גרויסע שיסל מיט הייסע וואַרעניקעס, געקאָכטע אין חזיר־שמאַלץ און אָנגעפּילטע מיט פלייש, גרינע מאַסלינעס און געפּרעגלטע ציבעלעס. ס׳איז געווען פילקעס באַליבט מאכל. ער האָט אויפגעשפּיזט אַ וואַרעניק אויפן גאָפּל און אים דערלאַנגט דעם קינד. באַלד האָט ער אויך פאַר זיך גענומען איינעם, עסנדיק מיט אַ גוטן אַפּעטיט.

אויך מאַרטאַ האָט געגעסן. איר ווייבערישע אייגנליבע האָט טריִומפירט. ס׳האָט פון איר ווי אַרויסגעזונגען: נישט פאַר דיינעטוועגן האָב איך מיך אַזוי שיין אָנגעטון! וואַרט, וועסט שוין זען, מיט וואָס פאַר אַ מיטלען איך וועל איצט זוכן אַרויסצוברענגען פון מיר אַלע ווייבערישע חנען און פאַרבאָרגענע שיינקייטן, וועלכע דו האָסט קיינמאָל נישט געוואָלט און נישט געקאָנט אַנטפּלעקן אין מיר. איצט אָבער וועל איך דעם אוצר אַוועקשענקען דעם מאַן, וואָס האָט מיך ליב. ער האָט מיך אויך געלערנט אַנדערע ליב צו האָבן. דער דאָזיקער מענטש פאַרשטייט בעסער פון דיר, ווי צו ליבן אַ פרוי, וועלכע דו האָסט צעטרעטן און אויסגעלאַכט.

און מאַרטאַ האָט געטראַכט פאַר זיך, אַז מאָרגן וועט זי צופאָרן אַהיים און אים אַהערברענגען סוסיס האָרנאָדלען, וועלכע זי האָט זיכער איבערגעלאָזט אין בעט אונטער איר קאָפּקישן און אפשר אויך קבלות און רעכענונגען אויף גרעסערע סומעס געלט פאַר סוסיס צירונג און שיינע קליידער...

קוקי האָט צום ערשטן מאָל אין איר קינדיש לעבן דערפילט די געפאַר, וועלכע האָט אַרומגעלויערט פון דער נישט היימלעכער, געשפּאַנטער שטילקייט צווישן טאַטע־מאַמע. זי האָט אומבאַהאָלפן געקוקט פון איינעם צום אַנדערן און אויסגערופן:

— מאַמי, איך וויל, אַז מיר זאָלן גיין אין קינאָ!

— איך בין היינט נישט אויפגעלייגט פאַר קיין קינאָס! — האָט מאַרטאַ פעסט געענטפערט. איר טאָן האָט שטאַרק פאַרוווּנדערט דעם מאַן אירן. דאָן פילקע איז געווען געוווינט, אַז מאַרטאַ זאָל אומגעדולדיק וואַרטן אויפן טאָג, אַז ער זאָל זי מיטנעמען אין אַ קינאָ. אַזאַ טאָג איז ביי איר

געווען אַ גאַנצער יום־טוב, אַ דערגרייכונג. ביי אים אָבער איז עס געווען אַן אַפּקומעניש.

קוקי האָט געקוקט בייז אויף דער מאַמען. אָבער די שטילקייט ביים טיש האָט זי געריצט. האָט זי געקוקט אין גאָרטן אַריין און געזוכט יהור־דיתן.

אומגעריכט איז גאָר אַריינגעקומען גומערסינדאָ. קוקי האָט אַ פּאַטש־געטון מיט די הענטלעך און פריידיק אונטערגעטענצלט אויפן געזעס:

— אוי, אוי, די גראָבע וואָנצעס! זעסט שוין, אַז מיין פּאַפּי איז יאָ צוריקגעקומען! נו, ווער האָט רעכט געהאַט, איך צי דו?

זי איז צוגעשפּרונגען צום פאָטער און אים אַרומגענומען, שרייענדיק:

— פּאַפּי, זיסינקער מיינער, טרייב אַרויס די וואָנצעס פון דאַנען, ווייל אַז נישט, וועט ער דאָ ווערן דער גאַנצער באַלעבאָס!

מאַרטאַ האָט נישט אויפגעהויבן די אויגן. זי איז רויט געוואָרן, גליך דאָס גאַנצע בלוט פון קערפּער וואָלט איר אַרויפגעפלאָסן אין פּנים אַריין...

גומערסינדאָ האָט זיך אויסגעגלייכט, פאַרלייגט די צוויי הענט איבער דער שטאַרקער ברוסט און פאַרפירעריש אַריינגעשמייכלט אין די יום־טובדיקע, אויף אַרויפצו פאַרדרייטע וואָנסעלעך. ס׳האָט פון אים אַרויס־גערעדט:

— די קליינע אייערע איז אַ גרויסער עקשן. זי האָט נישט קיין אָפּשיי פאַר דער מאַמען. און דאָניאַ מאַרטיטאַ איז אַן אָרעמע פרוי; יאָ, זי איז אַ מלאך און אַ מאַרטירערן.

שוואַרצע שדימלעך האָבן זיך צעטאַנצט אין דאָן פילקעס שפּיציקע אויגן. ער האָט דערשטיקט אין זיך דעם צאָרן און די פאַראַכטונג.

די קליינע האָט אַרויסגעשטעלט גומערסינדאָן אַ שפּיץ פון איר צונג און דערביי אָנגעבלאָזן די באַקן.

— איך וויל נישט, אַז דו זאָלסט זיין מיין פעטער — האָט זי פריילעך אויסגערופן. — איך וויל נישט אַז דו זאָלסט אַהער אַריינקומען זאָגן עדות, גראָבע וואָנצעס!...

פילקע האָט אַ דינעם, מעסעריקן שמייכל־געטון און אַריינגעזאָגט דער קליינער:

— עס איז נישט שיין פון דיר, טאָכטער מיינע, אַזוי צו רעדן צו אַ פרעמדן. דאָן גומערסינדאָ האָט נישט קיין אייגענע קינדער, דערפאַר מוז ער דאָך ליב האָבן פרעמדע קינדער.

די דאָזיקע ווערטער פון איר מאַן האָבן מאַרטאַן געשטאָכן. זי האָט גע־ווּוסט, אַז ער האָט זיך געהאַלטן פאַר אַן אָנשטענדיקן מענטש, איז אים נישט אָנגעשטאַנען דער טאָכטערס לשון. אָבער טיף אין האַרצן האָט ער

זיך געפרייט, וואָס די קליינע האָט געטריבן גומערסינדאָן פון זיך, ווייל אים איז געגאַנגען אין לעבן צו זען דאָס ווייב אומבאַהאָלפן און אומגע־לומפערט.

זי האָט אויפגעהויבן צו אים די טיפע, מאָנענדיקע בליקן...

— נעם דאָס מיידעלע און לייג עס שלאָפן! זי איז היינט אויפגעשטאַ־נען פריִער ווי תמיד.

דאָן פילקע האָט זיך אויפגעשטעלט, אַוועקגענומען דער טאָכטערס הענטלעך פון זיין האַלדז און איר שאַרף געקוקט אין די אויגן אַריין.

— קום, דו פאַרשייטע מויד, קום און וועסט שוין מאַכן נאַכט.

קוקי האָט אים אָנגענומען ביי די הענט און געזאָגט:

— מיט דיר וועל איך גיין אַפילו אין קבר...

פילקע האָט זיך איידל פאַרנייגט פאַר גומערסינדאָן און אַ זאָג־געטון:

— איר וועט מיר פאַרגעבן; איר זעט דאָך, אַז די דאַמען האָבן דאָס וואָרט!

ער האָט זיך אויסגעדרייט און איז מיטן קינד אַריינגעגאַנגען אין צימער.

מאַרטאַ איז געווען אויסער זיך פון באַליידיקונג. דעם מאַנס באַנע־מונג האָט איר צעשטערט דעם גאַנצן פלאַן צו באַווייזן גומערסינדאָן די אַלע צרות און באַליידיקונגען, וואָס דען מאַן האָט איר צוגעטיילט. זי האָט דאָך געזוכט אַ באַרעכטיקונג אויף אירע געפילן צו אים, געפילן, קעגן וועלכע זי האָט קיין כוח נישט געהאַט צו קעמפן.

אַ געערגערטע האָט זי צונויפגענומען די טעלער פון טיש, זיי אָנגע־שטעלט איינעם אויפן אַנדערן אויף אַ טעצל און זיי אַוועקגעטראָגן אין קיך. גומערסינדאָ איז איר נאָכגעגאַנגען, אַוועקגעשטעלט אַ פוס אויף דער שוועל פון קיכל און זי נישט געלאָזט צוריק אַרויסגיין. ער האָט אויפגע־הויבן צו איר זיינע פאַרשייטע וואָנצעלעך און געזאָגט:

— מאַרטיטאַ, נשמה מיינע, וואָס ביסטו אַזוי צעטראָגן? מיינסטו אַז איך בין נישט קיין מבין אויף אַזוינע פוקסן ווי דיין מאַנדעלע?

אירע אויגן האָבן זיך אָנגעגאָסן מיט שוואַרצער רציחה. ס׳האָט פון איר אַרויסגעציטערט:

— ווער האָט אייך דערלויבט אַזוי צו רעדן? איך נייטיק זיך נישט אין קיין אַדוואָקאַטן!

— ווי איז צו דער פרוי, וועלכע דאַרף זאָגן דעם מאַן, אַז ער זאָל זי אין זין האָבן, — האָט גומערסינדאָ געשמייכלט מיטן גאַנצן לייב און לעבן. — דו ביזט מיין כלה און דיין לעבן, דיין געזונט זענען מיר טייער.

אירע אויגן האָבן אַ שפּריץ געטון מיט פייער. שרעק האָט זיך געריסן פון זיי.

— אַרויס פון דאַנען, דו לייכטזיניקער יונג! — האָט זי באַפעלעריש גערופן און אים מיטן גאַנצן כוח געפּרוווט אַוועקשטופּן פון דער טיר.

ער האָט זיך נישט גערירט. אָנגענומען אירע הענט און זי אַרויס־געפירט פון דער קיך:

— גיי צום מאַנדעלע, וועמען דו האָסט... זיס הערצעלע מיינס, איך וועל דיר אַלץ נאָכגעבן, אַפילו מיין לעבן וועל איך איינשטעלן, ווייל איך האָב דיך ליב.

זי איז אַוועק פון אים. זיין קול איז איר נאָכגעגאַנגען און האָט זי גערופן צוריק, זי געשלעפּט ווי אין אַן אָפּגרונט.

זי איז אַריין אין שטוב און האָט געמאַכט די בעטן. פּילקע איז גע־שטאַנען ביים טישל און אַריינגעקוקט אין דער טאָכטערס העפטן. קוקי האָט אויפגעהויבן צו אים די בליקן און זייער שטיל געשעפּטשעט:

— פּאַפּי, דו דאַרפסט נישט זיין טרויעריק. מאַמי וועט אונדז נישט איבערלאָזן, איך ווייס דאָס שוין פון פריער...

ער האָט קיין וואָרט נישט געענטפערט, נאָר אויסגעטון די קליינע און זי אַוועקגעלייגט אויפן בעטל. דאַן האָט ער אויסגעטון דאָס רעקל, עס אויפגעהאנגען און זיך אויסגעצויגן לעבן דער קליינער אויפן ראַנד פון בעטל.

מאַרטאַ האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דער שוועל פון טיר צווישן די צעווייטע פאַרהאַנגען. אין צימער איז געווען שטיל. אין די טיפע ווינק־לען האָבן זיך געשאָטנט שטיקער שיין און אומבאַשטימטקייט.

פּילקע האָט זיך אויפגעזעצט און פאַרויכערט אַ ציגאַר. דער פאַר־האַנג איבערן פענצטער צו דער גאַס האָט זיך אַלע מאָל צעפלאַטערט פון קילן נאַכט־ווינטל און אַריינגעלאָזט אין צימער פאַסן שיין. זעקס אויגן ווי שוואַרצע תהומען האָבן געשרפּעט אין דער האַלבטונקלקייט; שרעק האָט זיך געריסן פון זיי.

פון דרויסן האָבן זיך אַריינגעטראָגן ווייכע, כישופדיקע קלאַנגען פון אַ גיטאַרע, באַגלייט צו אַ ליבע־לידל, וואָס גומערסינדאָ האָט געזונגען פאַר מאַרטאַן:

„קום אַרויס צו מיר, מיין ליבסטע, קום און האָב מיך ליב.
קום אַרויס צו מיר, מיין ליבסטע, כ'וועל דעם הימל לייגן צו דיינע פיס.
מיין האַרץ איז אַ נעסט פאַר דיינעטוועגן,
ס'איז מיין האַרץ — דער קבר פאַר אונדז ביידע.
קום אַרויס צו מיר, מיין ליבסטע,
איך בענק נאָך דעם טרויער פון דיינע אויגן

אין נאָך דער זיסקייט פון דיין מויל.
דיין שטומקייט האָט מיך פאַרשיכורט,
האָסט מיין האַרץ פאַר אַ ברענענדיקן פאַקל געמאַכט.
די הענט מיינע, ווי טייוולאָנים צוויי און שטאַרקע ווי ריזן.
האָב נישט קיין מורא פאַר קיין שאַטנס.
ס'איז אַ היים פאַר דיר שוין גרייט,
ס'איז מיין האַרץ ווייך און מילד און מיין בלוט הייס און ווילד.
צודעקן וועל איך דיך מיט מיין פאָנטשאָ, דער נייער,
טרינקען וועלן מיר פון בעסטן וויין און טאַנצן און זינגען אַרום פייער.
ווי וועט זיין דעם זכר, וואָס וועט דיר וועלן שלעכטס טון.
וועל איך, ווי מיין זיידע, דער אַלטער אינדיאַנער, וואַכן איבער דיר.
קום און ווער אַ האַרנטע אין מיין ראַנטשעלע דעם קליינעם,
קום אויסטרינקען מיט מיר דעם בעכער וויין;
קום לעבן אָדער שטאַרבן מיט מיר אינאיינעם..

מאַרטאַ האָט באַגראָבן דאָס פּנים אין די הענט און שטיל אַריינגעעשעט אין זיך...

טאַטע און טאָכטער האָבן שטומערהייט אויסגעשטרעקט די הענט; זייערע פינגער האָבן זיך צונויפגעפלאָכטן ווי אין אַ הייליקן בילד, ווי אין אַ שבועה, אַז ביידע וועלן זיך נישט שיידן, סיידן דער טויט וועט זיי אָפּרייסן איינס פון אַנדערן.

אין פילקעס אויגן האָבן געשרפעט שוואַרצע כוחות. נאָר דער טאָכטערס שוואַכע הענטעלעך אין זיינע הענט האָבן אים צוגעהאַלטן ווי מיט אייזערנע קלאַמערן. זיי פּנים איז געוואָרן לאַנג און ביינערדיק. איינפאַל האָט זיך געשניטן אַרום זיינע אויפגעציטערטע ליפּן און אַ בלוטיקער נקמה־דורשט...

קאַפּיטל צוועלף

גאַנץ פרי איז דער גאָרטן באַהויכט געווען מיט שמעקנדיקער קילקייט. הימלישע שריפות האָבן אַראָפּגעשיינט פון טיפן הימל און די פרישבאַפּערלטע רויזן־קעפּ זענען באַגאָסן געווען מיט שטיקער שיין ווי זילבערנער טוי.

יהודית איז אַרומגעגאַנגען צווישן די בלומען און זיי באַשפּריצט פון אַ לאַנגער וואַסער־קישקע. די שטילקייט און די פאַרבן־טענער פון די בלומען האָבן באַרויקט איר געמיט. זי איז אָבער געווען אויסער זיך פון גומערסינדאָס געוואַגטקייט. נאָך נעכטן האָט זי אים ווידער געזען לעבן

מאַרטאַס צימער. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז פילקע האָט זיך געמוזט אָפּ־געבן רעכענונג, אַז דאָס ווייב זיינס איז פאַרליבט אין דעם רויען יונג... דער דאָזיקער געפיל האָט אָנגעפילט איר נשמה מיט נייע זאָרגן און מיט אַ מאָדנעם באַגער אַרויסצורייסן מאַרטאַן פון אומגליק.

פילקע איז אַרויסגעקומען פון צימער. ער האָט זיך אויסגעגלייכט אין דער גאַנצער לענג און אויפגעהויבן די בליקן צו יהודיתן. די שמעק־קנדיקע לופט האָט אים איינגעהילט אין אַ מחיהדיק געפיל און ער האָט געטראַכט: ווייזט אויס, אַז דער רויער יונג איז דאָס געווען. ער האָט דאָס נעכטן באַנאַכט געשפּילט פאַר אירעטוועגן... די אויסלענדערן, ווייזט אויס, אַז זי געהערט נישט צו די גרויסע צנועות. שכנים דערציילן, אַז זי גלויבט נישט אין גאָט און נישט אין דער הייליקייט פון דער פאַמיליע... מאַרטאַן וועל איך אָוועקנעמען פון דאַנען.

אין דעם דאָזיקן ווינקעלע וואָלט סוסינקע אויפגעלעבט — האָט זיך פילקע געטראַכט, זיך אַראָפּגעזעצט אויפן טרעפּל און מיט זיינע אייגעלעך נאָכגעקוקט יהודיתן. איך וועל אַ פּרווו טון רעדן מיט דער אויסלענדערן. פאַר געלט קען מען אַפילו אָנקומען ביז אין בעט פון דער קייסערן...

ער האָט זיך אויפגעהויבן, אַריינגעשטעקט די הענט אין די הויזן־קעשענעס און זיך דערנענטערט צו יהודיתן.

— אַ שיינעם גוט־מאָרגן אייך, „סעניאָריטאַ"! — האָט ער אויסגע־רופן, איר אַנטקעגנגעשטעלט דעם טרוקענעם ברוסטקאַסטן און אָנגע־שטעלט אויף איר אַן ערנסט פּנים. — וואָס מאַכט איר עפּעס און פאַרוואָס זעט מען אייך נישט צווישן די מייניקע?

— אַ דאַנק, דאָן פילקע, פאַר דער אויפמערקזאַמקייט. ווי איר זעט, האָב איך תמיד אַ סך צו טון.

זי איז פּאַוואָלינקע געגאַנגען ווייטער און ווייטער צווישן די בלומען.

— פאַר אייך וואָלט בעסער געווען צו וווינען אין שטאָט — האָט ער ווייטער געצויגן זיין שמועס — פאַר וועמען ברענגט איר דאָ אַזוי פיל קרבנות? אָפּהיטן און פלעגן אַזאַ גאָרטן איז נישט קיין קליינינקייט!

זי האָט געשמייכלט.

— ווער ס׳ברענגט נישט קיין קרבנות, דער האָט נישט קיין רעכט צו באַזיצן אַזאַ גאָרטן... יעדע בלום, יעדער צווייג און יעדעס ביימל איז ווי אַ שטיק פון מיין לעבן. פאַר קיין טויזנטער וואָלט איך נישט אָפּגעגעבן דאָס דאָזיקע ווינקעלע, — האָט זי געזאָגט מיט פרייד אין איר קול.

ער האָט אַרויסגעפילט פון איר שטים אַ טיפע ערנסטקייט און זיך ווידער אָנגערופן:

— מיין טאַכטער איז שטאַרק פאַרליבט אין איך. מיין קליינע נייטיקט זיך אין אַ סך פאַרשטענדעניש, אָבער ליידער איז מיין פרוי אַביסל אַ נערוועזע.

זי איז געווען גליקלעך, וואָס ער האָט גערעדט וועגן מאַרטאַן און נישט געווען בייז אויף איר. עפּעס אין איר האָט זיך ווי איינגעשטילט און אַביסל באַרויִקט. זי האָט אָבער געשוויגן. די קאַלטע וואַסער־שטראָמעלעך האָבן געריזלט צווישן גראָז און דאָס שמעקנדיקע ווינטל האָט פאַרשייט געגלעט די באַשפּרענקלטע רויזנקעפּ.

פילקע האָט איר נאָכגעקוקט און זיך באַמיט צו טרעפן, וואָס פאַר אַ מענטש יהודית איז, כדי ער זאָל וויסן, ווי אַזוי צו רעדן מיט איר און צו געווינען איר צוטרוי.

מאַרטאַ איז צוגעקומען און האָט דערלאַנגט דעם מאַן אַ מאַטע. יהודית האָט לייכטער אָפּגעאָטעמט. זי האָט געזען, אַז מאַרטאַ האָט זיך ווי עס איז אַריינגענומען אין די הענט און דאָס האָט זי נאָך מער באַרויִקט.

אויך קוקי איז אַרויסגעקומען פון צימער, אַן איינגעהויקערטע אין לאַנגן, ווייסן נאַכט־העמד. אירע פאַרוויינטע, נישט אויסגעשלאָפענע אויגן האָבן זיך געריסן איבער דער צעשוימטער בלויקייט פון גאָרטן.

— פּאַפּי! — האָט זי גערופן מיט אַ פאַרשלאָפענער שטים, — ווו ביסטו ערגעץ? אין ערשטן טאָג האָסטו מיך שוין איבערגעלאָזט אַליין.

פילקע האָט דערלאַנגט מאַרטאַן די ליידיקע מאַטע און איז צוגע־לאָפן צו דער קליינער, זי געכאַפּט אויף די הענט און אויסגעקושט אירע אויגן. די קליינע האָט פאַרוואָרפן די הענטלעך אַרום זיין האַלדז און גע־זיפצט ווי אַ זקנה.

— דו ביסט נישט אויסגעשלאָפן, דערפאַר ביסטו אַזוי נערוועזיש, — האָט ער זי געמוסרט. — אַ מיידל אין דיינע יאָרן דאַרף זיך וויסן ווי צו האַלטן.

— און דו ביסט דען יאָ געשלאָפן? — האָט עס פון איר ווי אַרויס־געוויינט. — די גראָבע וואָנצעס זענען משוגע געוואָרן! שפּילן און זינגען גלוסט זיך אים!

— זאָל ער שפּילן און זינגען, — האָט פילקע שטיל צוגעגעבן. — ער איז געזונט, און געזונטע זענען גליקלעך.

דערבײַ זענען זיינע ליפּן געוואָרן מעסערדיק.

— און מיר טוט ווי מיין זייטעלע און איך קען נישט ליידן, אַז מען קלאַפּט מיר באַנאַכט אין קאָפּ אַריין!

דער טאַטע האָט זי ווידער צוריקגעטראָגן אין צימער, זי אויסגע־צויגן אויפן בעטל און זיך אַוועקגעזעצט לעבן איר. זי האָט לאַשטשענדיק

אַרומגעוויקלט אירע הענטלעך אַרום זיינע לענדן און געהאַלטן אויף אים די פיבערן פון אירע שוואַרצע, וויינענדיקע אויגן:

— פּאַפּי, מיין זייטעלע טוט מיר וויי, — האָט זי אַריינגערעדט אין זיין געל־פאַרשלאָפן פּנים.

מאַרטאַ האָט אים אַריינגעבראַכט אַ פרישע מאַטע און איז ווידער אַוועק צו יהודיתן. ער האָט איר נאָכגעקוקט מיט אַ זייטיקן בליק און אַראָפּ־געשלונגען אַ זיפצעלע.

— כודיט, וויסטו וואָס איך וועל דיר זאָגן? די קליינע האָסט מיך; זי האָסט מיך, און איך קען עס נישט אויסהאַלטן.

זי האָט זיך אַראָפּגעבויגן, אויפגעהויבן פון דער ערד אַן אַלט האַק־מעסער און דערמיט אַ פּאַכע־געטון אין דער לופטן:

— איך וועל דעם מאַן מיינעם אָפּהאַקן דעם קאָפּ! דו הערסט, כודיט?!

יהודית האָט אַוועקגעוואָרפן די וואַסער־קישקע און איר אַרויסגעריסן דאָס האַקמעסער פון דער האַנט.

— מאַרטאַ, איר זענט משוגע געוואָרן! גייט צו אַ דאָקטער!

מאַרטאַ האָט געהאַלטן אויף איר די צערודערטע בליקן און פאַר־שעמט געשטאַמלט:

— כודיט, פאַרלאָזט מיך נישט! קומט וווינען מיט מיר אינאיינעם...

יהודית האָט געענטפערט:

— מיר וווינען דאָך סיי־ווי כמעט אין איין שטוב. דו קענסט אַריינ־קומען צו מיר אין שטיבל ווען דו ווילסט.

— כודיט, דו האָסט מיך אויפגעהערט צו אירצן, — האָט עס אין מאַרטאַן געקוואַלן. — דאָס באַווייזט, אַז מיר זענען געוואָרן אמתדיקע פריינט. הער־זשע, מיין טייערע, וואָס איך וועל דיר זאָגן, — האָט מאַרטאַ גערעדט דורך טרערן, — מיין מאַן איז אַ נישטיקער פּחדן... ערשט איצט האָב איך אים ריכטיק דערקאָנט... כודיט, פאַראַכט מיך נישט.

יהודית האָט געשוויגן. וואָרענונג האָט זיך געריסן פון איר און אויך אומצוטרוי. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז אין דער שכנה האָט אויפגעשטורעמט די באַליידיקונג, וואָס זי איז אויסגעשטאַנען פון איר מאַן. געפילן, וועלכע זי האָט יאָרנלאַנג דערשטיקט אין זיך. און ווען נישט גומערסינדאָ וואָלט זי ווייטער אַזוי געלעבט מיט פילקען ביז צום סוף פון איר לעבן...

אויך האָט יהודית געזען, אַז מאַרטאַ איז אַן ערלעכער מענטש. דווקא איר שרייען און געוואַלדעווען האָט יהודיתן איבערצייגט, אַז מאַרטאַ האָט נאָר געזוכט איבערצושרייען און צו באַטויבן איר צעיאָטערט געוויסן.

יהודית האָט איר אַריינגעקוקט טיף אין די אויגן און דערביי געהאָט

דאָס געפיל, אַז מאַרטאַ איז נישט געווען ביי די קלאָרע געדאַנקען. זי האָט זי באַזאָרגט געבעטן:

— מאַרטאַ, קוקיטאַ נויטיקט זיך אין רו... די קליינע איז זייער פיל־באַר און קלוג... מאַרטאַ, הער מיין עצה, נעם דאָס קינד און פאָר־אַוועק ערגעץ וייט, וייט פון דאַנען... אַנטלויף איידער ס׳וועט ווערן צו־שפּעט.

מאַרטאַ האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן און ווי צו זיך געמורמלט:

— כודיט, חברטעלע מיינע, איך בין ווירקלעך נישט ווערט דיין פריינטשאַפט. כודיט, פאַרוואָס האָט איך יעדער איינער אַזוי פיינט?

יהודית האָט שמייכלענדיק געענטפערט:

— דו האָסט מיך שוין ווידער אָנגעהויבן צו אירצן?... איצט טראַכט נישט פון קיינעם חוץ פון דיין קראַנק קינד.

מאַרטאַ איז רויט געוואָרן און אויפגעהויבן צו איר די שולדיקע בליקן.

— כודיט, דו ביסט אַ מלאך! איך האָב דיך געהאַסט און נישט געוווסט פאַר וואָס.

— לאָז צורו... איך האָב קוים מיט צרות געראַטעוועט אין מיר דאָס שטיקל מענטש, טאַקע נישט מער ווי אַ קליין שטיקעלע...

זי איז אַנטשוויגן געוואָרן און ווידער אָנגעהויבן באַשפּריצן די בייטן. ערנסט האָט זיך געהאַמערט אַרום איר מויל און וויטיק, גלייך ווי מאַרטאַ וואָלט אָנגעריירט אין איר אַ טיפע ווונד.

מאַרטאַ איז איר נאָכגעגאַנגען.

— כודיט, צי ווייסטו, וואָס דיינע שכנים רעדן וועגן דיר?... פאַרוואָס?...

יהודית האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ. שרעק האָט אַרויסגע־שפּאַרט פון מאַרטאַס אויפגעריסענע אויגן און אויך שטוינען.

— דו האָסט זיי? — האָט זי שטיל געפרעגט.

— ניין! — האָט יהודית פעסט געענטפערט.

— און איך אויף דיין אָרט וואָלט אַזעלכע שלענג דערהרגעט. די דאָזיקע ווייבער קענען מאַכן פאַר אַ שלאַנג די בעסטע פרוי.

— מיך האָבן זייערע באַרעדערייען נאָר פאַרבעסערט, פאַרשענערט,

— האָט זי לאַכנדיק געזאָגט און זיך פאַרטראַכט, זוכנדיק פאַר מאַרטאַן אַ פּאַסיקן ענטפער. זי האָט זיך איבערצייגט אין דער האַרצלאָזיקייט און רשעות פון אירע שכנים, וועלכע האַלטן זי פאַר אַן איינפאַכער, אויסגע־לאַסענער פרוי. און דווקא די דאָזיקע ווייבער האָבן זי געלערנט צו זוכן דאָס שיינע און איידעלע אין זיך גופא. און אַזוי איז דער מאָראַלישער כוח אין איר געוואַקסן און אויך דער פאַרשטאַנד. דער דאָזיקער כוח פון קלאָרן חשבון־הנפש האָט אויך אַנטפּלעקט אין איר איבערמענטשלעכע כוחות צו האָבן געדולד און אויסדויער און גלייכגילטיק בלייבן צו דער אָרעמקייט...

זי האָט די דאָזיקע קוקערס אין פרעמדע שלאָפצימערן אַריין דערקאָנט אין זייער גאַנצער נעבעכדיקייט, קרענקלעכקייט און גיריקייט אין זייער זוכן צו פּייניקן און צו דערנידעריקן יעדע פרוי, וועלכע פירט זיך נישט אויף אַזוי ווי עס געפעלט זיי.

מאַרטאַ איז געוואָרן מער נייגעריק. יהודיתעס שווייגן האָט געוועקט אין איר אַ געוויסן חשד און אומפאַרשטענדלעכקייט. זי האָט זייער פאַר־זיכטיק צווישן די ליפּן געזיפעט:

— אויב מען פירט אַ פריי און שיין לעבן, מעג מען כאָטש האָבן אַביסל מער שכל... דער פון דער פאַבריק, ער האָט אַ סך געלט.. נישקשה, ס׳וועט אים סטייען!... איך אויף דיין אָרט וואָלט אַנדערש געווען...

— וויסטו וואָס דו האָסט מיר געזאָגט? — האָט איר יהודית איבער־געשלאָגן די רייד.

מאַרטאַ האָט זי אַדורכגענומען מיט אַ פאַרשנדיקן בליק און האָט נישט דרייסט צוגעגעבן:

— און פאַרוואָס זאָלסטו גאַרנישט האָבן פון דעם?

יהודית האָט אַ הילכיקן לאַך־געטון.

מאַרטאַ האָט ברייטער צעעפנט די אויגן און זי געוואָרנט:

— שששו! די שכנים זאָגן, אַז נישט אָרנטלעכע פרויען לאַכן אַזוי הויך ווי דו לאַכסט.

יהודית האָט זיך נאָך העכער צעלאַכט. טרערן זענען איר געריבען פון די אויגן. און אַזוי לאַכנדיקערהייט האָט זי געזאָגט:

— אויב קיינער קומט נישט מיט־טרויערן מיט מיר, ווען איך וויין און ווען דער עלנט דערשטיקט מיך, דאַן זאָלן זיי מיך כאָטש לאָזן לאַכן פון גאַנצן האַרצן.

זי איז מיטאַמאָל שטיל געוואָרן און זיך אַ לאָז־געטון צווישן די בלומען און זיי אויפסניי אָנגעהויבן צו באַגיסן. די וואַסער־קישקע אין אירע הענט האָט אַלע מאָל ווי אַ צאַפּל־געטון.

מאַרטאַ האָט איר נאָכגעקוקט מיט אומפאַרשטענדלעכקייט אין די בליקן. אָבער נאָך אַ ווײַלע טראַכטן איז זי ווידער צוגעגאַנגען צו איר.

— כודיט, — האָט זי געזאָגט — איך האָב דיך נישט געזוכט צו באַליידיקן, פאַרגיב מיר... איך נייטיק מיך אין דיין הילף! כודיט, רעד צו מיר ווי אַ פרוי צו אַ פרוי. דו ביסט דאָך אַזוי פריי און אַזוי אַנדערש פון אַלע ווייבער, וועלכע איך האָב ביז היינט געקאָנט.

געבעט איז געווען אין איר קול.

יהודית האָט איר איבערגעשלאָגן די רייד.

— איך וועל אַלץ פאַר די טון, אַפילו דאָס אומעגלעכסטע, נאָר נעם דיך אין די הענט אַריין...

אין דעם האָט זיך גומערסינדאָ אַריינגעשאַרט אין גאָרטן. צעקלוי־צעטע פייערלעך האָבן זיך געפלעמלט אין זיינע בליקן. ער האָט זיך אויס־געגלייכט אין זיין גאַנצער לענג און אויסגערופן:

— אַ גוט מאָרגן אייך, ווייבעלעך, אַ געזונט אין אייערע הערצעלעך! ווי שיין עס איז היינט!

יהודיתן האָט אַ זעץ־געטון אין האַרצן. זי איז שטאַרק בייז געוואָרן, בייז אויף זיך גופא און וואָלט זיך אויסגעפּאַטשט פאַרן פאַרדיינגען דאָס צימער. מיט אַ שטרענגן טאָן האָט זי זיך געווענדט צו מאַרטאָן:

— גיי אַריין אין שטוב! איי, איי, ווען אַ מאַן ווערט־אָן דעם צוטרוי צו זיין ווייב, ווערט דאָס פאַמיליע־לעבן צעבראָכן.

מאַרטאַ איז ממש אַנטלאָפן צו זיך אין צימער און גומערסינדאָ האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ שטיין צווישן גראָז און אָנגעהויבן צו פייפן דעם ניגון פון לידל, וואָס ער האָט נעכטן באַנאַכט געזונגען באַגלייט מיט דער גיטאַרע.

מאַרטאַ האָט צוגעוואָרפן אַ גנבישן בליק צום מאַן און באַלד זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צו דער איקאָנע אין ווינקל.

פילקע האָט זיך אויפגעהויבן און אָנגעטון דעם בלויען אַנצוג. אַן אומניחהדיקייט האָט זיך געטוקט אין זיינע אויגן און אַ געצוימטער צאָרן. ער אַליין האָט נישט באַנומען זיין געדולדיקייט צום ווייב. ער האָט גע־טראַכט: דאָס נעמט זיך פון איר צו־גוטן לעבן. ס'גייט איר צו־גוט און זי איז געוואָרן זאַרגלאָז. דאָס איז אַלץ. ער וועט איצט אַוועקפאָרן מיט סוסיב־קען און זאָל מאַרטאַ דאָ ווייטער אַכטונג געבן אויפן קינד, אויפן קראַנקן ווערעמל. זי וועט שוין אויפהערן אַרומלויפן ווי אַ פאַרסמטע, דאָס צע־באַלעוועטע ווייב זיינס.

די קליינע האָט אויפגעהויבן צו אים די ווייגענדיקן אויגן און גע־יאָמערט:

— פאַפּי, דאָס פלייצעלע טוט מיר וויי! פאַפּי, איך האָב מורא צו בלייבן אַליין!...

מאַרטאַ איז צוגעגאַנגען צום בעטל און מיט אַ גערירטער ליבשאַפט איר געריבן דאָס פלייצעלע.

— וווּ, קינד מיינס, טוט דיר צום שטאַרקסטן וויי? ווו? דאָ?

די קליינע האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ.

מאַרטאַ איז צוגעגאַנגען צו דער קאָמאָדע און אַרויסגענומען פון שופ־לאָד אַ פלעשל מיט יאָד און איינגעריבן דעם קינדס פּלייצע. די קליינע האָט געקרעכצט און נישט אַראָפּגענומען די בליקן פון טאַטן.

— פּאַפּי, איך וויל גיין מיט דיר!

— איך מוז היינט אַוועקפאָרן, טאַכטער מיינע! — האָט ער געפירט פאַר זיך מיט די הענט.

קוקי האָט זיך צעוויינט, געציטערט מיטן גאַנצן לייב און לעבן. מאַרטאַ האָט זיך אויסגעגלייכט, אַוועקגעשטעלט דאָס פלעשל יאָד און שווייגנדיק פאַרבעט דאָס בעטל. אין צימער איז געשטאַנען אַ ריח פון מעדיקאַמענטן און פון פאַרוועלקטע בלומען.

פילקע האָט זיך אָנגעבויגן איבער דער טאָכטער.

— זיי געזונט, מלאכל מיינס, און פיר דיך אויף לייטיש. זע, אַז די מאַמע זאָל פון דיר נישט ליידן.

געבעט און זאָרג איז געווען אין זיין שטים.

די קליינע האָט זיך נאָך מער צעוויינט:

— וועסט נישט פאָרן אָן מיר!

— שווייג, זאָג איך דיר, דו נאַרישע מויד! פּאַפּי מוז פאָרן אַרבעטן און פאַרדינען! — האָט זיך מאַרטאַ צעבייזערט.

קוקי האָט באַהאַלטן דאָס פּנים אין די הענט און זיך אויפסניי צע־כליפּעט. פילקע איז בלייך געוואָרן. פונדעסטוועגן האָט ער אויסגעשמירעקט אַ האַנט צום ווייב און זיך אָנגערופן:

— מאַרטאַ, מאַרטיטאַ, זיי געזונט און זע, אַז די קליינע זאָל זיך דאָ נישט האָבן צוליב וואָס צו ערגערן.

ער האָט צוגעוואָרפן צום קינד אַ געטרייען בליק און איז גיך אַרויס פון צימער.

מאַרטאַ איז געשטאַנען לעבן קינד און געבורטשעט:

— זאָל ער, זאָל ער גיין, מיט יענער איז אים בעסער ווי מיט אונדז.

טרערן האָבן זיך געקייקלט איבער אירע קינבאַקן. גלייכצייטיק האָט זיך איר לייב קעגן איר אייגענעם ווילן געריסן צו גומערסינדאָן און דאָס אויפגעוואַכטע בלוט האָט ווידער פאַרטונקלט אירע געדאַנקען און די זאָרג פאַרן קינד...

קאַפּיטל דרייצן

באַנאַכט איז דאָס געסל געשטאַנען אויפגערוימט און געהויקערט ווי אַ זקן, אַ דין, שפּיציק רעגנדל האָט זיך געריסן פון דער הימלישער שטומקייט און פון די טונקעלע בערג־כמאַרעס, ווי גרויסע, דערשראָקענע וועלף. בייזע, קאַלטע ווינטן האָבן געברומט און מיט רציחה געיאָגט די פינצטערע וואָלקנס איבערן גאָרטן און זיך צעהוליעט צווישן די צעוויגטע רויזן־קעפּ, געיאָמערט ווי מיט אַ יום־כיפּוריק ניגונדל און געוואָרנט און געמאָנט...

קראָכמעל איז צוגעפאָרן מיט אַן אויטאָ צו דער פאַבריק. ער איז האַסטיק אַרויס פון אויטאָמאָביל און אַ דריק־געטון די קנאָפּקע ביים טויער. באַלד איז גומערסינדאָ צו אים אַרויסגעקומען און זיך אויסגעצויגן איז זיין גאַנצער לענג.

— אַך, וואָס פאַר אַ גאַסט! שוין אַזוי לאַנג נישט געזען דעם באַלעבעסעלע!

ער איז אָפּגעטראָטן אָן אַ זייט, אים פריי געמאַכט דעם וועג.

דאַן קראָכמעל איז אַריין אין הויף און פון דאָרט אין זיין קליין, פּירעקיק צימערל. גומערסינדאָ איז אים נאָכגעגאַנגען דינסט־גרייט. דאַן קראָכמעל האָט זיך אַנידערגעזעצט ביים שרייבטיש און זיך געווענדט צו גומערסינדאָן:

— מאַך מיר אַ מאַטע!

— שוין, די מינוט, באַלעבעסעלע! — און ער איז גיך אַוועק.

קראָכמעל האָט אָנגעצונדן ליכט, געעפנט איין בריוו נאָכן אַנדערן און זיי גיך דורכגעקוקט, אייניקע פון זיי צעריסן און אַריינגעוואָרפן אין פּאַפּיר־קיישל אונטערן שרייבטיש.

אַרום אים איז געווען שטיל. אַ דינע שיין האָט זיך געשפּרייט פון אונטער דעם בלעכענעם אַבאַזשור און איז געפאַלן אויף זיין פּנים און אים צוגעגעבן אַן איידל אויסזען. ער האָט זיך אויסגעגלייכט אין דעם טיפן, ווייכן פאָטעל, אַרויפגעלייגט ביידע פיס אויפן קאַנט פון שרייבטיש און אויפגעהויבן זיינע בליקן צום הויכן, פירקאַנטיקן פענצטערל. דער ווינט האָט געוואָרפן דאָס גרינע, אייזערנע לאָדנדל אַהין און צוריק און דאָס שייבל פון פענצטער איז געווען באַהויכט און באַלייגט מיט טראָפּנס רעגן ווי מיט טרערן.

קראָכמעל האָט אַ דריק־געטון אויפן קנאָפּ ביים טירל. גומערסינדאָ האָט זיך ווידער באַוויזן מיט אַ הייסער מאַטע און זי אים דערלאַנגט. דאַן איז

ער שטיינגעבליבן מיט פאַרלייגטע הענט אויף דער ברוסט און אָפּגעוואַרט ביז זיין באַלעבאָס וועט אויסזופּן די מאַטע.

— מען האָט געשלאָסן די צוקער־פאַבריקן, וואָס? — האָט דאָן קראַכמעל געמאַכט אַ ביטערע מינע, בעת ער האָט גומערסינדאָן צוריקגעגעבן די ליידיקע מאַטע.

— די צווייטע וועט זיין אַ זיסערע, באַלעבעסעלע! — האָט זיך גומערסינדאָ צעשמייכלט און איז אַוועק. באַלד איז ער צוריקגעקומען מיט דער צווייטער מאַטע.

קראַכמעל האָט זי אויסגעשמאַטשקעט און אַ בורטשע געטון:

— אַ דאַנק, ס'וועט זיין גענוג.

גומערסינדאָ איז אַרויס פון צימער און פאַרמאַכט דאָס טירל. קראַכמעל איז אויפגעשטאַנען און גענומען שפּאַנען איבערן צימער אַהין און צוריק. ערנסט האָט זיך אויסגעלייגט אַרום זיינע ליפּן און טיפע אומפאַרשטענדלעכקייט.

פאַרוואָס האָט אים יהודית נישט ליב? — האָט ער זיך געהאַלטן אין איין פרעגן, גלייך עס וואָלט פאַר אים געווען אַ גרויס ווונדער. — וואָס קומט פאַר אין איר נשמה? אפשר האָט ער זיך צו איר נישט גוט באַנומען? אפשר מוז ער זיין סוחרישער, קליגער?... אפשר האָט זי גאַר אַרויסגעקוקט אויף עפּעס אַנדערש?... און פאַרוואָס זאָל זי טאַקע זיין נאַריש? און פאַרוואָס זאָל ער איר טאַקע נישט מיטהעלפן מיט עפּעס?... אָבער צי וועט עס זיין ריינע ליבע, ווען ער וועט איר געבן געלט? — האָט ער זיך געפרעגט. איך בענק דאָך נאָך אַ ביסעלע אמתדיקער ריינקייט, אַזוי טאַקע פון ערשטן סאָרט... זי ווייסט עס דאָך! טאָ פאַרוואָס אייגנטלעך האָט זי אים צו זיך נישט צוגעלאָזט? פאַרוואָס?

אַן אייגן ווייב האָט אויך ליב, ווען דער מאַן שאַפט פאַר איר אַ גוט, רייך לעבן — האָט זיין פּראַקטישער חוש שפּעקולירט. — קיין אויסגעשפּראָכענער אידעאַליזם איז צווישן די שטערבלעכע נישטאָ, מיינען אַ סך מענטשן. אָבער קראַכמעל האָט זיך תמיד געווערט קעגן דעם דאָזיקן געדאַנק. און אַצינד האָט ער ווי צו זיך געטענהט: אַן אייגן ווייב איז שוין עפּעס אַנדערש. זי איז די מאַמע פון די קינדער און איז מיט טויזנט פעדים צוגעבונדן צום מאַן און צו זיינע אינטערעסן. חוץ דעם זאָרגן די געזעצן דערפאַר, אַז דער מאַן זאָל מפרנס זיין דאָס ווייב און די קינדער. וואָס, למשל, וואָלטן מענטשן געזאָגט, ווען ער, דאָן קראַכמעל, איז קאַרג און די פאַמיליע האָט ביי אים קיין לעבן נישט? אַ געליבטע ווידער איז ווי ווייך, וואָס פאַרשיכורט אויף אַ קורצער צייט. פון אַזעלכער קען מען אַוועקגיין ווען מען וויל. אַ געליבטע איז אַ פרוי, וואָס פאַרקויפט איר ליבע פאַר

געלט אָדער פאַר אַ שטאַרק, גרויס געפיל. און יהודית, ווייסט ער, איז זייער פילבאַר.

ער האָט זיך ווידער אַוועקגעזעצטביים שרייבטיש, אַרויסגענומען פון בוזים־טאַש אַ טשעק־ביכעלע און אָנגעהויבן שרייבן; געפירט די פען זייער פאַוואָליע, זיך פאַרטראַכט, אָנגעשריבן אַן איינס מיט אַ נול און באַלד נאָך אַ נול און דערביי געטראַכט: נאָר נישט ווייזן קיין וועג פון צופיל געלט!... נאָר נישט וואַרפן זיך מיט דער שווערער האַרעוואַניע! און דאָך האָט ער צוגעשריבן נאָך צוויי נולן, געקוקט ווי היפּנאָטיזירט אויפן טשעק און איז געבליבן עפּעס נישט צופרידן. ס׳האָט אים ווי געוואָרנט: ס׳מאַכט נישט, יהודית איז דאָך דיינע. זי איז אַן אָרעמע לאַנדספרוי און איך בין רייך! איך האָב שוין אַ סך מענטשן געהאָלפן, העלף איך איר אויך. אייגנטלעך מעג איך עס רויק זאָגן, אָבער נישט ביים איבערגעבן איר דעם טשעק. זי איז געננוג פיפיק! זי אַליין וועט שוין פאַרשטיין וואָס איך מיין...

באַשטימטקייט און זיכערקייט האָט זיך אָפּגעזעצט אַרום זיין מויל. ער האָט אויסגעמעקט די איינס פון טשעק און אויף איר אָרט אָנגעשריבן אַ צוויי. דאַן האָט ער אָפּגעטריקנט די ציפערן, צונויפגעלייגט דעם טשעק און אַריינגעלייגט אין דער ברוסט־קעשענע פון רעקל.

קראָכמעל האָט זיך אויפגעהויבן און ווידער אָנגעשטעלט דאָס פּנים צום אָפענעם פענצטער. זיינע בליקן האָבן אומרויִק געבלאָנדזשעט איבערן טונקעלן גאָרטן. ער האָט געזוכט צו דערזען יהודיתן, גלעטנדיק בעת־מעשה מיט די פינגער דעם טשעק.

— געלט איז אַ ווילן, וועלכער צעקלאַפּט אַלע געלטלאָזע ווילנס — האָט ער צופרידן אין זיך אַריינגעשמייכלט און פאַרגעסן, אַז יהודית האָט אים דאָס לעצטע מאָל כמעט אַרויסגעטריבן פון איר שטיבל.

— געלט מאַכט חרוב וועלטן גאַנצע און געלט בויט זיי ווידער אויף. נישקשה, קראָכמעל איז אַן איידעלער מאַן און נישט סתם אַן אויפגעקומענער גביר... נישקשה, יהודיתן מעג אָנשטיין צו ווערן זיין... חברטע; ס׳מעג איר אָנשטיין...

פאַרטיק געוואָרן מיט זיינע באַשלוסן האָט ער זיך אויסגעדרייט און ווידער אַ דריק־געטון אויפן קנעפּל ביים שרייבטיש. באַלד איז גומער־סינדאָ שטיין־געבליבן אין טירל אַנטקעגן אים.

— מיט וואָס קען איך דינען דעם באַלעבעסל?

קראָכמעל האָט פאַרלעגן געשמייכלט און אַריינגערעדט אין גרויסן קלעקער אויפן שרייבטיש:

— איך האָב דיך נאָר געוואָלט פרעגן, וואָס דאָ הערט זיך...

גומערסינדאָ האָט אויפגעהויבן זיינע ברייטע, צענומענע אַקסלען און געענטפערט:

— איך ווייס נישט, וואָס דער באַלעבעסעלע מיינט...

קראָכמעל איז רויט געוואָרן. ער האָט געוווּסט, אַז דער „מענטש זייַנער" איז באַקאַנט מיט אַלע מעשות, וואָס שכנים דערציילן וועגן יהודיתן. עס איז אים געגאַנגען אין לעבן עפּעס געוואָר צו ווערן וועגן איר. אָבער ער האָט נישט געהאַט קיין מוט אָפן אַרויסצוּווייזן זיין שוואַכקייט.

גומערסינדאָ האָט געפילט, אַז זיין באַלעבאָס איז פאַרטון אין טראַכטן וועגן יהודיתן. האָט ער געוואָרט, אַז ער זאָל צו אים רעדן קלאָרע דיבורים, אַז ער זאָל אים עפּעס אָנפאַרטרויען. דערביי האָט ער געטראַכט: ביסט אַ פּאַפּישוי, דאָן קראָכמעל, און נישט קיין זכר. וואָס ווילסטו? סיי דאָס ברויט און סיי דעם לעקעך? און דערצו נאָך אַלץ אומזיסט? דאַן לערן זיך צוערשט ביי דאָן גומערסינדאָן, ווי אַזוי צו געווינען זיסע הערצעלעך פון אַ „זי". ווען אַ ווייבעלע זעט, אַז דער זכר איז גרייט אויף קרבנות, אַז ער חשבונט נישט, דאַן איז זי גרייט אויף אַלץ. די בראַווקייט פון זכר, זיין קראַפט און די קרבנות־גרייטקייט מאַכט ווייך ווי פּוטער דאָס הערצעלע פון דער שענסטער און קליגסטער פרוי.

ביי גומערסינדאָן איז אויך אויסגעקומען נאַריש און עגאָיסטיש דאָן קראָכמעלס „ווירדע", זיין מורא פאַר לייטישע מיילער בעת אַ וויזיט ביי יהודיתן, דווקא אין אַ רעגנדיקער נאַכט, ווען שכנים זענען פאַרשטעקט ביי זיך אין די שטיבער און זיי שנאַפּן נישט נאָך קיינעם. ער האָט אַרויפּגעדרייט אַ שפּיץ פון זיין וואָנסע, געשמייכלט און געטופּעט מיטן אָפּצאַס פון שוך אויפן דיל.

— שכנימלעך זאָגן, אַז די גרינינקע האָט שוין אַ נייעם זכר. עפּעס אַ משוגענעם קינסטלער. שכנימלעך טענהן, אַז אַז...

קראָכמעל האָט אומצופרידן אַ מאַך־געטון מיט דער האַנט, גלייך ווי דער ענין וואָלט אים נישט אָנגעגאַנגען און דערביי אויסגעמיטן גומערסינדאָס בליקן:

— עך, דאָס זענען נאַרישקייטן, זיי גייען מיך נישט אָן! נישט דאָס האָב איך געוואָלט פון דיר הערן.

גומערסינדאָ האָט פאַרלעגן געשמייכלט און מער נישט געוואַגט אַ וואָרט אַרויסצורעדן. קראָכמעל האָט אים באַטראַכט מיט אַ שפּיציק אייגל און שטיל צווישן די ליפּן געזייעט:

— קענסט שוין גיין!

ווען גומערסינדאָ איז אַרויס פון צימערל, האָט קראָכמעל זיך אויסגעגליכט מיטן פּנים צום אָפענעם פאָרטקעלע און ווידער אַרויסגעקוקט אין

גאָרטן אַריין. פּרעמדקייט איז אים פון דאָרט אַנטקעגנגעקומען און אים ווי געוואָרנט. האָט ער זיך אויפסניי אַריינגעטראַכט אין זיינע געפילן צו יהו־דיתן. אים האָט זיך געדאַכט, אַז זי ציט אים צו זיך, ווייל ער האָט זי געקענט נאָך פון קינדערווייז אָן. זי איז געווען די איינציקע אין דער נייער וועלט, וועלכע האָט אים נאָך דערמאָנט אַ שטיק פון זיין פאַרגאַנגען לעבן און פון זיינע אייגענע, וועלכע די פּויערים פון דערפל האָבן אומגעבראַכט, באַלד ווי די דייטשן זענען אַריין קיין בעסאַראַביע.

אין די גאָר יונגע, אין די יִינגלשע יאָרן, איז ער געווען יהודיתעס לערער. זי האָט זיך ביי אים געלערנט העברעיִש און רוסיש. ער איז נישט געווען קיין סך עלטער פון איר, אָבער ער איז געווען אַ הויכער, צוואַק־סענער יונג און זי אַ קליינע און טרוקענע. האָט זי אויסגעזען אַנטקעגן אים ווי אַ קליין מיידעלע. גערופן האָט זי אים דאמנו־לערער. ער פלעגט אַריינקוקן אין אירע גאָלדענע אויגן, אָבער ער האָט נישט פאַרשטאַנען, פאַר וועמען ס'האָט זיך געשפּילט אין זיי אַזוי פיל אויסדרוק און אַזויפיל קאָלירן. יהודית האָט געהאַט פאַר אים אָפּשיי. זי האָט צו אים אַרויפגעקוקט ווי צו אַ גרויסן געלערנטן און האָט אים תמיד געאירצט. אין דער היים ביי איר האָבן אים אַלע ליב געהאַט און מען האָט אים דאָרט באַטראַכט ווי דעם אינטעליגענט מיטן אָפענעם קאָפּ.

שוין דעמאָלט האָט ער געוווּסט, אַז יהודית האָט אים באַוווּנדערט. איינמאָל האָט ער זי געפּרוווּט אַרומנעמען און איר געבן אַ קוש. האָט זי זיך אַרויסגעריסן פון זיינע הענט און אָנגעשטעלט אויף אים די בלויע פרילינגען פון אירע אויגן:

— דער דאמנו־לערער איז דאָך שיין ווי אַ פּרינץ, דאַרף ער זיך נישט טשעפּען צו אַזאַ מיידל ווי איך... דער דאמנו־לערער וועט חתונה האָבן מיטן שענסטן מיידל פון דאָרף און מיט דער רייכסטער. איך וויל נישט זיין קיינעמס שפּילעכל...

אויך ער האָט דעמאָלט געמיינט, אַז דאָס שענסטע און רייכסטע מיידל פון דאָרף וועט אים געהערן. אַפילו די מיידלעך פון ווייסן הויז האָבן גע־זוכט זיין פריינטשאַפט; ער פלעגט מיט זיי זיצן אונטער דיביימער ביז טיף אין די נעכט אַריין, ער האָט זיך געקושט מיט דער עלטערער און אַמאָל מיט דער יִינגערער. אָבער יהודיתן האָט ער מער נישט געוואַגט צו קושן. דאָך צו שרייבן תנאים מיט איינער פון דיביידע שוועסטערלעך האָט ער זיך אָפּגעזאָגט.

אין בוענאָס־איירעס איז ער געוואָרן פּראַקטישער. דאָ האָט ער נישט געוואָלט זיין קיין לערער, ווייל אין יענער צייט זענען לערער אין בוענאָס־איירעס ממש געשטאָרבן פאַר הונגער, און ער האָט ביי זיין רייכן טאַטן,

דעם וואַלד־סוחר, פון קיין הונגער נישט געוווּסט. דאָ האָט אים אַן אַרויפ־געאַרבעטער לאַנדסמאַן, מענדל, דער געוועזענער שוסטער פון דערפל, גע־געבן אַ פּעקל מיט אַלערליי סחורות פון זיין פאַבריק און אים מיט האַרבע ווערטער געוואָרנט:

— נעם די פיס אויף די פּלייצעס און גיי מאַך מאַריִעס. זאָל דיך נאָר נישט אַרן, וואָס פאַר אַ שפּראַך די מאַריִעס וועלן צו דיר באַנוצן... זיי פּראַקטיש, מאַך דיך טערקיש תמעוואַטע, ווּעסטו עסן אין סוכה...

האָט ער אָנגעהויבן צו קלאַפּן אין די טירן און קיין מאַריִעס נישט געמאַכט. איז אים די האַרעוואַניע גיך פאַרמיאוסט געוואָרן. ער איז גע־וואָרן אַ בוכהאַלטער ביי אַ לאַנדסמאַן אין אַ געשעפט. דער לאַנדסמאַן האָט אים דאַן געצאָלט הונדערט פופציק פּעזעס אַ חודש און האָט אים באַהאַנדלט ווי אַן אייגענעם מענטש, ווי איינעם פון זיינע אָרעמע לאַנדסלייט:

— דו גרינע אוגערקע, וואַרף אַראָפּ דאָס קראַכמאַליעטע קעלנערל און מאַך דיך נישט צופיל „טעליגענטיש"... דאָ אין לאַנד, ווער עס קאָן געבן אַ פּלייצע און ווער עס האָט סמעקאַלקע אין די געהירן, דער פאָרט אין דער קאַרעטע. נישטאָ דאָ קיין יחוס־שמיכעס...

טאַקע דער דאָזיקער לאַנדסמאַן האָט אים געגעבן דעם נאָמען „דאָן קראַכמעל", און אַזוי האָבן אים שוין גערופן אַלע לאַנדסלייט. שפּעטער האָט ער גופא דעם צונאָמען ליב באַקומען ווי אַ זאַך, וואָס האָט אים דער־מאָנט אָן די גרינע יאָרן, נאָך וועלכע ער האָט תמיד אַ סך געבענקט.

צו לאַנג אויסהאַלטן מיט זיין לאַנדסמאַן האָט ער נישט געקאָנט. יענער איז דאָך געווען אַ געוועזענער לאַטוטניק און ער האָט אים, דאָן קראַכמעלן, איינמאָל אַ זאָג געטון אין קעגנוואָרט פון פרעמדע מענטשן:

— טו אויס דיין האַרט קעלנערל, דאָן קראַכמעל, און נעם דיך אַר־בעטן צעזעצטערהייט, דאַן ווּעסטו ווערן אַ מענטש מיט מענטשן גליידך! פאַרשטאַנען וואָס מען רעדט צו דיר? דו גרינע אוגערקע...

— פאַרשטאַנען! — האָט ער אים דעמאָלט געענטפערט און דערביי געטראַכט:

— אַז נישט דערלעבן ווּעסטו, דו פאַרד איינער, דו נאַרישער לאַ־טוטניק, אַז איך זאָל זיין ביי דיר אַ קנעכט און דו ווּעסט זיין מיין עצה־געבער. אַ מכה דיר אין די זייטן. איך וועל דיר שוין וויַיזן, ווער עס טויג זיך אויס אין אַמעריקע. שמואל פּאַסערסערס אַ זונדל וועט נישט הערן דיינע חכמהלעך, ניין!

ער האָט אָנגעהויבן צו געבן פּריוואַטע לעקציעס צו קינדער פון רייכע לאַנדסלייט און אין די אָוונטן האָט ער געפירט דיסקוסיעס וועגן ברענגען

די סאָציאַלע רעוואָלוציע און אַזוי אַרום אַ סוף צו מאַכן צו די רייכע פּופּי־קעס מיט זייערע סמעקאַלקע אין די געהירן.

ווען ער איז געוואָרן זיין איצטיקן ווייבס לערער, האָט ער אויפגע־הערט צו טראַכטן פון רעוואָלוציעס און איבערקערן די וועלט.

לאָטע, זיין ווייב, איז דאַן געווען אַ מיידל פון אַ יאָר דרייסיק, אַ ני־דעריקע און אַ פּעסטע ווי אַ פולער זאַק מיט גערשטן. זי האָט געהאַט מילך־ווייסע קיילעכדיקע אויגן און רויטע בלוט־פּעדימלעך האָבן זיך גע־שלענגלט אין אירע פולע באַקן. דעם טאַטן אירן האָט מען גערופן אַלבערט. ער איז געווען אַ דייטשישער ייִד, אַ פּראַקטישער סוחר און אַן אומצוטרוי־לעכער מענטש. דאָס ווייב זיינס איז געווען אַ פרומע קאַטאָליטשקע. ער האָט זי שטאַרק ליב געהאַט. באַלד נאָכן טויט פון זיין ווייב, וועלכע איז אים זייער יונג אַוועקגעשטאָרבן, איז ער געקומען זיך באַזעצן אין אַר־גענטינע, וווהין ער האָט מיטגענומען זיין אַלטע דינסט און אַ הויכן, טרוקענעם הונט מיט אַ לאַנגן, דאַרן עק. מיטאַלדא, די אַלטע דינסט, האָט אים דערצויגן די טאָכטער אין קאַטוילישן גייסט. און בעק, דער הונט, פלעגט שעהן־לאַנג ליגן לעבן אַלבערטס פיס און אים קנעכטיש קוקן אין די מילך־ווייסע, אומצוטרוילעכע און קלוגע אויגן.

דאַן קראָכמעל פלעגט יעדן טאָג, נאָכן געבן לאָטכען די לעקציע אין העברעיִש בלייבן מיטן אַלטן אַלבערט און געשפּילט מיט אים אַ שאַך אָדער אין דאָמינאָ. ער האָט אויפגעוועקט אין אַלבערטן צוטרוי צו זיך. צום יאָר האָט קראָכמעל חתונה געהאַט מיט לאָטכען.

אין אַלבערטן האָט זיך דערוועקט די בענקשאַפט נאָך זיין הייסגע־ליבטן פאָטערלאַנד און ער האָט זיך גענומען שטאַרק צום האַרצן, וואָס מען האָט — לויט זיין מיינונג — „אויסגעטראַכט" אויף זיינע דייטשישע ברי־דער אַזוינע שרעקלעכע זאַכן. אין אַ שיינעם טאָג איז ער געפאָרן אַ קוק טון, וואָס דאָרטן האָט זיך אָפּגעשפּילט. אַזוי אַרום האָט אַלבערט געטיילט דעם ביטערן גורל מיט זיינע ברידער ייִדן, וועלכע די דייטשן האָבן אומ־געבראַכט.

דאַן קראָכמעלן האָט דאָס ווייב געבוירן דריי טעכטערלעך און אַלע מיט מילך־ווייסע אויגן און בלאָנדע, שיטערע קעפּלעך האָר. ער איז געווען גליקלעך. ווערנדיק דער איינציקער באַלעבאָס פון שווערס גרויסער לעדער־פאַבריק, האָט ער אָנגעהויבן טון וואָס זיין האַרץ האָט געגלוסט. ער איז געווען באַרוישט פון זיין רייכקייט און האָט אָנגעהויבן זוכן כבוד. האָט ער געגעבן קלענערע און גרעסערע סומעס געלט פאַר רעליגיעזע און פּאַרטיי־אישע צוועקן, פון עקסטרעם לינקע ביז רעאַקציאָנער רעכטע, פאַר שילן פונקט אַזוי ווי להבדיל פאַר קלויסטערס. ווי דער שווער זיינער האָט זיך

געפירט, האָט ער נישט געקאַרגט מיט קיין סומעס געלט. ער האָט ליב געהאַט די פאַרשפרייטע קלאַנגען וועגן זיין ברייטהאַרציקייט און ער אַליין האָט מיט דער צייט אָנגעהויבן צו גלייבן אין זיי...

זיין אייגנליבע האָט געליטן פון יהודיתס קאַלטקייט צו אים. ער האָט איר פאַרדונגען דאָס שטיבל מער אויס רחמנות ווי אויס פריינט־שאַפט. די ערשטע צייט, ווען זי האָט זיך אַהין אַריינגעצויגן, פלעגט ער זי אויסמיידן, אויס מורא פאַר לייטישע מיילער. אים האָט נישט געפּאַסט צו ווערן מיט איר אַ נאָנטער פריינט. ערשט ווען די מלחמה איז אַריין אין פולסטן ברען האָט עס אין אים אָנגעהויבן ברויזן. ווען ער איז געקומען איינ־מאָנען די פּאָר פּעָזעס דירה־געלט, איז ער ביי איר פאַרבליבן לענגער ווי געוויינלעך. ביידע האָבן שוין־לאַנג גערעדט וועגן אַלטן, היימישן דערפל, דערמאָנט סיי אייגענע, סיי פרעמדע, וועלכע זענען אומגעקומען.

ווען זי האָט געהאַלטן אויף אים די ליכטיקייט פון אירע צוטרוי־לעכע בליקן און אים דערמאָנט די מיידלעך פון ווייסן הויז און אַלע אַנ־דערע מיידלעך און בחורים פון דאָרף, האָט זיך אים געדאַכט, אַז יהודית איז גאָר פאַרליבט אין אים. ער פלעגט זיך נאָך דעם שוין עטלעכע טעג ניט ווייזן ביי איר. ביי אים איז אויסגעקומען, אַז זי איז אַראָפּ פון זינען. עס איז פאַר אים געווען אַן אומכבוד צו האָבן מיט איר וועלכע ס'איז נאָענטקייט...

אויך האָט ער מורא געהאַט פאַר לאָטכען, וועלכע האָט אים שטאַרק ליב געהאַט, זי איז געווען מילד און נאָכגיביק ווי אַ פעטע, היימישע קו. זי איז אָבער געווען אייפערזיכטיק און זי פלעגט אים אַלעמאָל מאַכן אומ־געריכטע וויזיטן אין דער פאַבריק. זי האָט געקענט אַלע אַרומיקע שכנים און זיי האָבן איר דערציילט וועגן יהודיתן טויזנט אויסטערלישע מעשות...

די פאַבריק און דאָס פאַרמעגן זענען געווען איבערגעשריבן אויף לאָטען און אירע קינדער. דאָן קראָכמעל האָט געמוזט אָנקומען צו איר אונטערצושרייבן טשעקן. זיי האָבן זיך געלעבט צופרידן און ער האָט גע־וואַרט אויפן טאָג, ווען דאָס ווייב וועט איינזען, אַז ער איז ווערט איינער אַליין אָנצופירן מיט דער פאַבריק און ס'זאָל איבערגעשריבן ווערן אויף זיין נאָמען אַ העלפט פון גרויסן פאַרמעגן.

די שלעכטע קלאַנגען וועגן יהודיתן האָבן אויך אויף אים געווירקט. און ווען ער האָט איינמאָל געקריגן פון איר אַ שלעכטן אָפּזאָג, האָט זיך גאָר צעפלאַמט אין אים אַ שטיק משוגעת. ער האָט פאַרגעסן אָן זיין רייכ־קייט און אָן זיין היימישן יחוס. ער האָט זי נישט אָפּגעלאָזט פון אויג און וויפל מאָל ער האָט געהערט, אַז זי האָט שוין אַ „בייעם״, אַזוי פיל מאָל האָט ער געהאַט דאָס געפיל, אַז זי האָט אים פאַראַטן און שענקט אַוועק

צו ווילד־פרעמדע רוחות דאָס, וואָס געהערט אים, נאָר אים, ווייל ער האָט איר אַזוי פיל גוטס געטון.

אַזוי שטייענדיק מיטן פּנים צו דער אָפענער פאַרטקע, האָט זיך אים געדאַכט, אַז יהודית איז אַריינגעקומען אין גאָרטן און אַ מאַן איז איר נאָכגעגאַנגען... האָט עס אין אים אַ ברען־געטון און ער איז אַרויס פון צימערל, רופנדיק:

— גומערסינדאָ, גיי פיל־אָן דעם טאַנק פון מיין אויטאָמאָביל!

— יאָ, באַלעבעסעלע! — האָט זיך גומערסינדאָ אַרויסגערוקט פון זיין קליין שטיבעלע און איז אַוועק אין אַ קעמערל. באַלד איז ער אַרויסגע־קומען, טראָגנדיק אַ גרויסע בלעך מיט נאַפט. ער איז אַרויס פון הויף און באַלד צוריקגעקומען. אַ שוידער איז אים געלאָפן איבערן קערפּער און ער האָט זיך אָנגערופן:

— וואָס נאָך פאַרלאַנגט פון מיר דער באַלעבעסעלע? די גאַס שטייט אָן אויסגעליידיקטע, ס'וועט באַלד מבלען.

קראָכמעל האָט אַרונטערגעלאָזט די אויגן און איז שווייגנדיק אַרויס־געגאַנגען פון הויף. פאַרשליסנדיק דאָס טירל אין ברייטן אייזער־נעם טויער האָט ער אויפגעהויבן די בליקן צו די הויכע, פאַרקראַטעטע פענצטער פון דער פאַבריק. ער האָט געפילט אַרום זיך אַ שטייענדיקע שטילקייט. קילע ווינטן האָבן האַרט געפּאַטשט אין זיין פּנים און צעשוי־בערט זיינע געדיכטע, שוואַרצע האָר.

אָט אין אַזאַ קאַלטן אויפדערנאַכט איז אים ליב געווען צו זיצן אין יהודיתעס קליין, ליכטיק צימערל און פילן אַרום זיך אַזאַ וואַרעמע, היי־מישע לופט. דער שוואַרצער געבלימלטער טעפּיך אויף דער וואַנט איבערן בעטל און די צוויגלעך פון די ביימלעך, וואָס קלאַפּן אין פאַרהענגל איבערן אָפענעם פענצטערל, דאָס אַלץ דערמאָנט אים תמיד אָן זיין היימיש, דאָר־פיש שטיבל. אין אַזאַ שטיבל האָט ער געהאַט זיין פּריוואַט־ביבליאָטעק און דאָרפישע מיידלעך פלעגן קומען צו אים לייען ביכער.

איצט האָט ער גרויסע סאַלאָנען מיט טייערע, געשניצטע מעבל, אַ ווייב מיט קינדערלעך, אָבער אין האַרצן איז פאַראַן אַ פוסטקייט. יהודית וואָלט די דאָזיקע פוסטקייט יאָ געקאָנט אויספילן; ער האָט זי געקענט פון קינד־וויז אָן, זיי האָבן אַ סך מאָל שפּאַצירט צוזאַמען, דאָרטן, אויף די לאָנקעס הינטערן ווייסן הויז, און אויך דערפאַר, וואָס זי האָט אין זיך באַהאַלטן די היימישקייט. זי איז נישט געוואָרן קיין גרויסשטאָטישע דאַמע.

ער האָט אַ זיפץ־געטון און ווייטער געטראַכט:

אייגנטלעך איז זי נאַריש און אַ גרויסע פאַנאַטיקערן אין אירע אי־בערצייגונגען, האָט דער פאַרדרוס אַ ציפּ־געטון זיין באַליידיקטע אייגנ־

ליבע — זי וויל דווקא אַ ליבע ווי די פון ראָמעאָ און זשוליעטאַ... דאָס דאָקטערל. ער האָט איר שוין געוויזן, וואָס עס הייסט „הייליקע" ליבע... נאַטאַלקעלע לעבט אַ גוטן טאָג און זי פוילט דאָ אינעם גרוב און וואַרט, אַז ער זאָל קומען צוריק. זי איז אַ דערוואַקסענער מענטש מיט אַ האַרץ פון אַ יונג מיידעלע. דאָס איז לעכערלעך. ווען זי איז אַ מער דאַנקבאַרער מענטש וואָלט זי אים, איר געוועזענעם לערער, געמעגט אויפנעמען אַביסל פריינטלעכער. ער האָט זי דאָך פון דער גאַס אויפגעהויבן!

זיך פילנדיק מער פון אַלע באַרעכטיקט צו גיין צו יהודיתן, איז ער איילנדיק אַריבערגעלאָפן דעם וועג אין גאָרטן אַריין. די רויזן האָבן גע־שאַרכט און זיך שטאַרק באַוועגט. שמעקנדיקע ריחות האָבן אים געקיצלט אין דער נאָז. ער האָט זיך אָנגענומען מיט מוט, אַ צענעם־געטון דעם פּאָר־האַנג און אויסגערופן עטלעכע מאָל:

— אידיס! אידיסל! אידיסל!

שטומקייט איז אים פון דאָרט אַנטקעגנגעקומען און שמעקנדיקע ריחות. ער איז אַריין אינעווייניק אין צימערל, האָט אויפגעדרייט דאָס עלעקטרישע ליכט און זיך אַרומגעקוקט. איר אַרבעטס־כאַלאַט איז גע־האַנגען הינטערן טירל און די שטעקשיך זענען געשטאַנען ביי דער שוועל. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז יהודית איז אַוועק אָפּטראָגן אַרבעט. ער האָט ווידער אויסגעלאָשן דאָס ליכט און איילנדיק צוריק אַרויסגעלאָפן צום אויטאָמאָביל, פאַרדראָסיק אויפגעפּראַלט דאָס טירל, זיך אַוועקגעזעצט, אַ נעם געטון דאָס ראָד אין די הענט און דער אויטאָמאָביל האָט זיך רווישלאָז אַ טראָג־געטון צום ראָג פון געסל.

גומערסינדאָ, וואָס איז געשטאַנען פון יענער זייט טויער און אַרויס־געקוקט דורכן שליסל־לאָך, האָט שטיל אין זיך אַריינגעלאַכט און דאָס גאַנצע לייב און לעבן זיינס האָט מיטגעלאַכט. געזען דעם באַלעבעסלס דורכפאַל, האָט עס אין אים אויפגעזונגען מיט זיינע בחורישע נצחונות. ער האָט אויפגעמאַכט דאָס טירל און איז אַריבערגעלאָפן צו מאַרטאַן. אַריינגעשטעלט דאָס פּנים אין אָפענעם פענצטער און זיך אָנגערופן:

— אַ גוטן אָוונט דיר, זיס הערצעלע מיינס!

זי איז געזעסן לעבן בעטל און האָט אונטערגעברומט אַ ניגון פון אַ וויגליד. קוקי האָט לייכט געשנאָרכט. מידקייט האָט גערוט אַרום אירע גע־שלאָסענע אויגן. מאַרטאַ האָט צו אים אויסגעדרייט דאָס פּנים און שטיל צווישן די ליפּן געזייעט:

— פאַרוואָס זענט איר אַזאַ שלעכט־דערצויגענער? זעט איר דען נישט, אַז די קליינע שלאָפט? ששש! — און אים מיטן פינגער געוואָרנט.

— גייט, גייט, ששש...

— איז דאָך טאַקע ווידער גוט!... — האָט איר גומערסינדאָ איבער־געשלאָגן די רייד. — דער דרויסן איז אַ קאַלטער און מיר גייט אויס דאָס הערצעלע פון בענקשאַפט נאָך דיר.

— און איך וויל, אַז איר זאָלט זיך שוין אָפּטראָגן פון דאַנען!

ער האָט אָבער אַרויסגעפילט ווייכקייט פון איר שטים. האָט דאָס אין אים נאָך מער צעצונדן די עקשנות.

— צי ווייסטו כאָטש, וווהין דיין מאַנדעלע איז היינט באַטאָג געגאַנ־גען?... דו דינסט צו אים ווי אַן אומווירדיקער קנעכט צו זיין ביטערן באַלעבאָס און ער ליגט איצט אין די אָרעמס פון זיין ווייך „גענדזעלע"...

— ס'איז נישט אמת!... אַוועק פון דאַנען, ליגנער!

— שטעל אַוועק אין איין רייע מיך און דיין געזעצלעכן מאַן — האָט גומערסינדאָ אַ לאַך־געטון — איז וועלן מיר זען, ווער פון אונדז ביידע ס'וועט זיך כאַפּן צו דיר... איך האָב געזען, אַז ער איז געוואָרן אײַפערזיכטיק — האָט ער שטיל צוגעגעבן, — אָבער ווען דו וועסט זיין ביי דיר אין דער היים און איך וועל דיך מער נישט זען, וועסטו זיין ביי אים דיזעלבע שטוב־חיה ווי ביז איצט...

זיינע רייד האָבן זי באַליידיקט, כאָטש זי האָט נישט געצווייפלט אין זיי. אָבער זי האָט נישט נאָכגעגעבן.

— פאַרגעסט איך פון דאַנען! הפקר־יונג! — האָט מאַרטאַ געדראָט מיט אַ פויסט.

— גוט — האָט גומערסינדאָ געענטפערט נאָכגיביק — איך האָב דיך ליב און איך וועל דיר נאָכגעבן אַלץ, וואָס דו ווילסט! אָבער געדענק, זיס הערצעלע מיינס, אַז דו וועסט מיך אַריינטרייבן אין די אָרעמס פון אַן אַנדערער... איך בין אַ מאַן! שוין מער ווי אַ חודש, אַז דאָס בלוט מיינס ברענט און שרייט נאָך דיר!

ער האָט זיך אויסגעדרייט און איז צוריקגעלאָפן. פאַרשלאָסן דאָס טירל, איז ער אַריין אין זיין צימערל, געמאַכט ליכטיק, אָנגעצונדן דעם פרימוס און זיך צוגעגרייט אַ מאַטע.

דאַן האָט ער געזיפּט איין מאַטע נאָך דער אַנדערער און אַ מאָדנע אומרו האָט זיך געטוקט אין זיינע גרויסע, קיילעכדיקע אויגן. ער האָט אונטערגעסווישטשעט אַ ניגונדל פון אַ טאַנגאָ און אַלעמאָל איבערגע־חזרט:

מאָדנע באַשעפענישן זענען זיי, די ווייבער, פאַרטרייבן פון זיך דעם זכר, וועמען זיי ווילן, און קריכן אין די אָרעמס פון זכר, וועלכן זיי האַסן! ווי מאָדנע.

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן, האָט אַראָפּגענומען די אַלטע גיטאַרע פון

דער ייִאַנט, זיך אַראָפּגעלאָזט אויף זיין אייזערן בעטל און די פינגער האָבן אַ פּאָר־געטון איבער די סטרונעס פון אינסטרומענט. שפּילנדיק האָט ער אונטערגעברומט דאָס לידל, וואָס ער האָט פאַרפּאַסט פאַר מאַרטאָס־וועגן. די קלאַנגען האָבן זיך צעטראָגן העט־ווייט איבערן געסל און זענען אַריינגעקראָכן אין מאַרטאָס צימער און אין איר נשמה און האָבן דאָרט געברענט און געקניפּן, פּונקט ווי עס האָבן דאָרט געברענט זיינע ווערטער: „דיין מאַן איז איצט אין די אָרעמס פון זיין ווייך גענדזעלע".

ער האָט ווידער געשפּילט און ווידער געזונגען. זיין שטיבעלע איז פול געוואָרן מיט פרייד און מיט דערוואַרטונג. די בילדער פון אַלע ארגענטינער פוטבאָליסטן האָבן מיטגעלאַכט און האָבן אים געטרייסט: נישט געזאָרגט, ברידערל! ס'האַרץ פון אַ פאַרליבטער פרוי איז ווי אַ שוואָם. ווען דאָס הערצעלע וועט פול ווערן מיט די געפילן צו דעם געליבטן, וועט זיך עס אַליין עפענען און דיך אויפנעמען".

— זי וועט קומען! — האָט ער צו זיך געזונגען, — זי וועט קומען! נאָר אַביסעלע אויסדויער און זי וועט קומען. אָבער צופיל צו וואַרטן — האָט ער אָפּגעזיפצט — בין איך צו־ערנסט, צו־ערנסט צו איר און דאָס איז אַלץ. אַ „זי" אָבער דאַרף מען אַ נעם־טון אַזוי פשוט ווי מען נעמט אַ שקאַפּקעלע צום שפּאַן... צו מאַרטיטאַן האָב איך אָפּשיי. זי איז אַן ערנסטע. איך בין ביי איר דער ערשטער און דאָס איז אַלץ! אָבער, אויך איך בין ערנסט! איך וויל זי אַריינגעמען אין מיין שטיבל איז דאָס נאָך ווינציק!

מיד געוואָרן פון טראַכטן, האָט ער אַ וואָרף־געטון די גיטאַרע אויפן טישל, זיך אויסגעצויגן מיט ביידע הענט אונטערן קאָפּ און אַריינגעזונגען אין אָפענעם פענצטערל. ער האָט געפּרוווט דרימלען און נישט געקאָנט. אין דעם האָט זיך צערעוועט די טויער־קנאַפּקע. ער איז אויפגעשפּרונגען און געלאָפן צום טויער.

— ווער איז דאָרט? — האָט ער געפרעגט און דער כעס אין אים האָט געברענט.

די קנאָפּקע האָט ווידער גערעוועט און נאָך שטאַרקער גערופן.

— ווער איז? — האָט גומערסינדאָ שוין בייז גערופן — איר האָט זיך דאָרט די צונג אָפּגעביסן? קאַראַמבאַ!

— עפן שויך, דאָס בין איך, מאַרטאַ...

ער האָט גיך אויפגעשלאָסן דאָס קליינע טירל און זי אַריינגעכאַפּט אין די אָרעמס...

זי איז געווען פאַרשלייערט אין איר שוואַרצן וואָלענעם שאַל. ס'האָט פון איר אַרויסגערעדט:

— לאָז אָפּ, דו דערשטיקסט מיך!...

ער האָט זי אָפּגעלאָזט, פֿאַרשלאָסן דאָס טירל און זי ווידער אַ כאַפּ־געטון אין זיינע מעכטיקע הענט. ער האָט זי אויפגעהויבן אין דער לופטן ווי מען הייבט אויף אַ ליאַלקע, זי אַריינגעטאַקעט אין זיין בחוריש צימערל און זי געטריי אַוועקגעלייגט אויף זיין שמאָל, אייזערן בעטל...

קאַפּיטל פערצן

שפּעטער איז יהודית געקומען פֿון דאָקטער. זי האָט געמאַכט ליכטיק אין גאָרטן און אַרויסגענומען פֿון בריוו־קעסטל אַ בריוו מיט אַ צייטונג. זי איז צוגעגאַנגען צו דער טיר פֿון מאַרטאַס צימער און אַ פּאַטש־געטון מיט די הענט איינמאָל און נאָכאַמאָל און נישט באַקומען קיין ענטפֿער. האָט זי צוגעלייגט אַן אויער צום צעוויעטן פֿאָרהאַנג. אַ טויטע שטילקייט איז איר פֿון צימער אַנטקעגנגעקומען, אינאיינעם מיט קוקיס שטיל און שוואָרכן שנאָרכן. יהודית האָט אַ קוק געטון אויפֿן האַנטזייגערל: ס'איז געווען פּונקט ניין מיט פֿינף. כדי נישט צו שטערן דעם שלאָף פֿון די שכנים, האָט זי זיך אויסגעדרייט און איז אויף די שפּיצן פֿון די פֿינגער אַוועק צו איר צימערל, גיך אויפגעשלאָסן דאָס טירל און געמאַכט ליכטיק. דאַן האָט זי אויסגעטון דעם ברוינעם זומערדיקן מאַנטל מיטן ברוינעם היטעלע פֿון קאָפּ. ביים שפּיגל פֿון קליידער־שאַפֿקעלע האָט זי זיך באַקוקט פֿון אויבן ביז אונטן. זי איז געווען שמאָל ווי אַ קינד, נאָר די אויגן האָבן געשיינט מיט טויזנט קאָלירן. אַ גרויסע פֿרייד האָט זיך פֿון זיי געריסן. די ווערטער פֿון דאָקטער האָבן איר געקלונגען אין די אויערן ווי צאַרטע מוזיק: „יאָ, כודית, דו האָסט דאָס רעכט צו ברענגען אַ קינד אויף דער וועלט! אָבער געדענק, דו האָסט אַ שוואַך האַרץ און וועסט די גאַנצע צייט פֿון שוואַנגערן דאַרפֿן זיין אונטער מיין אויפֿזיכט".

אַ גרענעצלאָזע ליבשאַפֿט צום לעבן און צו די מענטשן האָט זיך אין איר צעפֿלאַקערט; זי האָט פֿאַרגעסן אַן איר באַשלוס צו האַלטן זיך ווייט פֿון מאַרטאַס שטוב, אויס פֿאַרזיכטיקייט, נישט צו ווערן אַריינגעשלעפּט אויף מאַרטאַס פֿאַרפּלאָנטערטע וועגן. אויך קעשינס בריוו, אין וועלכן ס'איז מסתמא פֿאַראַן אַ נייע דערקלערונג אין ליבע, האָט איר מער נישט געוועקט קיין כעס. אירע אברים האָבן אָנגעהויבן זינגען מיט דער גוטקייט פֿון אַ פֿרוי, וואָס דאַרף אויסצייטיקן אין זיך די פֿרוכט פֿון דער ליבע צו אַ מאַן, וועמען זי פֿאַרגעטערט. יהודית האָט געהאַט דאָס געפֿיל, אַז איר ביז־איצטיק לעבן איז געווען נישט מער ווי אַ גרויסער טעות. ערשט די

באַקאַנטשאַפט מיט גינערן האָט אַנטפּלעקט אין איר די אַלטע פרייד, דעם הייסן באַגער צו לעבן און עמעצן גליקלעך צו מאַכן.

זי האָט זיך אַוועקגעזעצט ביים טישל, אויפגעריסן דעם קאָנווערט און אָנגעהויבן לייענען דעם בריוו:

„יהודיתל, מאַמע מיינע, דיין פאַרוואָרן מיינע זעלטענע וויזיטן ביי דיר האָט מיך צעבראָכן. אָבער איך וועל מיך צווינגען צו זיין שטאַרק און אויספירן דיין אומרחמנותדיקן באַפעל. איך בין ווידער געווען אין שטאָט און מיך עטלעכע מאָל אַרומגעדרייט אַרום דיין שטוב, אָבער גאָט צו דאַנקען, איך בין קוים מיט צרות בייגעשטאַנען דעם נסיון. אָבער מיין האַרץ איז איצט געוואָרן ווי אַן אויסגעליידיקט קעסטל, פון וועלכן דו האָסט אַרויסגענומען דאָס לעצטע ביסל אָפּשפּאָרעכץ. איך הער נישט אויף איבערצוחזרן דיין נאָמען. אפשר איז דאָס דערפאַר, וואָס מיין באבע, דיר צו לענגערע יאָרן, האָט מען אויך גערופן יהודית און אויך דער כשרער נאָמען פון מיין איינציקער שוועסטער, וועמען די ליטווישע רוצחים האָבן אומגעבראַכט, איז געווען יהודית.

„איז פאַרוואָס, יהודיתל, מאַמע, איז דאָס לעבן אַזוי גרויזאַם און פול מיט חוזק? פאַרוואָס דרייען מיר זיך אַרום ווי פאַרשלאָסענע פייער־קאַסעס מיט פרעמד האָב און גוטס? איך ווייס אַז דו ווילסט מיך ליב האָבן כאָטש אַ קליין ביסעלע, דערפאַר קען איך נישט זיין בייז אויף דיר! איך וועל אָבער, פּונקט ווי ביז איצט, וואַרטן אויף דיין רוף! וואָס מיט דיר זאָל חלילה טרעפן, ווייס, אַז איך, דיין איינציקער פריינט, וועל זיין גליקלעך, אויב דו וועסט מיר דערלויבן טון עפּעס פאַר דיר.

„אויב דיר איז נישט שווער, זיי אַ גוטינקע און שרייב מיר כאָטש אַ פּאָר ווערטער. אויף אייביק: דיין קעשין".

זי האָט אַוועקגעלייגט דעם בריוו און זיך פאַרטראַכט. איר איז שווער געווען צו פאַרשטיין קעשינס אויסדויער און זיין גוטסקייט. אַ געפיל פון רחמנות צו אים האָט פאַרפלייצט איר האַרץ און זי אָנגעפילט מיט מורא, אַז ער געפינט זיך ערגעץ נאָענט לעבן איר און ער וועט פלוצים אַריינ־שטעלן זיך אין צימער און ווידער צו איר צושטיין מיט זיינע חתונה־פאַרשלאָגן און פאַרשטערן איר פרייד.

דער דאָזיקער געדאַנק האָט זי אויפגעהויבן פון אָרט. זי האָט אַרויס־גענומען פון טישקעסטל אַ שליסל און איז אַרויסגעגאַנגען פאַרשליסן דאָס טירל. דער רעגן, ווי בייטשלעך קאַלטע שטראָמען, האָט איר געשמיסן אין פּנים. די רויזן־קעפּ האָבן זיך שטאַרק באַוועגט און געציטערט. זי האָט אַרויסגעקוקט אויף דער גאַס. אַלץ האָט אויסגעזען טריב, ווי די וועלט

וואָלט געווען איינגעטונקען אין אייביקער נאַכט. פון אַנטקעגנדיקן ראָג האָט זיך אַ טראָג־געטון אַ שלאַנקער סילועט און געפּאָכעט צו איר מיט ביידע הענט. זי האָט גיך פאַרשלאָסן דאָס טירל, זיך אויסגעדרייט און אַנטלאָפן צוריק אין איר צימער.

— כודיט, כודיט! — האָט זי דערהערט גינערס שטים — אַנטלויפט נישט!

זי איז צוריקגעלאָפן, אויפגעשלאָסן און ער איז אַריין אין גאָרטן. זי אַרומגענומען, האָט ער זי אַריינגעפירט אין שטיבל. ער האָט פון זיך אַראָפּגעוואָרפן דאָס נאַסע רעקל און זיך היימיש און באַקוועם אויסגעצויגן אויפן שוואַרצן, געבלימטן טעפּיך אויפן דיל לעבן בעטל, אַרונטערגעלייגט די הענט אונטערן קאָפּ און געקוקט אויף איר מיט אַ מילדן, האַלב־פאַר־זשמורעטן בליק.

זי איז געשטאַנען ביים שוועל און געקוקט אויף אים מיט זוניקער פרייד, אַ געמישטע מיט אומגלויבן. אַרום זיי האָט געשמעקט מיט שבועות־דיקער גרינקייט פון די פלאַנצן און בלומען מיט ווייסע קנאָספּן אין די בלומען־טעפּ אין די ווינקלען פון שטיבל; די שטיקער צוויט און דער ראַזעווער בעז האָבן געווירקט מנוחהדיק. יהודיתס אויפגערוימט שווייגן האָט אַרומגענומען גינערן. אַלץ אַרום האָט אים דערציילט, אַז ער איז דער איינציקער נפש, אַרום וועלכן יהודית האָט אויפגעשטעלט אַ גאַנצע פּיראַמידע מיט חלומות און שיינקייטן, נאָך וועלכע זי האָט געשטרעבט.

ער האָט זיך אויפגעזעצט און זי אַראָפּגעצויגן צו זיך, צוגעדריקט זיינע באַקן צו איר פּנים און מיט פאַרמאַכטע אויגן אַריינגעזאַפּט אין זיך דעם שמעקנדיקן ריח פון אירע צעפּ און פון איר רייַן, אָפּגעהיטן לייב. זי האָט זיך נישט געווערט. אַלע אירע אברים האָבן זיך צעפּראַלט פאַר אים און אים אויסגעזונגען דעם דאָקטערס ווערטער: דו האָסט אַ רעכט צו ברענגען אַ קינד אויף דער וועלט.

גינער האָט באַמערקט דעם זינעם שיין פון פרייד אַרום די קאַרבן פון איר מויל. אויך פון זיין פּנים האָט דער שיין אַרויסגעשטראַלט און אַ פרייד, וועלכע האָט אין אים באַטויבט די אייגענע פאַמיליע־זאָרגן. ער האָט געטראַכט: אַ געזונטע נשמה איז פול מיט פרייד, אַ געזונטע נשמה ווערט זיך קעגן ליידן און לאָזט זיך נישט אַריינקוועטשן אין אַ שפּיץ פון אַ שוך... ער, גינער, איז ווי אַ געפּענטעטער נאַכטיגאַל, אָבער ער וועט זיך באַפרייען פון שטייגל און אַרומפלאַטערן מיט די פליגל פון לעבן, פלאַטערן פריי און אומגעשטערט. יהודית וועט אים העלפן אין זיין פרייד.

ער האָט ווידער געזען דאָס בילד פון איר. און ווען ער האָט זי פּלוצים דערזען אַזאַ פאַרטועגע אין אירע געדאַנקען, האָט ער זי אַ פרעג געטון:

— פון וואָס טראַכסטו, כודיט?

— וועגן דיר און פון דעם, וואָס וועט קומען נאָך אונדז.

ער האָט ברייטער צעעפנט די אויגן און זי אָנגעקוקט מיט אַ זייטיקן, פאַרשנדיקן בליק. ער האָט זיך אָפּגעגעבן רעכענונג, פאַרוואָס זי האָט אים אַמאָל געפרעגט, צי ער איז אַ געזונטער מאַן. עפּעס אין אים האָט זיך צעבונטעוועט.

— כודיט, — האָט ער זיך אָנגערופן, — איך האָב מיר מיינע פליכטן און איך נעם מיר מיינע רעכטן צו געניסן פון לעבן. אָבער קיין קייטן אויפן האַלדז — ניט...

ער האָט געזען, אַז די קאַרבן אַרום איר מויל זענען געוואָרן טיפער און די בלויע פונקען אין די אויגן גרויער און אומעטיקער. זי האָט מיט די שפּיצן פון די פינגער לייכט געשויבערט די האָר פון זיין קאָפּ און אַריינגערעדט אין זיך:

— ביסט גליקלעך? זאָג מיר דעם אמת, וואָס האָט דיך אַהערגע־בראַכט? האָסט דיר מסתמא פאַרגעשטעלט, אַז איך בין נישט אַזאַ ווי איך בין אין דער אמתן!...

זי איז אַנטשוויגן געוואָרן און געהאַלטן אויף אים אירע מאָנענדיקע בליקן, אָנגענעמע, מיט גרענעצלאָזער פאַרערונג און מיט שטילן אומעט.

דער דאָזיקער בליק האָט גיבערן דערשראָקן און ער האָט אַ זאָג געטון:

— מיין גליק איז דאָס שאַפן, מיין פּאַרטיפן זיך אַלעמאָל אין אַ נייער אַרבעט און זי אַרויסרייסן פון מיר. און דאָס פאַמיליע־לעבן — האָט ער אומגערן צוגעגעבן און אויסגעמיטן אירע נייגעריקע בליקן — דאָס פאַ־מיליע־לעבן איז אַ חוב, וועלכן איך מוז צאָלן פאַר מיין איבערגעאיילט־קייט, פאַרן לאָזן אַרויפלייגן אויף מיר די קייטן... אַ קינסטלער — האָט ער זייער שטיל און אומעטיק פאַרגעזעצט — געהערט צו זיין אַרבעט. ער טאָר נישט צו־יונג חתונה האָבן און האָט ער שוין יאָ חתונה, דאַן מוז ער שוין נעמען אַזאַ ווייב, וואָס זאָל פאַרשטיין זיך צו וואַרעמען אונטער די שטראַלן פון זיין טאַלאַנט.

יהודית האָט אַ טראַכט־געטון: האָט זי דען נישט אָוועקגעגעבן נאַ־טאַליאַן איר געזונט און איר נשמה? האָט זי נישט אויפגעהערט צו לערנען צוליב אים? איז וואָס פאַר אַ נייעס האָט איר דאָ גיבער דערציילט? אַזוי פאַרטראַכטערהייט האָט זי אים געפרעגט:

— האָסט ליב דיין ווייב?...

פאַרווונדערונג און לייכטער חוזק האָבן אויפגעטויכט אין זיינע אויגן. ער האָט שמייכלענדיק געענטפערט:

— ליבע איז נישט מער ווי עמאָציע און שטענדיקע באַנייונג. ליבע

איז פרייד, פאַנטאַזיע און דער עיקר: אַ קוואַל פון שעפערישן כּוח. דאָס פאַמיליע־לעבן, דאַקעגן, ווען עס איז מאַטעריעל פאַרזאָרגט, באַדייט רו, באַקוועמלעכקייטן און דער עיקר — שרעקלעכע לאַנגווייליקייט, בררר.

די קאַרבן אַרום איר מויל זענען געוואָרן טיפער, ס׳האָט פון איר אַרויסגערעדט:

— און איך מיין, אַז דאָס העכסטע גליק איז די גאַנצקייט פון דער נשמה און אַ ריין געוויסן...

— ביסט נאַיִוו — האָט ער אַ מאַך־געטון מיט דער האַנט — ניינציק פּראָצענט פון אַלע חתונות זענען אַ בוכשטעבלעכער דורכפאַל. דאָס גרעסטע גליק פון דער מענטשהייט וואָלט געווען פרייע ליבע.

אין יהודיתן האָט עס אַ ציטער־געטון. אירע אויגן האָבן זיך צע־פינקלט און זיך אָנגעצונדן אין אַלערליי קאָלירן. אַ ביטער שמייכעלע האָט זיך אויסגעלייגט אויף אירע ליפּן.

— אַ פרייהייט, וואָס ווערט געפירט פון אַ ריין געוויסן, איז ווערט די קרבנות, וואָס מען ברענגט פאַר איר. אַזאַ פרייהייט איז די שטאַרקסטע שטרעבונג פון אַלע ערלעכע מענטשן. צום גרויסן באַדויערן ווערט דאָס דאַזיקע הייליקע געפיל פאַרשוועכט און אויסגענוצט פון אַ סך מענטשן מיט טונקעלע כּוונות.

ער האָט אַרויסגעפילט דעם ערנסט פון איר טאָן און דעם טרויער. אויך ער איז געוואָרן ערנסט. און כּדי צו פאַרווישן דעם שלעכטן איינ־דרוק פון זיינע רייד, האָט ער שטיל צוגעגעבן:

— אָ, איך קען זייער גוט אונטערשיידן די געפילן פון פרייהייט און פון הפקרות... איך פאַרזענלעך האָב נאָך ביי קיינעם גאָרנישט צוגענומען. מיין גוף און מיין נשמה געהערן מיר!...

אַ געפיל פון אייפערזוכט האָט זיך אין איר צעצונדן; זי וועט אים קיינמאָל נישט אַנטפּלעקן איר פרייד און די גרויסע פאַרענדערונג, וואָס ער האָט אַריינגעבראַכט אין איר לעבן, — האָט זי געטראַכט און געשוויגן.

— איך בין נאָך יונג — האָט זיך גינער ווידער אָנגערופן — און איך מוז האָבן עמאָציעס. איך מוז ליבן שיין און פאַרשיכּורט!

— איז פאַראַן שיינקייט אין אַ לעבן פון באַטרוג? איך פאַרשטיי דיך נישט, גינער.

ער האָט זיך צעשמייכלט. אויך יהודית האָט ביטער געלאַכט. ס׳האָט פון איר אַרויסגערעדט:

— זאָג דעם אמת, גינער, וויפל מאָל האָסטו שוין אָפּגענאַרט דיין ווייב? שווייגסט, האָסט מסתמא שוין פאַרגעסן דעם חשבון!...

זיין מענערישע אייגנליבע האָט זיך צעבונטעוועט. ביי אים איז אויס־

געקומען, אַז יהודית האָט אים געוואָלט נעמען אויפן פאַרהער. האָט ער צוזאַמענגעצויגן די ברעמען און איר ערנסט געענטפערט אין אַזאַ טאָן, וועלכער האָט איר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז מיט זיינע רייד פאַרענדיקט זיך זייער שמועס.

— איך ווייס, אַז מיין פרוי איז גליקלעך. זי האָט תמיד גענאָסן און וועט אויך ווייטער גניסן פון לעבן.

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן, האָט אָנגענומען אירע הענט, זיי צוגע־טראָגן צו זיינע ליפּן און געקושט אירע פינגער אַזוי געטריי און מיט אַזאַ פייער ווי זי וואָלט גאָר געווען זיין יוגנט־ליבע. אַ דינער ציטער האָט זיך דורכגעטראָגן איבער איר קערפּער. זי האָט געהאַלטן אויף אים אירע פאַרשנדיקע בליקן און דערביי געטראַכט: גינער איז אַן איינגעאיבטער אין ליבע־לעבן; זיין לייכטקייט און די אָפּנאַרעריי ווייזט שוין אויס צו זיין ביי אים אַ געוווינהייט. זי ווידער וואָלט לאַנג נישט געקענט אָפּנאַרן, נישט קיין געזעצלעכן מאַן און נישט קיין געליבטן. ביי איר איז קיין חילוק נישט, צי דער רב, צי דער ריכטער שרייבט אונטער דעם חתונה־קאָנטראַקט אָדער סימבאָליש זאָל איר אייגן געוויסן אונטערשרייבן דעם קאָנטראַקט. ווען זי זאָל דאַרפן פירן אַ צווייענדיק לעבן, וואָלט זי אַוודאי געוואָרן אויס מענטש; איר נשמה וואָלט געוואָרן שוואַרץ, פאַרויכערט, ווי אַ שטיק האָ־לעוועשקע.

זי האָט זיך אַרומגעקוקט אין אַלע ווינקלען, ווי זי וואָלט עפּעס גע־זוכט און פּלוצים איז איר נאַטאַליאַ געקומען אויפן זינען און זייער קאָנט־שאַפט אין די זומערדיקע נעכט. צווישן זיי איז געווען געשלאָסן אַ הייליקער בונד. זיי האָבן געלעבט אין אַ ווונדערלעכן חלום. זי האָט קיינמאָל נישט געטראַכט, אַז נאַטאַליאַ איז נישט געווען איר געזעצלעכער מאַן. זי איז שטענדיק גרייט געווען צו שטאַרבן, אַבי אים צו זען אַ גליקלעכן. און אפשר איז נאַטאַליאַ נישט געווען דערוואַקסן צו אַזאַ לעבן?

האָט זי ווידער אַראָפּגענידערט צו זייער פאַרגאַנגענהייט: מעגלעך, אַז נאָר געציילטע נשמות זענען ווערט, אַז מען זאָל זיי זיך אָנפאַרטרויען און ביי זיי נישט מאָנען קיין חתונה־קאָנטראַקט... געוויס האָט נאַטאַליאַ נישט פאַרשטאַנען איר צוטרוי און אויך נישט דעם ליכטיקן אויסטייטש פון דער אַזויגערופענער פרייהייט...

אָבער נאַטאַליאַ האָט זי נישט אָפּגענאַרט. ער האָט זיך שפּעטער פאַר־ליבט אין אַ צווייטער, אין אַ שיינער. איז ער אַוועק. און וואָס זוכט ביי איר גינער? זי, דאָס ווייסט יהודית, איז נישט קיין אויסערגעוויינלעכע שיינע און רייצנדיקע פרוי. אָבער ער איז אַ קינסטלער — האָט זי אין געדאַנק זיך אַליין אָפּגעענטפערט — ער זוכט אַ לעב צו־טון. ער האָט נישט קיין

הייליק געפיל צו אַ פרוי, נישט צו זיינער און נאָך ווינציקער צו אַן „אויס־געבאָרגטער"... פאַרשעמונג האָט זיך געריסן פון אירע בליקן אַ חרטה. זי האָט פאַוואָלינקע אַרויסגעצויגן אירע הענט פון זיינע, זיך אופגעהויבן און אַנידערגעשטעלט מיטן פנים צום פענצטערל. אויפהייבנדיק די בליקן צום הימל. שוואַרץ־גרויע כמאַרעס האָבן זיך געיאָגט איינע נאָך דער אַנדערער און דער קאַלטער ווינט האָט בייז געריסן דאָס לאָדנד פון פענצ־טער. זי האָט זיך געכאַפּט, אַז זי האָט פאַרגעסן אויסצוציען די בריזענ־טענעם דאַך איבער די בלומען און אויב זי וועט וואַרטן לענגע וועט עס אָנהייבן מבלען און זי וועט נישט האָבן קיין בלומען־גאָרטן.

האָט זי זיך אויסגעדרייט און זיך געלאָזט צום טירל. גינע איז אויפ־געשפּרונגען, איר פאַרשטעלט דעם וועג און אַרויפגעלייגט די קאָפּ אויף איר אַקסל. ער האָט זי אָפּגעבריט מיט זיין הייסן קערפּער און עקוקט אויף איר מיט באַגער.

— כודיט, וווהין גייסטו? זאָג מיר, האָסט מיך פיינט אָדער האָסטו הנאה פון זעלבסט־פּייניקונג? ווען, וויל איך וויסן, ביסטו פעס שולדיק?

— מיר אַליין בין איך שולדיק — האָט זי זיך אַ וויי וויי פאַרלוירן און צוגעטוליעט אירע באַקן צו זיינע. — אפשר, גינער, מעג טאַקע זיין אַזוי ווי דו ביסט, אָבער איך קען דאָס נישט. אַזאַ גרי ווירקלעכקייט וועט מיך אינגאַנצן צעטרעטן.

זי איז אַנטשוויגן געוואָרן, זיך אויסגעגלייכט א איז אַרויס פון שטיבל. אַ מאָדנע הפקרות צו איר אייגן בינטל ביינער אָט זיך צעוויל־דעוועט אין איר, אַ פיינטשאַפט צו זיך אַליין און צוגעבן. אָבער טיף, טיף אין איר נשמה האָבן ווייטער געזונגען דעם דאָגרס ווערטער און זיי האָבן איר צוגעגעבן מאַמישע חשיבות: „כודיט, די פינסט זיך אין די בעסטע קאָנדיציעס צו געבוירן אַ קינד!" יאָ, אַ קינד האָט יהודית דער־פילט איר אייגענעם ווילן, נעם אים, דעם גינערן, איך ביידע וועט אַרויס אַ וווּנדערבאַרער אוצר! נעם אים אַזוי פשוט אַן קונצן, אַזוי ווי ער וויל דיך נעמען... און שפּעטער שיק אים ווידאָפּ צו זיין ווייב... זאָל זי זיך האַלטן מיט אים. זאָל ער איר אַרויסילן „הערנער" און זי גליקלעך מאַכן מיט זיין שאַפן...

זי איז געשטאַנען אונטערן רעגן און געטראַ נישט געפילט, אַז די קאַלטע וואַסער־בייטשן האָבן געהאַמערט איבער איר געבויגענעם קאָפּ און געריסן פון איר לייב דאָס דינע קליידל.

גינער איז צו איר אַרויסגעקומען. די קע וואַסער־בייטשן האָבן אים אַ זעץ־געטון אין פנים. דער ווינט האָט לאַפּט איבער אים, גע־ריסן דאָס נאַס־געוואָרענע העמד פון לייב. ית איז געלאָפן אין קיך,

געבראַכט אַ קליין לייטערל און עס צוגעשטעלט צום ווענטל, איז גיך אַרויפגעקלעטערט אויפן נידעריקן קיך־דעכל און צענומען אַן אַלטן, גראָבן ברעזענט וועלכער האָט זיך דאָרטן געטרוקנט. האַסטיק און ווי נישט מיט איר כוח ים אַ וואָרף־געטון איבער די גראָבע דראָטן, וועלכע זענען געווען אויסגעצויגן איבער די בלומען־בייטן. זי האָט אַ שפּיץ פון ברעזענט צוגעטשעפּעט צ אַ האַקן פון דער שכנותדיקער וואַנט און גיך אַראָפּגעקלעטערט צוריק. ערשט איצט האָט זי מיטן גאַנצן כוח אויסגעצויגן דעם ברעזענט איבער דער גאַנצער לענג פון די דראָטן.

גינעראיז געשטאַנען אונטערן רעגן און געשפּאַנט צוגעקוקט צו איר פלינקן און עשיקטן אויסשפּרייטן דעם דאַך. ער איז צוגעלאָפן און איר געהאָלפן צונדן די שפּיצן צו די האקנס ביי די ביימער. באַלד זענען זיי געשטאַנען געזיצט אונטערן דאַך. קליינע, איבערגעריסענע בליצלעך האָבן פון צייט צו יט צעשניטן די פינצטערניש פון דער נאַכט. דאָס דונערן האָט אָפּגעהילז ווי אין אַן אַקוסטישן רוים און געמאַכט ציטערן די ערד אונטער זייער פיס. יהודיתן האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס דונערן האָט אויפגעריסן די גאַנצע שטאָט און זי מיט גינערן זענען געבליבן פאַרשטעקט אין אַ ווינקל.

דער רעגן וואָס אַמאָל געוואָרן גזלנישער; געקלאַפּט מיט אַ מאָדנער פוריע, ווי זכמאַרעס וואָלטן זיך אָפּגערעכנט מיט דער נאַטור פאַר דעם, וואָס זיי האָבן אַזוי לאַנג געטראָגן דאָס וואַסער אין זייער אינגעוויד.

דער רעגן האָט געפּאטשט, געפּויקט, געריסן דעם ברעזענטענעם דאַך, אים אויפגעהויבן ז צאָרן און באַלד ווידער אַראָפּגעשליידערט. איבערן געסל האָט זיך געגאָסן אַ שטראָמיקער טייך, זיך צעגאָסן מיט אַ צעכוואַליעטער ברייטקייט מיטגעשלעפּט די בענקלעך, וואָס זענען געשטאַנען אויף די טראָטואַרן, ווינט אָפּגעריסענע לאָדנס, זעק קוילן פון נידעריקע קיכן און אַלערליי אַנדערע קיך־זאַכן. אַלץ האָט זיך געמישט און געדרייט אין שטראָמיקן וואַסער, וואָס האָט זיך פלינק אַוועקגעטראָגן אַלץ ווייטער און ווייטער.

יהודית האָט געזען פון צופרידנקייט, וואָס ס'איז איר געלונגען צו ראַטעווען אירע בלומען, שמאָלע, געלע וואַסער־ריטשקעלעך האָבן שטיל געריזלט ארום זיי און גיפן צווישן אונטערגעהויבענע ערד־בערגלעך, מיטטראָגנדיק יונגע, פרי־אַראָפּגעפאַלענע קנאָספּן.

זי האָט זיך אַראָפּגעזעצט אויפן גראָז און געטריי אויסגעגלייכט אַ שטענגל פון אַ בלום, וועלכן דאָס וואַסער האָט אַרויסגעשווענקט, און עס ווידער פאַרגראָבן אין דער־אויפן זעלבן אָרט. ווען זי האָט זיך ווידער

אויפגעהויבן האָט זי געזען גינערן אַ דורכגעווייקטן פון רעגן און אַ ציטערדיקן פון קעלט.

אין דעם האָט זיך מיט אַ געוואַלטיקן קנאַל צעקרישלט אַ דינער ווי אין טויזנט שטיק און איז געבליבן הענגען אין דער לופטן. און אין ליכט פון אַ בליץ האָט זי אַ בליק־געטון צו מאַרטאַס פענצטער. אין צימער איז געווען ליכטיק און איר האָט זיך געדאַכט, אַז זי הערט קוקין קוויטשען מיטן גאַנצן כוח. יאָ, זי הערט קוקין שרייען גלייך עס וואָלט געברענט. זי האָט געוואָלט לויפן צו מאַרטאַן, אָבער גינער האָט אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויף איר אַקסל און זיך אָנגערופן:

— וווהין ווילסטו לויפן!

— די קליינע געוואַלדעוועט — האָט זי דערשראָקן געענטפערט, — זי האָט געוויס מורא פאַר די דונערן!

— און ווו איז איר מאַמע, איר טאַטע? — האָט גינער געחוזקט. — דו זאָלסט קיינמאָל נישט פאַרטרעטן דאָס אָרט פון טאַטע־מאַמע! לויף נישט וווהין מען רופט דיך נישט!

טיף אין האַרצן איז יהודית צופרידן, וואָס גינער האָט זי אָפּגעהאַלטן. זי האָט זיך דערמאָנט אָן מאַרטאַס מאָנענדיקע בליקן פולע מיט וואָרענונג: „מיין טאָכטער האָט, גאָט צו דאַנקען, ווער עס זאָל פאַר איר זאָרגן״.

זי האָט אָנגענומען גינערן אונטערן אָרעם און אים צוריקגעפירט אין שטיבל; קוקיס קולות זענען זיי נאָכגעגאַנגען; יהודיתן האָט זיך געדאַכט, אַז די קולות האָבן זיך דערנענטערט. זיי זענען אויפגעכאַפּט געוואָרן פון ווינט, און ער האָט זיי צעריסן און אַוועקגעטראָגן ערגעץ וויט, וויט אינאיינעם מיטן שטראָמיקן טייך אויף דער גאַס. יהודית איז בלייך געוואָרן. זי איז געשטאַנען מיטן פנים צום פענצטערל און קיין מוט נישט געהאַט אַ וואָרט אַרויסצורעדן. זי איז געווען זיכער, אַז פילקע מיטן ווייב זענען אין שטוב מיט זייער טעכטערל און די קליינע מאַכט זיי איינע פון אירע היסטערישע סצענעס, און אפשר טאַקע צוליב דעם, וואָס דער קליינער האָט זיך פאַרגלוסט אין מיטן דער נאַכט גיין צו איר, צו כודיטן!

דאָס דונערן האָט זיך אַלץ געקרישעט און געבראָכן און צווישן דעם מוראדיקן געקלימפּער איז קוקיס געשריי געוואָרן אַלץ שטילער און שטילער. האָט זיך יהודית אויסגעדרייט מיטן פנים צו גינערן און זיך אָנגערופן:

— גיי, שטעל דיך הינטער דער שאַפּע אין ווינקל און טו אויס דאָס העמד מיט די הויזן, וועל איך זיי אויספּרעסן.

ער האָט איר צוגעוואָרפן אַ זיגערישן בליק און זי שטום געפאָלגט. יהודית האָט אַרויסגענומען פון דער שאַפּע אירן אַן אַלטן כאַלאַט און

אים צוגעוואָרפן גינערן. ער האָט אים אָנגעטאָן, פאַרצויגן דאָס שמאָלע גאַרטעלע אַרום זיין טאַליע און איז אַרויס פון ווינקל. מיט די הענט אויף זיינע שמאָלע היפטן זיך צעטאַנצט קעגן שפּיגל פון דער שאַפע, געמאַכט אַלערליי פיגורלעך, געמאַכט גרימאסן מיט פּנים און אַנדערע קונצן. גע־העפּעט ווי אַן אמתער חסיד.

יהודית האָט אַ לאַך געטון.

— ווי איך זע, גינער, האָסטו גרויסע פעיִקייטן צום טאַנצן. זאָג מיר, האָסטו קיינמאָל נישט געפּרוווט שפּילן טעאַטער?

ער האָט זיך אויסגעגלייכט אנטקעגן איר און געשמייכלט מיטן גאַנצן פּנים:

— וואָס הייסט איך האָב נישט געשפּילט? מיין גאַנץ לעבן, זינט איך געדענק זיך, האָב איך נישט אויפגעהערט צו שפּילן...

יהודית האָט אים אָנגעקוקט מיט דער טיפקייט פון אירע בליקן און באַנגיק געשמייכלט. זי האָט אַרויסגענומען פון דער שאַפע נאָך אַ גראָבן כאַלאַט און זיך פאַרשטעקט הינטערן שאַפקעלע. זי האָט אויסגעטאָן דאָס נאַסע קליידל מיטן אונטערקליידל און אָנגעטאָן דעם כאַלאַט. דאַן האָט זי אויסגעשפּרייט אויפן טישל אַ פּרעס־טוך און אָנגעהיצט דאָס עלעקטרישע פּרעסל. צוערשט האָט זי זיך גענומען אויסטרוקענען גינערס הויזן, געטריי אויסגעגלעט יעדעס נעטעלע באַזונדער און יעדעס קנייטשעלע און אַריינ־געלייגט אין זיי אַ געוואַלטיקע ליבשאַפט.

גינער האָט זיך אויפגעהערט צו דרייען און צו טאַנצן. ער איז צו איר צוגעגאַנגען און מיטן זוים פון נאַזטיכל אָפּגעווישט די טראָפּנדלעך וואַסער, וואָס זענען געריבען פון אירע האָר און האָבן אַראָפּגעקייקלט אין אויסשניט פון כאַלאַט. זיי האָבן זיך דערביי אָנגעקוקט. עפּעס נישט דער־זאָגטס האָט געשוועבט אויף זייערע פּנימער. אַרום זיי איז געווען זויבער און וואַרעם. דער ריח פון פרישן רעגן און בלומען האָט זיך אַריינגעטראָגן פון גאָרטן און אָפּגעפרישט זייערע געמיטער. גינער איז געוואָרן אומרויִק ווי אַ יונגער אָגער, וועלכער דערפילט דאָס וואַסער פון נאָענטן טייך און דעם אָטעם פון אַ יונגער שקאַפע. ער האָט זי אָפּגעמאָסטן מיט אַ זשעדנעם בליק. אַלץ אין אים איז געווען אויפגעברויזט. ער האָט זי צוגעצויגן צו זיך.

— כודיט — פאַרוואָס ביסטו ווידער אַזוי ערנסט? כודיט, פון וועמען האָסטו איצט געטראַכט? — רוגז און מאַנונג איז געווען אין זיין שטים.

זי האָט אָנגעשטעלט צו אים אַן ערנסטן בליק, פול מיט באַשטימונג, און אים רויִק געענטפערט:

— איך האָב געטראַכט פון דיר, פון מיר און — פון דעם וואָס וועט קומען נאָך אונדז...

גרויע וואָלקנדלעך האָבן זיך אָנגערוקט איבער זיינע ברעמען. ער האָט שטיל צוגעגעבן:

— איך האָב אַ ווייב און צוויי טעכטערלעך!...

— מיך אַרט דאָס נישט! איך וויל פון דיר גאָרנישט, — האָט זי אָנטשלאָסן געענטפערט. — איך וויל מיך מער נישט צובינדן צו קיינעם און צו דיר אויך נישט, פשוט דערפאַר, ווייל דו ביסט נישט מיין אידעאַל. אָבער דאָס קינד פון דיר וויל איך האָבן מיט דעם תנאי, אַז מיר זאָלן זיך קיינמאָל מער נישט זען...

זי איז אַנטשוויגן געוואָרן און געוואַרט אויף אַן ענטפער.

אַ שמייכל האָט זיך צעלייגט אַרום זיינע ליפּן און אַן אומפאַרשטענדלעכקייט. ביי אים איז אויסגעקומען, אַז יהודית וויל אים אַרייננאַרן אין אַ נעץ און ער וועט שפּעטער מוזן טראָגן די קאָנסעקווענצן און — צאָלן. זי מוז זיין אַ ראָמאַנטישע אַוואַנטוריסטקע — האָט ער געטראַכט — און אַ מאָדנע פאַרזיכטיקייט האָט זיך אין אים צעבונדן.

יהודית האָט באַמערקט דעם חוזק־שמייכל אַרום זיין מויל. זי איז מיט אַמאָל געוואָרן קלענער און אַראָפּגעזעצטער. נאָר די לויטערקייט אין אירע ברייטע בליקן האָט געשיינט מיט צוטרוי און געוויסנהאַפטיקייט. דערפאַר איז ביי גינערן קיין שום ווידערווילן נישט געבליבן צו איר.

— פאַרוואָס, כודיט, האָסטו נישט חתונה געהאַט? — האָט ער איבערגעריסן די שטילקייט און אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויף איר אַקסל.

— איך האָב דיר שוין אַמאָל געזאָגט, אַז איך האָב שוין געהאַט אַ מאַן!

— איך מיין, צום צווייטן מאָל!

זי האָט אַ ווײלע געטראַכט און באַלד צוגעגעבן:

— נאָך אים ביסטו דער ערשטער מאַן, וועלכער האָט אויפגעוועקט אין מיר די פרייד פון אַ פרוי...

— אַ שאָד, וואָס איך האָב אַ ווייב, אַ שאָד!

זי האָט אַרויסגעפילט אַ טיף בענקעניש פון זיין שטים און האָט רויק צוגעגעבן:

— איך ווייס נישט, צי עס איז אַ שאָד! איצט, ווען איך קען דיך שוין נענטער, ווייס איך נישט, צי איך וואָלט מיט דיר חתונה געהאַט! אָבער דאָס קינד וועל איך דערציִען און דו וועסט פון דעם נישט ליידן, איך שווער עס דיר, גינער!

ער האָט אַרויסגעפילט ערלעכקייט און שטאָלץ פון איר שטים. זי

איז אים געוואָרן טייערער. מיט אַלע כוחות האָט ער געהאמעוועט אין זיך דאָס צעצונדענע בלוט. אַ נייער שאַפונגס־כוח האָט זיך אין אים צעבונדן, ווען ער האָט איבערגעטראָגן זיינע געדאַנקען צו דער אַרבעט. עס איז אים געקומען אויפן זינען אויסצונוצן דעם דאָזיקן אומרו צום שאַפן עפּעס נייעס. און וואָס שטאַרקער די באַגערן נאָך איר וועלן זיין, אַלץ אימפּעטי־קער וועט ער שאַפן. ער האָט אַריינגערעדט אין דער דורכלויכטיקער בלייכ־קייט פון איר פּנים:

— כודיט, גיב מיר אַ געדאַנק וועגן אַ נייער טעמע; זאָג: וואָס ווילסטו זאָל איך שאַפן אין נאָמען פון אונדזער פריינדשאַפט?

פון דער פראַגע האָט זי פאַרשטאַנען, אַז גינער האָט איר תּנאי נישט אָנגענומען. אָבער זי האָט באַשטימט צו בלייבן פאַר אים נישט מער ווי אַ חלום, אַן אָנרעג צום שאַפן עפּעס גרויס. זי האָט געטראַכט: יעדער עכ־טער קינסטלער מוז פריִער פון אַלץ אָטעמען מיטן גייסט פון זיין פאָלק; דורכן גייסט פון זיין פאָלק דאַרף ער וועקן די ליבע ביי אַנדערע פעלקער, ווייל נאָר אין אַ וועלט פון רחמים און ליבשאַפט צווישן די פעלקער וועט מעגלעך זיין צו לעבן גליקלעך אויף דער וועלט. און דעם דאָזיקן רחמים מוזן וועקן נאָר די גרויסע, עכטע קינסטלער, וועלכע זענען גע־בענטשט מיטן כוח פון אויסדרוק.

זי האָט געקוקט אויף אים מיט קנאהדיקע בליקן. ווען זי וואָלט געווען געבענטשט מיטן כוח פון שאַפן, וואָלט זי נישט אויפגעהערט צו מאָנען גערעכטיקייט פאַר די ליידן פון אירע ברידער. זי וואָלט געוועקט, גערופן און אַפּעלירט צו דער מענטשהייט!

נאָך פיל אַנדערע געדאַנקען האָבן זיך געפּלאָנטערט אין איר מוח. געדאַנקען, וועלכע זי האָט נישט געוווּסט ווי זיי אויסצודריקן. זי האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ סך ווינציקער אינטעליגענט פון גינערן און זיך געשעמט פאַר אים צו רעדן אָפן און פריי.

— כודיט — האָט ער ווידער איבערגעריסן די שטילקייט, — האָסטו מיר גאָרנישט וואָס צו ענטפערן?

זי האָט זיך צעשמייכלט.

— ווייסטו כאָטש, אַז דו ביסט אַ ייִד?

— איך בין אַן אַרגענטינער. אָבער מיט וואָס ביסטו מער ייִד פון מיר? — האָט ער שפּאָטיש געשמייכלט — סיידן מיטן רעדן ייִדיש! מיר אָבער געפעלט נישט די שפּראַך.

יהודית האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און ביטער געשמייכלט. זי האָט זיך געכאַפּט, אַז גינער האָט טאַקע קיין איין ייִדיש וואָרט צו איר נישט

גערעדט. זי האָט זיך געוואונדערט, וואָס זי האָט אים דאָס קיינמאָל נישט פאַרגעוואָרפן.

ער האָט זיך ווידער אָנגערופן:

— וואָס, כודית, איז דיין אידעאַל? פלאַנצן ,בלומען? לעבן ווי אין אַ מדבר?

— איך בין אַן אָדלער מיט צעבראָכענע פליגל, — האָט זי אַ זאָג־געטון און אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ.

גינער האָט צוגעגעבן:

— איך האָב ליב מיין פאָטערלאַנד און דאָס איז אַלץ!

— און איך האָב ליב מיין נייע היים נישט ווינציקער ווי דו דיין פאָטערלאַנד! — האָט זי אויסגערופן מיט שטאָלץ און אים אָפּגעמאָסטן מיט אַ זיגערישן בליק, — אָבער דאָס שטערט מיר נישט צו טראַכטן ווי אַ יידישע טאָכטער. פרעג דיינע קריסטלעכע פריינט — האָט זי צו אים אויפגעהויבן דאָס פנים און געשמייכלט — פרעג, צי זיי קוקן אויף דיר ווי אויף אַן אמתן אַרגענטינער!... אַ סך פון אונדז — האָט זי טרויעריק געשאָקלט מיטן קאָפּ — האָבן זיך צוגעשאַרט צו פרעמדע היימען, אָבער די פרעמדע האָבן אונדז בלויז אויסגענוצט. און וויפל פון אונדז זענען שוין צעריבן געוואָרן אונטער די אייזערנע רעדער פון זייערע וועגענער, וועלכע מיר האָבן מיט אונדזער שוויס און בלוט אָנגעלאָדן מיט אַלדאָס גוטס פאַר זיי?...

זי האָט אויפגעהאנגען אויפן פאַרענטש פון בענקל די אויסגעפּרעסטע הויזן און אויסגעשפרייט אויפן פרעסטוך זיין העמד. גינער האָט פאַרלוירן געשמייכלט. ער האָט געפילט, אַז יהודית האָט אָנגערירט אין אים אַן אָנגעווייטיקט אָרט:

— זאָג מיר, כודית — האָט ער נישט נאָכגעגעבן און אַריינגעלאָכט אין אירע בליקן — וויפל שעקספּירס און וויפל טאָלסטאָיס האָט דאָס יידישע פאָלק געגעבן דער וועלט?

אין איר האָט עס אַ געשריי געטון פון באַליידיקונג.

— ווער עס קען נישט אונדזער געשיכטע, דער שטעלט אַזעלכע פראַגן. מיר האָבן דער וועלט געגעבן די ביבל און גראָד די שעקספּירס און טאָלסטאָיס האָבן פון איר געשעפּט. איך קען נישט די געשיכטע פון דער וועלט־ליטעראַטור, אָבער איך ווייס, אַז דער רמב״ם, שפּינאָזאַ, איינשטיין און טויזנטער אַנדערע יידישע געלערנטע און גאונים פון אַלטערטום, מיטלאַלטער און פון דער נייער צייט זענען שטענדיק געווען

און וועלן שטענדיק בלייבן פרישע קוואַלן פון וויסן פאַר אַלע פעלקער. איבעריקנס — האָט זי פאַרענדיקט מיט אַ רעזיגנירט קול, ווי זי וואָלט מער נישט געהאַט קיין איבערצייגנדיקע אַרגומענטן — מיין איך, גינער, אַז די מענטשן, וואָס האָבן נישט קיין כוח צו שטיין אויף אייגענע פיס, וועלן זיך אויף „קוליעס" אוודאי נישט קענען האַלטן. ערשטנס זענען שעקספיר און טאָלסטאָי נישט קיין אַרגענטינער און צווייטנס: וויפל געטער, וויפל תורות און וויפל נביאים האָט די נישט־יידישע וועלט געגעבן דער מענטשהייט?...

ער האָט אַרויפגעלייגט די דלאָניע אויף איר מויל:

— שווייג!

זי האָט געענדיקט פרעסן און זיך אָנגערופן:

— גיי, גינער, און טו דיך איבער, גיי, ס'איז שוין נאָך האַלבער נאַכט!

ער האָט אויף איר אַ באַנגיקן בליק־געטון, גענומען די אויסגעפרעסטע זאַכן און איז אַריין אין ווינקל הינטערן שאַפּקעלע. אַן אָנגעטוענער איז ער געבליבן שטיין פאַר איר און איר אַריינגעקוקט אין פנים. יהודית האָט אים אָנגענומען פאַרן אָרעם און צוגעפירט צום טירל. ער האָט זי אַריינגענומען אין די הענט און זי שטאַרק צוגעדריקט צו זיך. זי האָט זיך נישט געווערט...

גינער האָט זי אָפּגעלאָזט און זיך געשטעלט מיטן פנים צום אָפענעם פענצטער, געהערט ווי דאָס וואַסער אין מיטן געסל איז געפלאָסן שטילער און דער רעגן האָט זיך כמעט ווי אָפּגעשטעלט. ער האָט זיך ווידער אויסגעדרייט צו יהודיתן און געהאַלטן אויף איר זיינע מאָנענדיקע בליקן. אָבער זי האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן און געזאָגט מיט אַ ווייכער שטים:

— גיי אַהיים צו דיין ווייב און קינדער און פאַרגעס נישט אָן דעם, וואָס דאַרף קומען נאָך אונדז...

— אַ גוטע נאַכט, כודיט! — האָט ער אַרויסגעזאָגט און זיך ענדלעך אַנטשלאָסן צו גיין אַהיים. מיט שטילע, לאַנגזאַמע טריט איז ער אַרויסגעגאַנגען פון צימערל. יהודית איז שטיין־געבליבן אין אָפענעם טירל און אים נאָכגעקוקט מיט צעשטרייטע בליקן. אַ פוסטקייט האָט זיך צעעפנט אַרום איר און אַן עלנט האָט זיך חוצפּהדיק צעשריִען און געריסן שטיקער פון איר גאַנצן לייב און לעבן...

קאַפּיטל פופצן

פאַרטאָג איז דאָס געסל געשטאַנען איינגעהויקערט ווי אַ קראַנקע בהמה. די ווענט פון די שטיבער זענען געווען נאַס כמעט ביז אין דער העלפט און באַקלעבט מיט שמוץ, וועלכן דער רעגן האָט אַהין אָנגעטראָגן. שטולן און לאָדנס האָבן זיך געוואַלגערט אין בלאָטיקע ריטשקעס איינ־איינעם מיט אַרויסגעריסענע ביימלעך און גאַנצע בערג אויסגעווייקטע, צע־פליקטע בלומען. הויפנס צעקנוידערטע, פאַרבלאָטיקטע וועש און אַנדערע שטוב־חפצים, וואָס דער שטורעם האָט אַראָפּגעטראָגן פון די דעכער, האָבן זיך געוואַלגערט אונטער די קליינע בריקלעך, פאַראַנקערטע צווישן צווייגן, ריטלעך און בערג שטרוי. אויך צעבראָכענע גאָרטן־טירלעך האָבן זיך געוואַלגערט אויף די וועגן. פון די צעשטערטע גערטנער האָט עס געיאָגט מיט פאַריתומטקייט. דער גאַנצער ארום האָט דערמאָנט אָן אַ פּאָגראָם און אָן אן אייביקער נאַכט.

פון ערגיץ נאָנט האָט זיך דערהערט דאָס קלינגען פון ערשטן טראַמוויי, וואָס איז אַרויסגעפאָרן פון דער סטאַנציע. אָן איינזאַמער האָן האָט זיך צעקרייעט מיט אַ פאַרריסן קולעכל, געוועקט די מענטשן פון זייער האַרטן, פאַרטאָגיקן שלאָף. פון אַ זייטיקן ראָג איז אָנגעפאָרן אַ מילך־וועגעלע. די גרויסע, ליידיקע בלעכן האָבן געקלאַפּט. דער מילך־צעפירער האָט אַ צי־געטון די לייצעס און דאָס פערדל האָט זיך אַ טראָג־געטון. געקלאַפּט מיט די פּאָדקאָוועס און אונטערגעהויבן די בלאָטע. באַלד האָט זיך דערהערט דער ערשטער סקריפּ פון אַ טיר, און אַן אַרבעטער, אָנגעטון אין אַ פּאָר נייע שטריקענע שיך אויף די פיס, איז אַרויסגעקומען אויף דער גאַס. ער האָט אויפגעהויבן די אויגן צום הימל און אים לאַנג און שווייגנדיק באַקוקט. דער הימל איז געווען מערקווירדיק בלוי און טיף, ווי ער וואָלט נאָר וואָס אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם גראָבן שיכט כמאַרעס, אזא גרויע מאַסע, וועלכע האָט אזוי לאַנג פאַרשטעלט זיין ליכטיקע בלויקייט. אַ לעצטער פאַרבלאָנדזשעטער שטערן האָט נאָך געפינקלט צווישן ראַזע, ליכטיקע וואָלקנדלעך און די גרויסע לבנה, ווי אַ קיילעכדיק רויט שטיק פייער, האָט זיך איילנדיק דערווייטערט פון די ווייס־בלויע כמאַרע־בערגלעך, אַזוינע דינינקע און ווייכע ווי די קוטשע־ראַווע ריקנדלעך פון יונגע שעפּעלעך. אין מזרח־זייט האָט די לבנה זיך באַהאַלטן הינטער דעם גרינעם האָריזאָנט און פון דאָרט אַרויסגעשיקט די לעצטע שטיקער פייער, וועלכע האָבן אָנגעצונדן די זוימען פון די שטיקער כמאַרעס און פאַרוואַנדלט דאָס אָרימע, נעבעכדיקע געסל אין

אַ פאַנטאַסטישער, קאָלירנפולער וועלט. ס׳האָט געזונגען מיטן נייעם, אויפ־גייענדיקן טאָג.

דער אַרבעטער איז געשטאַנען און האָט געגאַפט אויפן הימלישן ווונדער. ער האָט אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ און זיך איבערגעצלמט מיט אַ גאָטפאָרכטיקן ערנסט אויפן פּנים.

דאָס שווערע אייזערנע טירל אין דאָן קראַכמעלס פאַבריק־טויער האָט זיך צעסקריפּעט מיט אַ הייזעריק קולעכל און גומערסינדאַ האָט עס אויפגעפּראַלט. ער האָט אַרויסגעשטעלט דאָס פּנים מיט די צוויי אויגן. זיי האָבן פלינק אַ לויף געטון איבער דער גאַנצער לענג פון געסל און געשעפּטשעט צו מאַרטאַן:

— האָב נישט קיין מורא, זיס הערצעלע מיינס, אין געסל איז שטיל ווי אויף אַ בית־עולם, מען זעט נישט קיין מענטש.

ער האָט זיך אָפּגערוקט אָן אַ זייט און אַרויסגעלאָזט מאַרטאַן פון הויף.

איינגעהילט אין גראָבן שאַל איז זי מיט אַן אַראָפּגעבויגענעם קאָפּ אַריבערגעלאָפן דעם וועג און אימפּעטיק אַריין אין גאָרטן. אינסטינקטיוו אַ בליק־געטון צו יהודיתס שטיבל, האָט זי פאַרהאַלטן די טריט און פאַרזיכטיק, אויף די שפּיצן פון די פינגער, געשפּאַנט אַ טרעפּל איבער אַ טרעפּל, כדי אויך די טאָכטער נישט אויפצוּוועקן. ווען זי איז אַריין אין צימער, איז זי מיט שרעק אין די אויגן צוגעפאַלן צום קינדס בעטל. קוקי איז געלעגן אַן איינגעקנוידערטע אין דער מאַמעס וואָלענעם ראָק און מיט איין הילצערנעם שוך אויף אַ פוס. אין מאַרטאַן האָט זיך אַ צינד־געטון דאָס צעיאָמערטע געוויסן. זי האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם שאַל און זיך אַריבערגעבויגן איבער איר. צוגעדריקט איר באַק צו קוקיס פּנים, האָט זי אינסטינקטיוו געגומען גלעטן דעם קינדס צעשויבערטן קאָפּ און דעם קערפּער. אָבער די קליינע האָט זיך נישט גערירט. זי האָט געאָטעמט שווער און מיט אַ הייזעריקן כריפּ. מאַרטאַ האָט איר אויפגעמאַכט איין אויגנדעקל און געזען ווי דאָס אויג איז געשוואָלן און אויסגעלאָשן פון וויינען. פון קוקיס איינגעפאַלענע בעקעלעך האָט געשלאָגן אַ היץ ווי פון אַן אָנגעגליטן ציגל.

מאַרטאַ האָט זיך אויסגעגלייכט, יסורימדיק פאַרבראָכן די פינגער פון די הענט. אַ טויטשרעק האָט זיך געריסן פון אירע בליקן און גרע־ניצלאָזע פאַרלוירנקייט. זי האָט דערשטיקט אין זיך דאָס געשריי, וואָס האָט זיך פון איר געריסן און אַ ווילע געהאַט דאָס געפיל ווי זי וואָלט פאַרשטיינערט געוואָרן. פון די נאַסע ווענט און פון נאַסן פאַרהאַנג איבערן צעפּראַלטן פענצטער צו דער גאַס, פון קוקיס נעבעכדיק צעקרימט פּנים

האָט אַראָפּגעווײנט דער עלנט. ס׳האָט געשלאָגן אַ ריח פון טויט און מיט שטומקייט פון אַן אבל.

ס׳האָט זיך אין איר צעווילדעוועט דאָס יאָמערדיקע געוויסן. אַ שווערער געפיל פון אַ שולדיקער, פאַרברעכערישער מאַמען, וואָס האָט מיט אײגענע הענט אַרײנגעוואָרפן איר קינד אין די אָרעמס פון טויט. זי האָט זיך געוואָלט משפטן, זיך באַשטראָפן פאַר דעם דאָזיקן פאַר־ברעכן און האָט נישט געוווּסט, צי זאָל זי זיך סמען אָדער זיך אומברענ־גען אינאײנעם מיטן קינד. זי האָט מיט די שפּיצן פון די נעגל געשינדן די רויטגעוואָרענע הויט פון איר פּנים און קײן מוט נישט געהאַט צו רופן יהודיתן, צו שרײען און בעטן, אַז מען זאָל איר העלפן ראַטעווען דאָס קינד.

אין איר פאַרצווייפלונג האָט זי אַרויסגעכאַפּט פון שופלעדל פון נאַכט־שאַפקעלע אַן אַלטן גראַדישניק און אים אונטערגעלייגט אונטערן קינדס רעכטן אָרים. די סעקונדן האָבן זיך איר אויסגעוויזן ווי אײביקייטן, און דאָך האָט זי מורא געהאַט פאַרן גיכן פאַרשווינדן פון די סעקונדן, ווען זי וועט דערזען דיווירקלעכקייט. ענדלעך האָט זי אַפּירגענומען דעם גראַדישניק און אירע רויטע אויגן זענען אַרומגעלאָפן איבער די ציפערן און האָבן געקלאָגט. די ציפערן האָבן איר אויסגעשטאָכן די שוואַרצאַפּלען און זי האָט אָנגעהויבן צו שרײען: דו מערדערן, דײן טאָכטער ליגט אין מער ווי איבער פּרעציק גראַד היץ און שולדיק אין דעם איז דאָס אומ־ערלעכע בלוט דײנס... דו האָסט געכראָפּעט אין דײן געליבטנס אָרימס, בעת דײן קינד איז דאָ משוגע געוואָרן פון שרעק און פאַרצווייפלונג! דו אויסגעלאַסענע! דו אויסוואָרף!

זי האָט האַסטיק אַ וואָרף־געטון אויפן דיל דעם טערמאָמעטער און אײלנדיק אויסגעטון דאָס נײע, דינע קלײדל, אַרויסגעשלעפּט דאָס בלויע באַנטיקל פון דער צעקנוידעטער פריזור, פאַרשטופּט דאָס קלייד מיטן באַנטיקל אין אַ ווינקל פון דער שאַפע צווישן אַלטע שמאַטעס און פון דאָרט צוריק אַרויסגעצויגן דעם שווערן, שוואַרצן שטוב־כאַלאַט, אים אָנגעטון און פאַרקנעפּלט ביז אַראָפּ, ווי מען טוט זיך אָן טרויער־קליידער. זי איז צוגעגאַנגען צום קינד און פון אים אַראָפּגעצויגן די נאַסע קליי־דער און דעם שוך. דאַן האָט זי דערזען, אַז דער קלײנערס לײב איז גע־ווען פאַרשמירט מיט בלאָטע. האָט זי אײנגעטונקען אַ שטיק וואַטע אין אַ גלאָז וואַסער, וואָס איז געשטאַנען אויפן נאַכט־טישעלע, און גוט אַרומ־געווישט איר קערפּערל, זי אויסגעצויגן אונטערן ווייסן לײלעך און ווידער געקוקט אויף איר פאַרענדערט געוואָרענעם פּנים...

דאָס איז געווען דער ערשטער גרויזאַמער קלאַפּ, וואָס האָט געפרעסן

איר נשמה און זי געוואָרפן פון די פיס. פריער, ווען די קליינע פלעגט קראַנק ווערן, אַ זאַך וואָס האָט זיך אָפּט איבערגעחזרט, ווען זי האָט זיך פאַרקילט, פלעגט מאַרטאַ דערפילן, אַז זי איז נישט נאָר „אַ שטיק פלייש אין שוואַרצע קליידער", ווי דער מאַן האָט איר אַ צונאָמען געגעבן. זי פלעגט דאַן שיקן צום מאַן אַ טעלעגראַמע, האָט ער זיך געמעגט געפינען אין אַנדערן עק וועלט. ער פלעגט גלייך קומען צו פליען מיט אַן אַוויאָן און בלייבן אין דער היים, ביז די קליינע איז אינגאַנצן געזונט געוואָרן. זי האָט דאַן אויסגענוצט איר כוח איבערן מאַן, אים געגעבן צו פילן, אַז ער, דער שטאַרקערער און פאַרליבטער אין זיך אַליין, קען זיך פאָרט נישט באַגיין אָן דער הילף פון זיין ווייב, די שוואַכע און אומבאַהאָלפענע פרוי.

אין אַזעלכע פאַלן האָט זי ליב געהאַט זיך צו באַקלאָגן אויף איר ביטער מזל און זי האָט אים אַ סך מאָל געזאָגט: „נעם אַריין אַ דערציִערין צום קינד... און אויב דו ווילסט נישט נעמען קיין דערציִערין, דאַן וויל איך, אַז מיר זאָלן מיטפאָרן מיט דיר אויף דיינע ווייטע רייזעס. לעבן דיר איז די קליינע רויִק און זי וועט באַלד קומען צו זיך".

דער מאַן פלעגט דאַן ווערן נאָכגיביק און איר געבן צו פאַרשטיין: די קליינע מוז האָבן רו און אין די האָטעלן וועט זי קיין רו נישט האָבן און דו אויך נישט.

מאַרטאַ האָט אָבער געוווּסט, אַז ער האָט געהאַט לעבן זיך סוסין, אָבער זי איז געווען צופרידן, וואָס ער האָט זיך ביי איר געבעטן. זי האָט זיך געפילט זיכערער און שטאָלץ אין איר ראָלע פון אַ קרבנות־גרייטער מוטער, — אַ יונגע פרוי, וואָס גיט אַוועק איר לעבן און איר גליק צוליבן געזונט ווערן פון איר קראַנק קינד.

איינמאָל אָפּגענאַרט איר מאַן האָט איר ווייבערישע ווירדע גענומען אַראָפּנידערן אַלץ טיפער און טיפער. ביז ס'האָט זי דערפירט צו איר איצטיקן אומגליקלעכן צושטאַנד.

מיט פאַראומערטע בליקן האָט זי געקוקט אויף דער טאָכטערס נעבעכדיק איינגעשרומפן פנימל און מער קיין מוט נישט געהאַט צו וויסן צו געבן דעם טאַטן, אַז זיין טאָכטער געפינט זיך אין לעבנס־געפאַר. מאַרטאַ האָט געוווּסט, אַז דאַן פילקע איז נאָך נישט אַוועקגעפאָרן, אַז ער טרייבט אָרגיעס מיט סוסין אין איר שלאָפצימער, אין איר זויבערן בעט. אָבער זיינע זינד, האָט זי געפילט, זענען שוין מער קיין זינד נישט געווען אין פאַרגלייך מיט איר פאַרברעכן, ווייל די פאַראַנטוואָרטלעכקייט איז געלעגן אויף איר, בלויז אויף איר...

קוקנדיק אַזוי אויף דער קליינער האָט זיך איר געדאַכט, אַז אירע שווערע, אַראָפּגעלאָזטע וויִעס האָבן זיך באַוועגט און אויפגעציטערט. האָט

זי זיך צוגעבויגן און געהערט, ווי די קליינע האָט אָנגעהויבן רעדן פון היץ: „רוף מיר מיק פּאַפּוסי, פּאַפּי, דו האָסט מיך קיינמאָל נישט איבער־געלאָזט אויף הפקר ווי די מאַמי האָט מיך איבערגעלאָזט!״

אין מאַרטאַן האָט עס שטיל געיאָמערט. זי האָט נאָך געפילט אין זיך דעם ריח פון די שטאַרקע געטראַנקען און ביי איר איז אויסגעקומען, אַז זי האָט זיך אויסגעגליטשט און דאָס איינציקע, וואָס איז איר געבליבן, איז אָננעמען גומערסינדאָס עצה. אפשר גלייך נעמען די קליינע און זיך אַריינציִען צו אים אין זיין צימערל? „האָב נישט קיין מורא פאַר דיין מאַן״ — האָט ער זי טויזנט מאָל געטרייסט און באַרויִקט.

אומוויליק זענען אירע אויגן געפאַלן אויפן צעשפּליטערטן טערמאָ־מעטער און ס׳האָט זיך איר געדאַכט, אַז דער קליינערס פאַרגליווערטע טרערן זענען דאָרטן געלעגן און זי האָט ווידער געהערט די קללות און די מאָנונג נאָך גערעכטיקייט. זי האָט אין זיך אַריינגעזיפצט:

— אָ, גאָט, טו גערעכטיקייט און באַשטראָף מיך און נישט דאָס אומשולדיקע קינד מיינס! פאַרוואָס, אָ גאָט, האָסטו אָנגעצונדן אין מיר דאָס בלוט?... פאַרוואָס שטעלסטו פאַר פרווון אַזאַ אָרעמע שטערבלעכע ווי איך בין?

זי האָט אַרויסגענומען פון נאַכט־שאַפקעלע אַ שאַכטל מיט רפואות וואָס זי פלעגט געבן דער קליינער, ווען זי פלעגט קריגן פיבער. זי האָט אַריינגעשיט אין אַ גלאָז אַ פּראָשעק און אים פאַרמישט מיט אַ ביסל וואַסער. דאַן איז זי צוגעגאַנגען צום קינד, איך קוים אויפגעריסן דאָס מויל און אַריינגעגאָסן די מעדיצין. די קליינע האָט זיך צעקייכט און אַ טייל פון דער פליסיקייט איז איר אַרויסגערינען דורך די נאָזלעכער. מיטן זוים פון ליילעך האָט מאַרטאַ איר אָפּגעווישט דאָס מויל און אַ צעמישטע געוואַרט, אַז די קליינע זאָל ווידער קומען צו זיך.

באַלד איז זי צוגעלאָפן צו דער טיר און אַריינגעשריִען אין דער צעזונגענער פרישקייט פון גאָרטן:

— כודיט! כודיט!!! — און זי איז ווידער צוגעלאָפן צום קינד.

יהודית איז באַלד געקומען צולויפן איינגעהילט אין אַ שאַל און מיט שטעקשיך אויף די באָרוועסע פיס.

— כודיט, איך בעט דיך, בלייב דאָ מיטן קינד און איך וועל לויפן רופן אַ דאָקטער!

זי איז אַנטשוויגן געוואָרן און אַרויסגעלאָפן פון צימער ווי אַן אָפּ־געבריטע.

יהודית איז צוגעגאַנגען צום בעטל און באַטראַכט די קליינע. שרעק האָט זיך געריסן פון אירע בליקן. זי האָט זיך אָפּגעגעבן רעכענונג, פאַר־

וואָס די קליינע האָט נעכטן באַנאַכט אַזוי שטאַרק געשריען און זי גערופן. אַ געפיל פון שולדיקייט האָט ווי אַ וואָרעם געפרעסן איר האַרץ און זיך אָפּגעזעצט אין יעדן אבר. זי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן זוים פון בעטל, געגלעט דער קליינערס הענטלעך און גערופן:

— קוקי, קוקיטאַ!

די קליינע האָט קוים געעפנט די אויגן, אָבער זיי באַלד ווידער צו־געמאַכט. האָט זיך יהודית אויפגעשטעלט און נאָכגעטראַכט וואָס צו טון, אָבער זי איז געווען מאַכטלאָז.

אַביסל שפּעטער איז מאַרטאַ צוריקגעקומען, אַן איינגעהילטע אין אַ שרעקלעכער אומרויקייט און אַ דערשלאָגענע ארנייגערעדט אין זיך:

— כודיט, בלייב דאָ, איך בעט דיך, לאָז מיך נישט אַליין.

— איז דאָן פּילקע שוין אַוועקגעפאָרן? — האָט יהודית געפרעגט.

— איך וויל נישט וויסן, וווּ ער איז איצט, — האָט זי געקרעכצט — איך בין נישט אין קיין וואַלד און איך וועל אויסקומען אָן זיין הילף.

יהודיתן איז תיכף געקומען אויפן געדאַנק, אַז די קליינע איז אין גרויס געפאַר און אַז ס׳וואָלט גלייכער געווען, אַז דער פאָטער זאָל זיך געפינען לעבן איר. האָט זי זיך אָנגערופן:

— מאַרטיטאַ, הער מיין עצה און שיק אים אַ טעלעגראַמע. דיין מאַן וועט דיר נישט מוחל זיין...

זי איז אַנטשוויגן געוואָרן און אַראָפּגעלאָזט די בליקן.

מאַרטאַ האָט נאָכגיביק געשטאַמלט:

— יאָ, אַזוי איז דאָס טאַקע. פאַרוואָס זאָל איר טאַטע איצט נישט זיין לעבן איר? זי האָט דאָך אים אַזוי ליב! צי האָב איך דען אַ רעכט צו פאַרשוויגן איר לעבנס־געפאַר? שפּעטער, ווען איך וועל גיין אין אַפּטייק וועל איך צו אים קלינגען... שפּעטער, כודיט; אוי! אוי!... — האָט זי פאַרבראָכן די פינגער.

— מאַרטאַ, איך וועל אַ לויף־טון און מיך איבערטאָן. ס׳איז דאָך נישט שייך צו זיין איינגעהילט אין אַ שאַל, ווען דער דאָקטער וועט קומען!

זי האָט נישט געוואַרט אויף קיין ענטפער און איז אויף גיך געלאָפן פון צימער אַריין צו זיך, אויף גיך אָנגעטון אַ לייכט קליידל, זיך אַרומ־געוואַשן און באַלד געקומען צולויפן צוריק. זי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט לעבן מאַרטאַן אויפן זוים פון בעטל און שווייגנדיק געקוקט אויפן קינד. זי האָט דערפילט אַ ריח פון שטאַרקע געטראַנקען און פאַרשטאַנען, אַז מאַרטאַ איז נעכטן ביינאַכט, בעתן שטורעם, נישט געווען אין דער היים, און אַז אָט־דעם ריח האָט זי מיטגעבראַכט פון די „פריידיקע״ שעהן מיט גומער־סינדאָן...

מאַרטאַס פּנים מיט די צעצונדענע אויגן האָבן ווי פינצטערע וואָלקנס געשוועבט איבער דער קליינער. זי האָט זיך געשעמט פאַר יהודיתן. ווי אַלע געוויסנהאַפטע מענטשן, וואָס ווערן געשטרויכלט און שרעקן זיך פאַר דער פאַרדינטער שטראָף, האָט זיך אויך מאַרטאַ געשראָקן פאַר דער קליי־נער און מורא געהאַט, אַז זי וועט פאַלן אַ קרבן און אָפּקומען פאַר דער מאַמעס באַגאַנגענער זינד...

זי איז געווען פון יענעם טיפּ ערלעכע פרויען, וואָס האָבן זיך אַליין געקאָנט באַשולדיקן און אָננעמען מיט פרומער רעזיגנאַציע יעדן מין שטראָף פאַר זייערע באַגאַנגענע חטאים. זי איז צו אַלץ גרייט געווען, נאָר דער טאָכטערס איינגעבראָכנקייט, דעם קרבן פון איר קינד, דאָס האָט זי נישט געקאָנט אָננעמען. זי איז גרייט געווען זיך איבערצושניידן דעם האַלדז, אַבי נישט צוצוזען דאָס אומגליק פון קינד.

יהודית האָט געפילט, וואָס ס׳קומט פאָר אין מאַרטאַס נשמה. זי האָט איר מורא געהאַט צו דערציילן, אַז די קליינע האָט נעכטן ביינאַכט, בעתן שטורעם, גערופן נאָך הילף. זי האָט מורא געהאַט, אַז מאַרטאַ וועט זיך נאָך אַ מעשה אָנטון. דערפאַר האָט זי מיט אַלע פיבערן געוואַרט, אַז דער דאָקטער זאָל שוין אָנקומען.

יהודית האָט נאָך קיינמאָל נישט געזען אַזאַ קראַנק קינד. זי האָט זיך געפילט אומגליקלעך און ווי אַ מיטשולדיקע אין מאַרטאַס פאַרצווייפלונג.

באַלד איז אָנגעקומען דער דאָקטער. ער איז אַריין אין צימער מיט אַזאַ דרייסטקייט, ווי ער וואָלט געקומען צו זיך אַהיים. מאַרטאַ האָט זיך ראַפּטום אַ ריס־געטון פון אָרט און איז אים אַנטקעגנגעלאָפן:

— גיכער, דאָקטער, גיכער, די קליינע איז מער טויט ווי לעבע־דיק. — און זי האָט אויסגעבראָכן אין אַ געוויין.

דער דאָקטער האָט אַוועקגעשטעלט אויפן טיש זיין לעדערן רענצל און געזאָגט:

— אָט באַלד וועלן מיר אַ קוק־טון וואָס מיט דער קליינער פּאַסירט און מיר וועלן זי צוריק אויפשטעלן אויף די פיס.

יהודית האָט אויפגעצאַפּלט בעתן דאָקטערס אַריינקומען. אירע אויגן זענען געוואָרן נאָך גרעסער פון איבעראַשונג, אָבער איר קערפּער האָט זיך איינגעקאָרטשעט און האָט אויסגעזען פיל קלענער. דעם דאָקטערס זאַנפטע שטימע, זיין זיכערקייט, האָט זי ווי צעטומלט. זי האָט מורא געהאַט אויפ־צוהייבן דעם קאָפּ. זי האָט זיך געמאַכט גלייך ווי זי וואָלט נישט געזען, ווער ס׳איז אַריינגעקומען און זי האָט אויך נישט געוואָלט, אַז מאַרטאַ זאָל געוואָר ווערן, אַז זי קאָן דעם דאָזיקן דאָקטער און אַז ער איז פריִער געווען איר מאַן.

דער דאָקטער איז צוגעגאַנגען צום בעטל און האָט זיך אָנגעבויגן איבער דער קליינער. זיינע בליקן זענען אומווילּיק געפאַלן אויף יהודיתס שווערן, לאַנגן צאָפּ, דער איינציקער אוצר, וואָס איז איר נאָך פאַרבליבן פון איר מיידלשער עשירות. דער דאָקטער איז געוועזן בלייך און צעטראָגן. מיט אַ ציטערנדיקער האַנט האָט ער אָפּגעדעקט די קליינע, צוגעלייגט דאָס אויער צום הערצל און באַלד זי איבערגעדרייט מיטן רוקן אַרויף. זיינע הענט האָבן געציטערט, ווען ער האָט געקלאַפּט מיט די שפּיצן פון די פינגער איבער די טרוקענע ריפּלעך און איבער דעם רוקנביין פון דער קליינער. אויך אין אים האָט עס געהאַמערט און געקלאַפּט, כאָטש די פּלוצימדיקע באַגעגעניש מיט יהודיתן האָט זיך אים אויסגעוויזן ווי אַ פאַנטאַזיע אָדער אַ פאַנטאַסטיש קינאָ־בילד.

יהודית האָט זיך ווי עס איז אַריינגענומען אין די הענט און זיך אַוועקגעשטעלט צוקאָפּנס פון קינדס בעטל. אויך ער האָט זיך אויסגעגלייכט, ווידער אויסגעצויגן דאָס ווייסע ליילעך איבער דער קליינער און האָט זיך געווענדט צו מאַרטאַן:

— ווען האָט זיך די קליינע פאַרקילט?

ער האָט ערנסט געקנייטשט דעם שטערן און געפילט אויף זיך יהו־דיתס צעשראָקענעם בליק.

מאַרטאַ האָט אויסגערופן מיט שרעק:

— איך בעט אייך, דאָקטער, ראַטעוועט מיר דאָס קינד! טוט דאָס, איך בעט אייך, נאַטאַליאַ, אין נאָמען פון אונדזער קרובהשאַפט!

מאַרטאַס היימישער טאָן האָט יהודיתן אַ ריס־געטון ביים האַרצן. זי האָט פּלוצים דערפילט, אַז זיין געדעכעניש איז נאָך געלעגן טיף אין איר לייב און לעבן. ס'האָט איר וויי־געטון, פאַרוואָס זי האָט שוין מער נישט געקאָנט רעדן צו אים אין אַזאַ היימישן טאָן ווי מאַרטאַ האָט גערעדט.

ער האָט אַרויסגענומען פון רענצל אַ פלעשעלע מיט אַ מעדיקאַמענט און געמאַכט קוקין אַן איינשפּריצונג; פאַמעלעך האָט ער צוריק אַריינ־געלייגט אין רענצל דאָס גלעזערנע אַפּאַראַטל און די נאָדל, עס פאַרשלאָסן און זיך אָפּגעוואַשן די הענט מיט אַ ביסל אַלקאָהאָל, וואָס מאַרטאַ האָט אים אונטערגעטראָגן אין אַ פלאַש. רייבנדיק איין האַנט אָן דער אַנדערער האָט ער זיך אָנגערופן:

— שרעקן זיך דאַרף מען נישט, ווייל די קליינע איז געווינט צו שטעלן אַ ווידערשטאַנד צו אַלע קראַנקייטן.

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן, האָט אַרויסגענומען פון בוזים־קעשענע אַ נאָטיץ־ביכעלע, פאַרשריבן אייניקע רפואות און דערלאַנגט מאַרטאַן דעם פאַרשריבענעם רעצעפּט, זאָגנדיק:

— דאָ האָסטו קאַפּלעס צו דער נאָז; לאָז איר אַריין צו צוויי אין יעדן נאָזלעכל. פון דעם געטראַנק גיב איר אַלע צוויי שעה אַ לעפל. דער עיקר אָבער זענען די אינזשעקציעס פון פּעניסילין. דו זאָלסט איר שטעלן אַן אינזשעקציע אַלע פיר שעה. זע, אַז די טיר מיטן פענצטער זאָלן זיין פאַרמאַכט.

ער האָט זיך אַ ווײַלע פאַרטראַכט, ווי עפּעס אין אים וואָלט זיך מיט־אַמאָל איבערגעבראָכן; באַלד האָט ער אומוויליק אַ קוק־געטון אויף דעם קינד און צוגעגעבן:

— אין אָוונט וועל איך ווידער צוקומען.

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן און איר געגעבן די האַנט צום געזעגענען, אַזוי היימיש ווי ער איז געקומען. ער האָט אַ נעם געטון דאָס רענצל פון טיש און איז איילנדיק אַוועק צו דער טיר.

— דאָקטער, וואָס איז דער קליינער? — איז אים יהודית פאַרלאָפן דעם וועג און אויף אים אָנגעשטעלט אירע גרויסע, אומעטיקע אויגן.

ער האָט אַראָפּגעלאָזט די בליקן און ווי אומגערן געענטפערט:

— זי לײַדט פון אַ צו־שטאַרקער לונגען־אַנטצינדונג. ווען האָט זי זיך אַזוי פאַרקילט?

זיין שטים איז געווען פעסט און זיכער.

יהודית האָט אים געקוקט גלייך אין פּנים אַריין.

שרעק און אומבאַהאָלפנקייט האָט אויפגעצאַפּלט אין איר.

— און אפשר איז נייטיק אַ קאָנסיליום? — האָט זי ווידער געפרעגט.

פאַרדרוס האָט זיך צעפלעמלט אין זיינע אויגן; ער האָט ברוגז גע־ענטפערט:

— דאָס אַלץ לאָז איבער צו מיר... — און ער איז האַסטיק אַרויס פון גאָרטן.

יהודית איז געבליבן שטיין ווי פאַראַליזירט. ס'האָט איר וויי־געטון, וואָס ער האָט זי נישט אָנגערופן ביים נאָמען. ס'האָט איר אויך וויי־געטון, וואָס נאַטאַליאָ איז געפאָרן צו זיך אַהיים, צו זיין ווייב, וועלכע האָט בעסער פאַרשטאַנען אים צו האַלטן ביי זיך און אַ סך שטאַרקער ווי זי, יהודית, האָט דאָס געוווסט... זי איז געוואָרן אייפערזיכטיק און דערפילט אַרום זיך אַ מוראדיקע פוסטקייט. ביטערער עלנט האָט זיך חוצפּהדיק צעשריִען אין איר, געשריִען און געחוזקט: „האָסט דיר געוואָלט איינרעדן, אַז נאַטאַ־ליאָס אָרט אין האַרץ ביי דיר האָט פאַרנומען גינער, אָבער דו האָסט דיך אָפּגענאַרט. דו ביסט געווען און וועסט שוין אייביק בלייבן נישט מער ווי אַ נאַרישע פאַנטאַזיאָרקע, אַ פאַנאַטיקערן און אַ קנעכט צו דיינע געפילן און צו אַ מאַן, וועלכער האָט דיך שוין לאַנג פאַרגעסן, זייער לאַנג שוין..."

יהודית האָט זיך נישט געוועדט קעגן די דאָזיקע פיינלעכע באַשול־דיקונגען קעגן זיך גופא און אַ שטילע און באַלאָדענע מיט נייע צרות איז זי אַוועק צו זיך אין שטיבל, זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן זוים פון בעטל און שווער געאָטעמט. אַ קאַלטער שווייס האָט באַדעקט איר בלאַס אויסגע־מאַטערט פנים. זי האָט מיטאַמאָל דערפילט, אַז נאַטאַליאַ האָט באמת אומגעוואָרפן דעם טורעם אַרום גינערן... קיין קינד פון אים האָט זי אינ־דעראמתן נישט געוואָלט. ס'איז געווען נישט מער ווי אַ ווערטער־שפיל אַרום אַ פאַרלאַנג, וואָס האָט אַמאָל אין איר אויפגעטויכט. גינערס פרייהייט האָט איר געגעבן דעם מוט און די געוואַגטקייט צו באַרירן די דאָזיקע פראַגע וועגן ווערן אַ מאַמע.

זי האָט אויפגעהויבן די ברענענדיקע בליקן צו נאַטאַליאַס אַלטן פידל הינטערן שאַפּקעלע און געדאַכט האָט זיך איר, אַז די סטרונעס האָבן גע־וויינט און אויסגעשפילט איר וויטיק מיטן ניגון פון כל־נדרי, די טרויע־ריקע, עלעגישע מעלאָדיע, וועלכע נאַטאַליאַ האָט ליב געהאַט צו שפּילן פאַר איר.

זי האָט געטראַכט פון אים און פון זייער ליבע; אַלץ אין איר האָט שטיל געיאָמערט. איר האָט זיך געדאַכט אַז דאָס געוויין פון אירע און זיינע ניט־געבוירענע קינדער האָט אָנגעפילט אַלע אירע אברים.

פון איר בלוט האָבן אַרויסגעשריִען די וויינענדיקע קולות פון די קינדער, וואָס האָבן אים אָנגערופן ביים נאָמען. די דאָזיקע קולות האָט זי שוין געהאַט געהערט אין זיך אין די ערשטע חדשים פון איר צוזאַ־מענלעבן מיט נאַטאַליאַן. דעמאָלט אָבער האָט זי זיי פאַרשטומט דורך דער אַרבעט בייטאָג און ביינאַכט, זיי פאַרשטריקט מיט די זיידענע פעדים, מיט וועלכע זי האָט אויסגעהאָפטן בלומען. געהאָפטן גאַנצע נעכט, כדי אים צו העלפן, און דערביי אויסגעוועבט פאַנטאַזיע־בילדער אינאיינעם מיט די חלומות פאַר איר און נאַטאַליאַס צוקונפט און די צוקונפט פון די קינדערלעך זייערע...

פלוצים איז אין איר וואך־געוואָרן איר צוגעבונדנקייט צו אים און געקומען איז זי מיט אַ מאָדנעם שטאַרקן כוח, פונקט ווי אין די ערשטע צייטן, ווען ער איז פון איר אַוועק. אויך דעמאָלט האָט יהודית אויסגעמיטן יעדע באַקאַנטשאַפט מיט אַ בחור, ווייל טיף אין איר גאַנץ לייב און לעבן האָט זי אַלץ געפילט נאָר אים, נאַטאַליאַן. זי האָט זיך דאַן געשעמט פאַר דעם געפיל פון צוגעבונדנקייט, אָבער זי איז געבליבן אוממעכטיק אין אירע געפילן צו אים, און יעדעס מאָל, ווען זי פלעגט אים זען, האָט זיך אין איר צעשריִען די דערשטיקטע בענקשאַפט און זי קראַנק געמאַכט.

גינער איז מיטאַמאָל געוואָרן קליין און ווי פֿאַרבלאַסט אין איר זכרון. די געבראָכנקייט אין איר האָט געמאָנט געזעכטיקייט, פֿאַרגעוואָרפֿן נישט פּראַקטישקייט: „האָסט באַדאַרפֿט, יהודית, אַרויסנעמען מיט אים אַ חתונה־ביכל! האָסט נישט באַדאַרפֿן פֿירן קיין לעבן לויט די כּללים אין די ראָ־מאַנען פֿון גרויסע שרייבער. דו אַליין האָסט אים אין זיין לייכטקייט צו־געהאָלפֿן..."

ס'איז איר ענג געוואָרן אין האַלדז, שווער אויפֿן האַרצן און ס'האָט איר ווידער אויסגעפּעלט אָטעם. האָט זי זיך אויפֿגעהויבן, געעפֿנט דאָס פֿענצטערל און אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ צווישן די צווייגלעך. און מיט אַן אָפֿן מויל, ווי אַ פֿאַרחלשטער פֿיש, וואָס שלינגט דאָס שטראָמיקע וואַ־סער, האָט זי געשלונגען די פֿרישע, קילע לופֿט און אָנגעהויבן פּאַוואָלינקע ווידער צו זיך צו קומען.

זי האָט אומגערן אויפֿגעהויבן די בליקן צום טירל, ווו זי האָט מיט־אַמאָל דערזען נאַטאַליאַן. ער איז געשטאַנען און אַריינגעקוקט אין גאָרטן. אַ שטיק זון האָט אויפֿגעשיינט אַרום איר מויל און ווי פֿאַרווישט די קאַרבן און דעם ווייטיק אַרום זיי.

נאַטאַליאַ איז געשטאַנען אין דרויסן און באַוווּנדערט די שיינקייט פֿון גאָרטן. אַ שווער געפֿיל האָט זיך אין אים צעבונדן. ער האָט נישט געוווּסט, צי דעם דאָזיקן געפֿיל האָט געבוירן אַ לעצטער פֿונק פֿון אַן איינגעדרימלטער בענקשאַפֿט נאָך זיין ערשטער ליבע, צי גאָר עפּעס אַ וואָרענונג איבערצורייסן אויף אייביק די פֿעדים, וועלכע פֿאַרקניפּן אים נאָך מיט איר.

ער האָט זיך אָנגעהויבן צו שרעקן פֿאַר יהודיתעס נקמה... אים איז געקומען אויפֿן געדאַנק, אַז זי וועט אויסגעפֿונען זיין אַדרעס און אים שרייבן אַנאָנימע בריוו, איבערהויפּט צו זיין ווייב. ער איז באַהערשט גע־וואָרן פֿון אַ שרעק, אַז זיין גליק קען נאָך חלילה פֿאַרשאָטנט ווערן. זיין נייער וועג אין דער בירגערלעכער באַקוועמער וועלט האָט אים געמאַכט אינגאַנצן פֿאַרגעסן, ווער יהודית איז געווען און ווי ריין ס'איז געווען זייער ליבע... אין די דאָזיקע אומרויִקע מינוטן האָבן זיך אין אים צעצונדן נאָך אַנדערע נאַרישע געדאַנקען און מיינונגען...

באַלד האָט אויף אים אַ שלאָג־געטון מיט די שמעקנדיקע ריחות פֿון די בלומען און אָט־די ריחות האָבן אים דערמאָנט אָן יהודיתעס געטרייע ווערטער. און ער האָט זיך דערמאָנט, אַז גראָד אין די טעג פֿון זייער גרויס גליק פֿלעגט זי נישט איינמאָל זאָגן:

„מיין גאַנץ לעבן האָב איך געשטרעבט אָפּצוהיטן מיין נשמה פֿון שלעכטס און זי צו פֿאַרפֿולקאָמען. איך האָב מורא געהאַט פֿאַר די פּראָסטע

דאַרפס־יונגען, מורא געהאַט אַפילו פאַר אַזאַ תמימותדיקן מענטש ווי מיין טאַטע איז געווען. איך האָב תמיד געוואָלט זיין זיכער מיט מיין אינער־לעכער וועלט. מיר איז נישט אָנגעשטאַנען צוצובינדן צו מיר אַ מאַן דורך פּאַפּירענע פּאַראַגראַפן און געזעצן... מיינע געזעצן זענען מיין ליבע און מיין געטריישאַפט. ווען דו וועסט מיך אויפהערן צו ליבן און פון מיר אַוועקגיין, וועל איך דיך קיינמאָל נישט צוריקרופן... צו וואָס וועל איך דאַרפן אַ מענטש, וואָס האָט מיך פיינט?... דאַן וועל איך אַוועק אין אַ דאָרף און מיך אָפּגעבן מיט פלאַנצן בלומען...".

די דאָזיקע דערמאָנונג האָט נאַטאַליאַן באַרויִקט. ער האָט זיך אַריינ־געזעצט אין אויטאָמאָביל און זיך רוישלאָז אַ טראָג געטון צום ראָג, אָבער יהודיתעס שטים איז אים ווי אַ קליין שדעלע נאָכגעלאָפן: „נאַטאַליאַ, ווען דו וועסט ענדיקן שטודירן, וועלן מיר זיך באַזעצן אין די קאָרדאָבער בערג אָדער גאָר ערגעץ ווייט אין אַ יידישער קאָלאָניע, וווּ אונדזערע קינדער וועלן אויסוואַקסן ערלעכע און געזונטע..."

ער האָט פעסט געטראָטן אויפן גאַז־רעדל. זיך געיאָגט דורך דער געגנט, אָבער אירע מאָנענדיקע אויגן, פולע מיט ליבע און געטריישאַפט, זענען אים נאָכגעלאָפן און האָבן עפּעס געמאָנט און באַשולדיקט...

קאַפּיטל זעכצן

בייטאָג איז אין מאַרטאַס צימער געווען שטיל ווי אויף אַ בית־עולם. אין די טיפע, נאַסע ווינקלען האָבן זיך געשאָטנט בלויע שטיקער שיין און אַ שווערער אומעט. ריחות פון אַלערליי רפואות האָבן געהאָנגען אין דער לופטן און ווי באַטויבט מאַרטאַס שרעק. אַ צעבראָכענע איז זי געזעסן אויפן זוים פון פריש איבערגעצויגענעם בעטל און זיך אַבלדיק געהוידעט אַהין און צוריק. זי האָט געהאַלטן דעם קינדס הענטלעך אין אירע הענט און זיי אַזוי שטאַרק געפּרעסט, ווי זי וואָלט מורא געהאַט, אַז דער טויט וועט באַלד ביי איר אַוועקרייסן די טאָכטער.

די קליינע האָט געדרימלט ווי אַ שוואַכער, האַלב־דערטרינקענער פויגל מיט אַן אָפן מויל און האַלב־געעפנטע אויגן. מאַרטאַ האָט געהאַט דאָס געפיל, אַז די עטלעכע פּעניסילין־איינשפּריצונגען, וואָס זי האָט גע־מאַכט דער טאָכטער, וועלן דאָך אָפּראַטעווען איר לעבן. זי האָט זיך אָבער שטאַרק געשראָקן פאַר דער אָפּגעשוואַכטקייט פון קראַנקן נפשל און פאַר

דעם נערוועזן ציטער, וואָס איז אַלע ווײַלע דורכגעלאָפן איבער דער קלײַנערס לײַב.

מאַרטאַ האָט פאַרשטאַנען, אַז בעת איר אָפּוועזנהייט איז זי, די קלײַנע, בײַנאַכט געלאָפן זי זוכן צו יהודיתן, און זי האָט זיך אויסגעגליטשט און איז אַ לענגערע צײַט געבליבן ליגן אין דער בלאָטע, אונטער אַ שטראָמיקן רעגן. די דאָזיקע גערדאַנקען האָבן זי פּשוט ווילד געמאַכט. זי האָט זיך געהאַלטן פאַר דער איינציקער שולדיקער אין דער טאָכטערס פאַרערגערטער קראַנקייט אַצינד; אין די שווערע מינוטן פון חרטה און באַדויער וואָלט זי מיט פאַרגעניגן געוועזן אַוועקגעגעבן איר אייגן לעבן, אַבי צו קענען ריינוואַשן דעם באַגאַנגענעם חטא קעגן קינד און קעגן מאַן. אָ, ווען זי וואָלט דאָס געקאָנט פאַרגעסן און אויפסניי ווערן אַ קרבנות־גרייטע מאַמע! איר נשמה האָט געבלוטיקט. זי האָט זיך געשראָקן פאַר גומערסינדאָס באַגעגעניש מיט איר מאַן... אַ ביטער פאַרגעפּיל האָט געפרעסן איר האַרץ. זי האָט געטראַכט: זאָל נאָר די קלײַנע צוריק געזונט ווערן. די הויפּטזאַך איז דאָס קינד און שפּעטער מעג קומען אַפילו דאָס ערגסטע. זי אַליין וועט אויסזאָגן דעם מאַן, אַז זי געהערט צו אַ צווייטן. זאָל ער טון, וואָס ער וועט וועלן. זאָל ער זי דערהרגענען, זאָל ער בײַ איר צונעמען די קינדער, זאָל ער!

אין דעם מאָמענט האָט זיך גומערסינדאָ אַרײַנגעשאַרט אין צימער, שטיל און אויף די שפּיצן פון די פינגער, אַן אויסגעפּוצטער, מיט אַ נײַער, דרײַשפּיציקער פאַטשיילע אַרום דעם האַלדז און מיט נײַע שטרײַקענע שיך אויף די פיס. ס'האָט פון אים געווייעט מיט ערנסטקייט. ס'איז געווען קענטיק, אַז ער האָט זיך געגרויסט מיט דער ליבע, וועלכע מאַרטאַ האָט אים ענדלעך געשענקט. ער האָט היימישלעך אויסגעטון דאָס רעקל און עס אויפגעהאַנגען אויף אַ פאַרענטש פון אַ בענקל. דאַן איז ער צוגעגאַנגען צו מאַרטאַן און איר געטרײַ געקושט די טרוקענע ליפּן.

נאָכהער האָט ער זיך אָנגעבויגן איבער דער קלײַנער און איר לאַנג אַרײַנגעקוקט אין די האַלב־אָפענע אויגן, צוגעלייגט די באַק צום קינדס פּנים און זיך באַלד ווידער אויסגעגלײַכט, האַלטנדיק אויף מאַרטאַן די געטרײַע אויגן, פולע מיט צוזאָג און פאַראַנטוואָרטלעכקייט.

— נו, פאַרוואָס אַזאַ טרויער? זעסטו דען נישט, זיס הערצעלע מײַנס, אַז אין פאַרגלײַך צו הײַנט אינדערפרי איז איר איצט בעסער? אַז די קלײַנע הייבט ווידער אָן קומען צו זיך? — האָט ער געטענהט און געפּירט מיט אַ פינגער אַנטקעגן איר פּנים.

זי האָט נישט אויפגעהויבן צו אים די אויגן. זי האָט ביטער אין זיך אַרײַנגעזיפצט. גוסערמינדאָ האָט זי געטרייסט:

— מיר וועלן זי מיט גאָטס הילף ווידער געזונט מאַכן. יעדער מענטש, זיס הערצעלע מיינס, האָט זיך זיין גורל!

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן און מעשה באַלעבאָס און מאַרטאָס איינ־ציקער פאַרזאָרגער איז ער אַריין אין קיך, צוגרייטן עפּעס עסן פאַר אי־רעטוועגן און גלייכצייטיק אויך געמאַכט פאַר זיך אַ מאַטע. באַלד איז ער צוריקגעקומען מיט אַ טעצל אין די הענט, אַ פולס מיט געטריקנטע פע־ניצלעך ברויט, אַנגעשמירטע מיט פוטער און האָניק; עס אַוועקגעשטעלט אויפן טיש, האָט ער איר געטריי דערלאַנגט אַ מאַטע, איר צוגעטראָגן צום מויל אַ פעניצל ברויט און דערביי אַריינגעקוקט אין די פאַרוויינטע אויגן אַריין.

— נעם, זיס הערצעלע מיינס, זאָרג נישט צופיל, יעדער מענטש האָט זיך זיין גורל און זיין מזל.

זי האָט אַ נישט ניתהדיקן שמייכל געטון און אַוועקגעשטופּט אָן אַ זייט זיין האַנט מיטן פעניצל ברויט. אָבער גומערסינדאָ האָט נישט נאָכ־געגעבן.

— נעם, עס, נשמה מיינע. מיר מוזן זיך שטאַרקן. מיר האָבן דאָך אַ קראַנק קינד!

פרישע טרערן האָבן אַ פלייץ־געטון פון מאַרטאָס אויגן. געררטקייט האָט אויפגעציטערט אַרום אירע קינבאַקן און זי האָט געטראַכט: ווען דאָן פילקע וואָלט כאָטש איינמאָל געוועזן געדעדט צו איר אין אַזאַ וואַ־רעמען טאָן און זיך אַזוי זאָרגן פאַר איר געזונט, וואָלט זי דאָך קיינמאָל נישט געוועזן אַריינגעפאַלן אין די הענט פון דעם דאָזיקן פשוטן מענטשן. איר מאַן לייענט ביכער, באַזוכט אָפּערעס, אָבער דאָס ווייב זיינס באַ־האַנדלט ער אין בעסטן פאַל ווי אַ שטוב־הונט, האָט זי שטיל, אין זיך אַריינגעוויינט. יאָ, ער לעבט איצט אַ גוטן טאָג מיט סוסין און זי ווערט צעריסן פון צרות צוליב אַ חרטה־געפיל אויף באַגאַנגענע זינד...

גומערסינדאָ האָט אַרויסגענומען דאָס נאָזטיכל פון קעשענע און איר אויסגעווישט די פאַרטרערטע אויגן.

— מאַמעלע מיינס, איך ווייס! יעדער מענטש, מאַרטעלע, האָט זיך זיין גורל און זיין שטערן! קיינעם העלפט נישט דאָס ברעכן זיך דעם קאָפּ.

זי האָט צוגענומען פון אים דאָס שטיקעלע ברויט, מעכאַניש געקייט און זיפצנדיק פאַרטרונקען מיט דער מאַטע. זי האָט שטיל אַריינגעשעפּ־טשעט אין זיינע גליקלעכע ליבע אויגן און זיך געבעטן ביי אים:

— גיי דיר אַהיים, גיי, און האָב רחמנות אויף מיר און אויף מיין קינד!

— אָבער מאַרטיטאַ, זיס הערצעלע מיינס, — האָט ער זיך דער־שראָקן און בעטנדיק אַריינגעקוקט אין איר פאַראומערטן פּנים — וואָס טוט זיך מיט דיר? ביסט ביי דעם קלאָרן פאַרשטאַנד? ווער, לעבן מיינס, וועט דיר העלפן און זאָרגן פאַר דיר, ווען נישט איך? זענען מיר דען נישט קיין מאַן און ווייב?...

זיינע פּשוטע, נאַקעטע ווערטער האָבן זי דערשראָקן. זי האָט נאָך נישט געהאַט באַנומען די אומגעהויערע ענדערונג, וואָס איז מיט איר פאָרגעקומען. זי האָט מיטאַמאָל באַגריפן דאָס אומגלויבלעכע און אַ גע־שריי איז איר געבליבן שטעקן אין האַלדז און זי געדראָט צו דערשטיקן. זי האָט נישט געקענט אַרויסברענגען קיין וואָרט.

גומערסינדאָ האָט זי ווייטער געטרייסט מיט זיין וואַרעמער, גע־טרייער שטים, איר געגלעט די האָר פון צעקנוידערטן קאָפּ און ווייך גערעדט צו איר:

— האָב נישט קיין מורא, זיס הערצעלע מיינס, גומערסינדאָ איז אַ מאַן אַ גאַוטשו! אַן אמתער גאַוטשו וועט קיינמאָל נישט איבערלאָזן זיין „זו̇עלע״, נאָך דערצו ווען עס דראָט איר אַ געפאַר!...

מאַרטאַ האָט זיך אַביסל באַרויִקט. גומערסינדאָס פּראַסטקייט האָט זי געריִרט און דערהויבן. ער איז איר געוואָרן טייער. זי האָט אים גע־גלויבט, זיינע ווערטער האָבן זי איבערצייגט אין זיין ערלעכקייט און אויפריכטיקייט. זי האָט געדאַנקט גאָט, וואָס ער איז דאָ, וואָס ער זאָרגט זיך פאַר איר און ער קומט אַלעמאָל צו לויפן זען וואָס זי טוט און וואָס ער קען טון פאַר איר. אומגעריכט, מיטאַמאָל, ווי דאָס פּלוצימדיקע פאַלן פון אַ קאָמעט, האָט זי דערפילט אמתע ליבע, און פאַרשטאַנען אַז עס איז טאַקע פאַראַן אמתע ליבע, אַז ליבשאַפט באַדייט קרבן און פּשוטע, מענטשלעכע איבערגעגעבנקייט. און צום ערשטן מאָל האָט זי פון גאַנצן האַרצן געפילט אין זיך אַ ווונטש, ווי גוט עס וואָלט געווען, ווען איר מאַן זאָל שוין אויף תמיד בלייבן ביי סוסין. מעגן זיי וווינען אין איר, מאַר־טאַס, שטוב. זי וואָלט שוין אפילו מער ביי אים גאָרנישט געמאָנט, נישט פאַר אירעטווועגן און נישט פאַר דער קראַנקער טאָכטער. זי וועט ליבער גיין אַרבעטן אין אַ פאַבריק אָדער אריינעמען אַרבעט אין שטוב און העלפן גומערסינדאָן אויפבויען אַ לייטיש היימעלע. ער איז גוט און געטריי ווי אַ מאַמע. יאָ, גומערסינדאָ איז אפילו ווערט אַ פרוי פון אַזאַ פיינער פאַמיליע ווי זי איז. זי וועט זיך אים אָוועקגעבן מיט איר גאַנצן לייב און לעבן. ער האָט איר ווידער צוריקגעגעבן די ווירדע פון אַ פרוי און פון אַ מענטש. זי וועט פון אים געבוירן אַ קינד. ער איז דאָס ווערט. ער וועט זיין אַ שטאָלצער פאַטער!

אויך גומערסינדאָ האָט זיך דערפילט אַ געהויבענער. דער שמייכל אויף איר פּנים האָט אים באַגליקט און מיט פרייד אין זיין קול האָט ער די שטילקייט איבערגעריסן:

— מאַרטיטאַ, זיס הערצעלע מיינס, נעם און טו ווידער אויס די „שוואַרצע תכריכים“, זיי פּאַסן דיר נישט. דאָס איז אָן אויפטו פון דיין מאַן. ער האָט, ווייזט אויס, געוואָלט, אַז דו זאָלסט דיך פילן נישטיק, טרויעריק און ער זאָל אַזוי אַרום זיך קענען גיין אין זיינע וועגן. דערפאַר האָט ער דיך אַלע יאָרן געלאָזט טראָגן די פינצטערע שמאַטעס.

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן און אַרויסגענומען פון קעשענע אַ גרויסן שאָקאָלאַד און האָט אים אַרונטערגערוקט אונטער דעם קינדס צוקאָפּנס. אַ צופרידן שמייכעלע האָט זיך צעלייגט אַרום זיינע שפּיציק־פאַרדרייטע וואָנסעלעך ווען ער האָט געזאָגט:

— דאָס איז פאַר דיינעטוועגן, זיס הערצעלע מיינס! היט דיר אָפּ דאָס געזונט! אונדזער וועג איז נאָך אַ לאַנגער און דאָס לעבן איז זיס און טייער.

ער האָט זיך צו איר אַראָפּגעבויגן און ווידער געקושט אירע ליפּן, געגלעט דעם קאָפּ און זיך מיט איר געקוויקט ווי אַ שיכור מיט אַ פלאַש גוטן וויין. און אַ קוק־טוענדיק אויף דער קליינער, האָט ער צוגעגעבן:

— גאָט צו דאַנקען זי שלאָפט. זי הייבט שוין אָן קומען צו זיך!

דאַן פילקע האָט אומגעריכט זיך אַריינגעשאַרט אין צימער, געוואָרפן אַרום זיך אַ צעמישטן בליק, איז גלייך צוגעלאָפן צום בעטל און זיך אָנגעבויגן איבער דער קליינער. ער האָט זיך צוגעהערט צו איר שטילן אָטעמען.

מאַרטאַ האָט זיך אויפגעהויבן, נאָר גומערסינדאָ האָט זיך נישט גערירט פון אָרט.

דאַן פילקע האָט זיך צוריק אויסגעגלייכט, אָנגעשטעלט אויפן ווייב די צעטראָגענע בליקן און בייז געפרעגט:

— וואָס האָט דאָ געטראָפן מיט דער קליינער? פאַרוואָס זעט זי אויס אַזוי שרעקלעך?

מאָנונג איז געווען אין זיין טאָן.

מאַרטאַ האָט זיך ווידער געפילט ווי צעבראָכן. דער דרך־ארץ צו דעם הערשערישן מאַן איז ווידער אין איר וואַך געוואָרן. אירע ליפּן האָבן זיך געקרומט און אירע אויגן זענען צעשראָקן און פאַרטריבט געוואָרן. גומערסינדאָן האָט וויי־געטון מאַרטאַס פאַרלוירנקייט. ער האָט אָנגענומען אַ דראָענדיקע האַלטונג...

אויך דאָן פילקע האָט געשוויגן. זיין ווייבס צעבראָכנקייט האָט אים אָפּגעהאַלטן פון שטרענגקייט, ביי אים אַוועקגענומען דעם מוט צו שרייען

און צו געוואַלדעווען, ווייל גאַנץ פרי האָט מאַרטאַ צו אים אָנגעקלונגען. ער איז נאָך געווען אין בעט... ער האָט געוווסט, אַז מאַרטאַ איז נישט די איינציקע שולדיקע אין דער קליינערס קראַנקייט; פאַרשטאַנען, אַז דאָס ווייב זיינס האָט געוווסט, אַז בעת זי האָט אים גערופן, איז ער געלעגן לעבן סוסין. עס איז אים אויך נישט אָנגעשטאַנען, וואָס גומערסינדאָ האָט זיך געהאַלטן אַזוי נאָענט צו זיין ווייב. עס האָט אים פאַרדראָסן וואָס זי האָט דערלאָזט, אַז דער דאָזיקער רויער יונג זאָל ווערן איר אַרויסהעלפער, אָבער קיין געפיל פון אומצוטרוי צו איר האָט ער נישט געהאָט. דאָן פילקע האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ גוט דערצויגינעם מאַן און נישט געוואָלט אַרויסווייזן זיין כעס...

— קוקיטאַ — האָט ער זיך ווידער אָנגעבויגן איבער דער טאָכטער און געטריי אַריינגערעדט אין אירע האַלב אָפענע, פאַרגלייזטע אויגן, — קוקיטאַ, קינד מיינס, אָט איז דאָך דיין פאַפּי לעבן דיר!

אַ קרענקלעכע גרימאַסע האָט אויפגעציטערט אַרום אירע בלוטלאָזע ליפּלעך. דאָס איינגעפאַלענע געלע פּנימל האָט זיך באַדעקט מיט אַ ביסעלע פאַרב. זי האָט אַ שוואַכן זיפץ־געטון, ווי אַ פישטש פון אַ נאַר־וואָס געבוירן קינד, און האָט קוים מיט מי אויפגעמאַכט די מיט בלוט־פאַרלאָפענע אויגן פולע מיט שרעק.

אויך אין דאָן פילקעס אויגן האָט זיך אָנגעצונדן אַ מאָדנע שרעק. ער האָט ווידער געפרעגט דאָס ווייב:

— פאַרוואָס האָט דאָס קינד אַזעלכע דערשראָקענע אויגן? האָסט זי דאָ איבערגעלאָזט אַליין? און וואָס האָט געזאָגט דער דאָקטער?

— כודיט האָט גערעדט מיטן דאָקטער — האָט מאַרטאַ גערעדט ווי צו זיך.

ער האָט איר צוגעוואָרפן אַ בייזן בליק און מיט חשד אָנגעהויבן קוקן אויף די פלעשלעך מיט די רפואות, וועלכע דער דאָקטער האָט פאַר־שריבן. און ווידער איבערגעטראָגן די צעצונדענע בליקן צום ווייב. ער האָט זיך שוין נישט געקאָנט איינהאַלטן און גערעדט ווי נישט מיט זיין געוויינלעכער, אָפּגעמאָסטענער שטים:

— ווען האָט זיך די קליינע פאַר דער קורצער צייט אַזוי שטאַרק פאַרקילט? וויפל אינזשעקציעס פון פעניסילין האָסטו איר שוין געגעבן?

טרערן האָבן אַ פלייץ געטון פון אירע אויגן. זי האָט זיך ווידער דערפילט ווי די איינציקע שולדיקע אין דער קראַנקהייט פון איר טאָכ־טער. דאָן פילקע האָט אַ טיפ־געטון מיטן אַ פוס אויפן דיל און גערופן:

— פאַרמאַך דיין טרערן־זעקל, דו בהמה, דו אומגעטרייע מאַמע! זאָג מיר, וואָס האָט דאָ געטראָפן מיט מיין אָרים קינד? זאָג, זאָאָאָג!!!

גומערסינדאָ האָט אים אַרויסגעשטעלט זיין רעכטן אקסל און אַ פּאָר־אַכטנדיק שמייכעלע האָט אויפגעציטערט אַרום זיינע ווי שפּיזן צוגעשפּיצטע וואָנצעלעך. ס׳האָט פון אים אַרויסגעברומט ווי פון אַ צערייצטן בער.

— מיט וואָס פאַר אַ רעכט קומט מען אַהער שרייען און באַליידיקן אַ פרוי? אז מען איז אַזאַ געטרייער טאַטע ווי איר, לאָזט מען נישט איבער דאָס קראַנקע ווערעמל און מען גייט נישט אַ לעב־טון מיט דעם „ווייסינקען גענדזועלע״, מיט דער סוסקי!

ער איז אנטשוויגן געוואָרן, אָבער דער מאָנענדיקער אַקסל האָט געדראָט און אָפּגעוואָרט. ביידע האָבן זיך שווייגנדיק אַדורכגעשפּיזלט מיט די מעסערדיקע אויגן, און צווישן זיי האָט געשוועבט דער טויט.

דאָ פּילקע האָט פאַרביסן געזייעט דורך די ציטערנדיקע ליפּן:

— אַרויס פון מיין שטוב, דו ליידיקגייער, דו אויסוואורף!

— זיין שטוב איז דאָס! — האָט זיך גומערסינדאָ געווענדט צו דער אויפגעצאפּלטער מאַרטאַן, — וואָס זאָגסטו נישט צו אים?

דאָן פּילקע איז אונטערגעשפּרונגען מיט זיין צעפלאַמטער מענערישער ווירדע, געטופּעט מיט די פיס און געשריען ווי נישט מיט זיין קול:

— אַרויס פון דאַנען, האָב איך געזאָגט, דו מאַמזערוק, דו רופיאַן איינער! אַרויס, איידער איך לאָז דיר אַרויס די קישקעס פון בויך! — און ער האָט געפאָכעט מיט אַ פויסט אין דער לופטן.

גומערסינדאָ האָט אים אָפּגעגאָסן מיט אַ צעקרימטן שמייכל און פּאַוואָלינקע אַרויסגעצויגן דאָס מעסער פון שיידל ביים גאַרטל אַרום זיינע לענדן:

— קום, דו ים־קאָטער, קום אַרויס פון שטוב און מיר וועלן זיך פאַרמעסטן ווי מאַן קעגן מאַן!

צעמישונג האָט זיך געטיקט אין פּילקעס אויגן. ער האָט אַרויסגעצויגן דעם רעוואָלווער פון דער הינטערשטער הויזן־קעשענע. דאַן האָט זיך מאַרטאַ אַ ריס־געטון פון אָרט און זיך אַוועקגעשטעלט צווישן ביידע מענער. דער פּחד האָט פון איר אַרויסגערעוועט:

— גומערסינדאָ, אין נאָמען פון גאָט, איך בעט דיך, טו דאָס נישט!

איר קול איז געבליבן הענגען אין דער לופטן און געציטערט איבער אים ווי אַ דראָענדיקער צייכן. ער האָט אַ הייב־געטון דאָס רעכטע אַקסעלע קעגן דאָן פּילקען, אַ שפּיי־געטון אין דער לינקער דלאָניע און צוריק אַריינגערוקט דאָס מעסער אין שיידל, אַרויסגעלאָזט אַן אָפּגעריסענעם זיפץ דורך די בייז־צעפּאָכעטע נאָזלעכער, אַ פאָך־געטון מיט דער האַנט אין דער לופטן און אָפּגעטראָטן.

— וואַרט, וואַרט, דו טרוקענער ים־קאַטער, אונדזערע חשבונות זע־נען נאָך נישט אויסגעגלייכט! איך וועל דיר שוין ווייזן, וואָס ס׳הייסט דערנידעריקן אַן אָרימע, אומבאַשיצטע פרוי!

ער האָט זיך אויסגעדרייט און איז מיט אַ זייטיק געגנגעלע אַרויס פון צימער.

ווי צוויי אבלים זענען מאַן און ווייב געשטאַנען איינס אַנטקעגן אַנ־דערן, שטומע, די קעפּ געזונקענע און ביידע האָבן זיך געהאַלטן פאַר די שול־דיקע אין זייער קינדס קראַנקייט. אַ שטאַרקער כוח האָט זיי געהאַלטן לעבן בעט פון דער קראַנקער. דער דאָזיקער כוח האָט אין די מינוטן פון האַס און אויפגעפלאַמטן צאָרן אין ביידנס הערצער אָפּגעטויט די אייגנ־ליבע.

דאָן פילקע האָט זיך אַ ריס־געטון פון אָרט און אַרויסגעגאַנגען. ס׳האָט פון אים אַרויסגעשריען:

— סעניאָריטאַ כודיט!

יהודית איז אַרויסגעקומען אַ דערשראָקענע. בלייכקייט און אַן אומרו האָבן געריזלט אַרום די קאַרבן פון איר מויל.

— ווי אַזוי האָט זיך די קליינע מיינע אַזוי שטאַרק פאַרקילט? — האָט ער אומרויִק געפרעגט. — וואָס האָט אייך דער דאָקטער געזאָגט?

יהודיתן איז ענג געוואָרן אין האַרצן. זי האָט מורא געהאַט פאַר אַן אומפאַרזיכטיק וואָרט, אַ וואָרט וואָס וואָלט געקאָנט דערפירן צו אַ פאַמיליע־דראַמע. זי האָט ברייטער צעעפנט די אויגן, ווי זי וואָלט אַראָפּגעשלונגען אַ גרויסע, ביטערע פּיל. און נאָך איידער זי האָט גע־פונען דאָס לשון צו ענטפערן, האָט דאָן פילקע ווידער געפרעגט:

— וואָס האָט געזאָגט דער דאָקטער?

— ער האָט געזאָגט — האָט יהודית צעצויגן די ווערטער — אַז פאַרנאַכט וועט ער דאָ זיין און מיט אייך רעדן!

— די קליינע איז דאָך מיר געוואָרן אויס מענטש. — האָט זיך דאָן פילקע נישט געקאָנט באַרויִקן. — האָט די מאַמע זי אפשר אַרומגע־שלעפּט איבערן גאָרטן, ווען עס האָט אַזוי געגאָסן? וואָס שווייגט איר, כודיט?

יהודית האָט אים אָפּגעגאָסן מיט דער קלאָרקייט פון אירע צעשראָ־קענע אויגן און געענטפערט:

— איך שווער אייך ביי גאָט, אַז נעכטן, טאַקע ווען דער רעגן האָט אַזוי שטאַרק געגאָסן, איז נישט מאַרטאַ און נישט די קליינע געווען ביי מיר. איך שווער אייך...

ער האָט זיך עטוואָס באַרויִקט און דער כעס צום ווייב איז שטילער

גענוואָרן. אָבער גומערסינדאָס געוואַגטקייט האָט יאָ געלאָזט אַ ווונד אין זיין האַרץ. ער איז נישט געווען געווינט, אַז עמיצער זאָל אים שטראָפן און דערצו נאָך אין דער אַנוועזנהייט פון זיין פרוי. פריער האָט ער גע־מיינט, אַז ס'איז איינער פון יענע „קריאָזשאַס", וועלכע זענען באַקאַנט ווי „אַריינמישערס". זיי מישן זיך אומעטום, סיי אויף חתונות און סיי אויף לוויות. זיי בעטן איבער צעקריגטע חתן־כלה אָדער מאַן און ווייב. ער האָט גוט געקענט מאַרטאַס ערלעכקייט און איר ווידערווילן צו יעדן פּראָסטאַק. דערפאַר האָט ער באַשלאָסן משלח צו זיין גומערסינדאָן און אַ סוף צו מאַכן צו זיין פריינטשאַפט מיט מאַרטאַן.

— איך האָב נאָך מיין טאָכטער נישט געזען אין אַזאַ דעליקאַטן צושטאַנד, — האָט ער זיך ווידער געווענדט צו יהודיתן, — איך הייב נישט אָן צו פאַרשטיין, וואָס ס'איז דאָ מיט איר פאָרגעקומען אין אַזאַ קורצער צייט!

יהודית האָט געשוויגן. זי האָט אויסגעזען, ווי נאָך אַ שווערן תענית. ווייל חוץ דער פּאַסירונג מיטן קינד האָט די באַגעגעניש מיט נאַטאַליאַן אין איר אומגעוואָרפן אַלע צוימען, וועלכע זי האָט יאָרן לאַנג אין זיך אויפגעשטעלט, צוימען, וואָס האָבן זי אָפּגעטיילט ווייט פון אים און זי מער נישט געלאָזט טראַכטן, אַז ער וועט זיך נאָך אַמאָל אומקערן צו־ריק. זי האָט זיך געפילט שוואַך און צעבראָכן. דערפאַר האָט דאָן פילקעס כעס און זיין צודרינגלעכקייט אויף איר געווירקט דאָפּלט שלעכט. זי האָט זיך געווענדט צו אים אין אַ שוואַכן, כמעט בעטנדיקן טאָן:

— דערלויבט מיר ווידער אַריינצוגיין, איך מוז דאָך אַרבעטן, ווייל קיינער זאָרגט זיך נישט פאַר מיר.

ער האָט אַרויסגעפילט די מידקייט פון איר קול און איר צוגע־וואָרפן אַ צעשטרייטן בליק. דאַן האָט ער זיך העפלעך פאַרנייגט און איז ווידער אַריינגעגאַנגען צו זיך אין צימער.

יהודית האָט אים נאָכגעקוקט און נישט געוואָגט מיטצוגיין זען, וואָס די קליינע מאַכט. זי האָט מורא געהאַט זיך נאָך אַמאָל צו טרעפן מיט נאַטאַליאַן און נאָך מער דערפאַר, אַז ער קען אויך מיטברענגען דאָס ווייב און די קינדער. ווייל זיי זענען דאָך מאַרטאַס קרובים. זי האָט גע־וואָלט אַנטלויפן מער פון זיך אַליין ווי פון נאַטאַליאַן. זי איז געווען צע־רודערט און האָט נישט געוואָלט, אַז ער זאָל זי זען אין אַזאַ צושטאַנד.

יהודיתן האָט פאַרדראָסן, וואָס אַ נייער באַרג צרות האָט זיך אויף איר אַראָפּגעלאָזט און וואָס זי אַליין מוז זיך אָנשטרענגען זיך צו ראַ־טעווען, אויב זי וויל נישט דערשטיקט ווערן ווי אונטער אַן איינגעפאַלע־נער חורבה. זי איז אַריין אין שטיבל און האָט קעגן איר ווילן אויפגע־

הויבן די אויגן צו דער פּידל הינטערן קליידער־שאַפקעלע. זי האָט זיך דערמאָנט אָן קעשינס וואָרענונג: „דער דאָזיקער אַלטער דרימפּיטש, יהו־דיתל, איז דיין פּריצייטיקער טויט...“

זי האָט זיך אַרומגעקוקט אין אַלע ווינקעלעך. אַ טויטע שטילקייט אינאיי־נעם מיט נאַטאַליאַס אָטעם האָט געשוועבט איבערן שטיבל. זי האָט געפילט, אַז נאָך איידער זיין אלטער ריח האָט זיך אויסגעוועפּט, איז ער אַהערגע־קומען אינדערפרי און איבערגעלאָזט אַ נייעם, געזונטן ריח פון זיין לייב און דער דאָזיקער ריח איז אין איר געבליבן שטעקן ווי אַ סם. ער איז אַריין אין איר בלוט ווי אין די ערשטע חדשים נאָכדעם ווי ער האָט זי פאַרלאָזט.

זי האָט געזיפצט ווי אַ געבונדענע און באַשלאָסן צו שטעלן אַ ווי־דערשטאנד קעגן איר שוואכקייט. זי האָט זיך עטלעכע מאָל אַרומגעקוקט, גלייך זי וואָלט עפּעס געזוכט, אָבער אַרום איר איז געווען שטיל און די זויבערקייט אין שטיבל האָט זי געשראָקן און געוועקט אַ בענקשאַפט. און ווידער האָט זי זיך פאַרטראַכט: ווי גוט ס׳וואָלט געווען, ווען נאַטאַליאַ איז מיט איר! זיי וואָלטן אַצינד געזעסן אויפן געבלימטן טעפּעך אין אַ ווינקעלע דאָרט אויף דער ערד, פון קיינעם נישט געשטערט, און זיך גע־קושט, געקושט... אַזוי האָבן זיי געטון, ווען זיי האָבן געוווינט אין דאָניאָ בערטאָס אויבערשט צימערל. ווי גוט און שיין איז דאַן געווען! ווי שיין איז נאָך איצט זיין געלאָקטער קאָפּ האָר! ווי שיין זענען די שוואַרצע מאַנדל־אויגן! און די דאָזיקע אויגן צערטלען און גלעטן אַ צווייטע! — האָט די אייפערזוכט געגאָגט דאָס שוואכע האַרץ אירס. באַלד אָבער האָט זי זיך פאַרשעמט פאַר אירע קנעכטישע געפילן צו אים און איר צע־טרעטענע אייגנליבע האָט זיך צעשריען און געמאָנט גערעכטיקייט: „רייס אַרויס פון דיר זיין געדעכעניש! ראַטעווע דיך פון אַ פאַרשעמונג! אַנט־לויף פון דיין אייגענער קנעכטשאַפט!“

זי איז ראַפּטום צוגעלאָפן צום ווינקל הינטערן שאַפקעלע, אַראָפּגע־נומען די אַלטע פּידל פון דער וואַנט, זי אויפגעהויבן און מיטן גאַנצן כוח אַראָפּגעלאָזט אויפן פאַרענטש פון אייזערנעם בעטל. אַזוי נאָכאַמאָל און נאָכאמאָל אָנגעקלאַפּט אָן אייזן, ביז דאָס טרוקענע האָלץ האָט האַרט־נעקיק אַ קרעכץ־געטון און די פּידל איז פונאנדערגעפאלן. דאַן האָט זי זי אַ וואָרף געטון אין אַ ווינקל און איז אַ ווילע געבליבן שטיין מיט אַ געזונקענעם קאָפּ און פאַרטערטע אויגן. זי האָט באַדויערט דעם לעצטן צעבראָכענעם רעשט פון אן אָנדענק פון אן אויסגעוועפּטן חלום...

די צווייגלעך אין אָפענעם פענצטערל האָבן שטיל געשאָרכט און אַריינגעלאָזט אין שטיבל מחיהדיקע ריחות פון צוויט און אַלערליי בלו־

מען. אָבער אויך נאַטאַליאַס שטים איז אַריין דורכן פענצטער און זי גע־פּייניקט: „ביז שפּעטער, מאַרטאַ, פאַרנאַכט וועל איך דאָ זיין“.

יהודית האָט ביטער געשמייכלט. געחוזקט פון זיך גופא און אָנגע־הויבן צו גלויבן, אַז זי איז ווי אויך להכעיס עמיצן געבוירן געוואָרן און זי וועט מוזן אָפּקומען אַזוי איר גאַנץ לעבן און ליידן נאָר דערפאַר, וואָס זי איז געקומען אויף דער וועלט קעגן דעם ווילן פון אירע טאַטע־מאַמע... קוקנדיק אויף דער צעבראָכענער פידל, האָט זי געהאַט דאָס גע־פיל, אַז אויך די נשמה אירע האָט זיך צעשפּאָלטן און די סטרונעס פון האַרץ וועלן שוין אייביק אויסזינגען איר טרויער.

די מינוטן האָבן זיך געצויגן ווי אייביקייטן. אין די דאָזיקע פּיינ־לעכע מינוטן האָט זי פיינט באַקומען דאָס לעבן, די מענטשן און די וועלט. אין די מינוטן פון גרויזאַמען עלנט האָט זי אַפילו געהאַט דעם באַגער, אַז די גאַנצע וועלט זאָל איינגעזונקען ווערן אינאיינעם מיט איר און מיט נאַטאַליאַס הויזגעזינד... זי האָט זיך דערשראָקן פאַר די דאָזיקע גרויזאַמע געפילן. אויך מורא באַקומען, אַז אויב זי וועט ווידער טרעפן נאַטאַליאַן, וועט זי נישט קענען באַהערשן אין זיך די שוואַכקייט און נאָך אָפּטון נאַרישקייטן, אָפּטון עפּעס אַזוינס, אויף וואָס זי וועט שפּע־טער חרטה האָבן און וועט דעם פעלער שוין מער נישט קענען ווידער פאַריכטן.

זי איז צוגעגאַנגען צום שאַפקעלע און אַרויסגענומען אַ לייכטן, בלויען מאַנטל און אַ פּאָר לייכטע שיכלעך אָן קנאָפּלען, זיך אויסגע־פּוצט און אויסגעלייגט די שווערע צעפּ אויף דעם הינטערשטן טייל פון קאָפּ, גענומען דאָס קליינע האַנטבייטעלע אונטערן אָרעם און איז אַרויסגע־גאַנגען פון צימער. זי האָט נישט געוווּסט, וווהין זי וועט גיין, איינס אָבער איז איר קלאָר געווען, אַז זי מוז זיך נעמען אין די הענט אַריין און אויסמיידן צו זען נאַטאַליאַן.

דער גאָרטן איז געשטאַנען אַ צעצוויטעטער און די ווייסע און ראָ־זעווע בלימלעך האָבן אַרויסגעלויכטן אויס דעם ים פון גרינקייט. די ביימלעך זענען געשטאַנען גלייכע און שטיפע ווי יונגע קאַדעטן און ווי זיגערישע נאָך דער רעגן־שלאַכט. יהודית האָט מיט צופרידנקייט באַ־טראַכט דעם גאָרטן, די פּרוכטן פון איר אַרבעט, און אַ שמייכל האָט זיך צעלייגט אַרום אירע ליפּן. זי האָט זיך דערמאָנט, ווי זי מיט ניגערן האָבן נעכטן ביינאַכט אָפּגעראַטעוועט דעם גאַנצן בלומען־אוצר. און ווידער איז גינער געשטאַנען פאַר אירע אויגן, אַן אויסגעווייקטער פון רעגן. ער האָט דאַן געהאַט אַלע חנען. און נעכטן איז זי געווען זיכער, אַז גינער

האָט זיך אַריינגעגנבעט אין איר נשמה. זי האָט געקוקט אויף די בלומען און איז געווען איבערראַשט.

אין דעם איז מאַרטאַ אַרויסגעקומען פון איר צימער און גיך, כמעט שוועבנדיק, זיך דערנענטערט צו יהודיתן און זי אַרויסגעריסן פון איר פאַרטראַכטקייט.

— כודיט, וווהין גייסטו? כודיט, לאָז מיך נישט איבער אַליין!

יהודית האָט זי באַטראַכט פול מיט זאָרג. מאַרטאַ האָט זיך צוגע־טוליעט צו איר און גערעדט דורך טרערן:

— דו ביסט דאָך מיין שוועסטער, נישט אמת? פאַרוואָס לאָזט דו מיך אַליין אין די דאָזיקע שווערע מינוטן? פאַרוואָס? ס׳האָט דיך נאָך קיי־נער נישט אַזוי ליב געהאַט און אַזוי גוט פאַרשטאַנען ווי איך, — האָט זי יהודיתן אָפּגעמאָסטן מיט וואַרימע בליקן.

— איך לאָז דיך נישט איבער, דו ביסט נישט אַליין...

— זאָג דאָס נישט! — האָט מאַרטאַ פאַרבראָכן די פינגער און אויפ־געהויבן צו איר דאָס וויינענדיקע פנים — מיין האַרץ איז פול מיט שרעק, עפּעס וועט דאָך דאָ מוזן פאַרקומען...

יהודיתעס בליקן האָבן אַ לויער־געטון צו דאָן קראָכמעלס פאַבריק־טויער. זי האָט שטיל געפרעגט:

— האָט זיך גומערסינדאָ שוין געטראָפן מיט דיין מאַן?...

מאַרטאַ האָט טרויעריק געשאָקלט מיטן קאָפּ און איר געשילדערט זייער באַגעגעניש.

— נו, גאָט צו דאַנקען, דערווייל האָט זיך גומערסינדאָ געהאַלטן אין די הענט — האָט יהודית פרייער אָפּגעאָטעמט.

מאַרטאַס אויגן האָבן אויסגעדריקט מורא פאַר אַ ווייטערדיקער באַגעגעניש פון דיביידע מענער. זי האָט זיך אָנגעהאָנגען אָן יהודיתן און זי צודרינגלעך געבעטן:

— בלייב דאָ, בלייב, איך האָב מורא צו זיין אָן דיר!...

— וואָס קען איך דיר העלפן, טייערע מאַרטיטאַ! — האָט זי זיך געפּרוּווט באַפרייען פון אירע שטאַרקע הענט. — איך גופא בין דאָך אויך נישט מער ווי אַ שטיקל צעבראָכענע כלי!

— דו ביסט אָבער גייסטיק שטאַרק! דו קענסט ווירקן אויף גומער־סינדאָן, אז ער זאָל וואַרטן, ביז די קליינע וועט געזונט ווערן... טו דאָס פאַר מיר, איך בעט דיך! — האָט מאַרטאַ געציטערט פון שרעק און אויפ־רעגונג.

זי איז געווען איבערצייגט, אַז אַריינמישן זיך אין מאַרטאַס ענינים וועט זיין סיי געפערלעך און סיי נישט שיין. האָט זי באַשלאָסן זיך האַלטן

פון דערוויטנס. ווייל מאַרטאַ אַליין מוז אויסטראָגן אויף זיך די לאַסט און די פּאָלגן, אַפילו דעם קאָפּ צו פאַרלירן. זי האָט זיך אויסגעגלייכט און פעסט געזאָגט:

— מאַרטאַ, איך גיי; איך גיי צו מיינע קליענטקעס נעמען אַרבעט... און דו, גיי דיר צוריק און גיב אַכטונג אויף דער קליינער! גיי און שטאַרק דיך!

— דער טאַטע איז איצט ביי איר — האָט איר מאַרטאַ איבערגע־שלאָגן די רייד — אין זיין אָנוועזנהייט בין איך דער איינזאַמסטער פון אַלע איינזאַמע אויף גאָטס ערד.

ערשט איצט האָט יהודית דערפילט, אַז איר פריינדן איז אַ סך אומגליקלעכער פון איר.

— וואָס טוט די קליינע? — האָט יהודית זי געפרעגט.

— ס'איז איר גאָט צו דאנקען אַ ביסעלע בעסער, אָבער איך בין אומרויק, איך האָב מורא פאַר איר אויסגעמאַטערטקייט...

— ווען וועט קומען דער דאָקטער? האָסטו צו אים גענוג צוטרוי?

— וואָס רעדסטו, כודיט, חברטעלע מיינע! — האָט זי זיך געוווּנ־דערט פון איר פראַגע — ער איז מיין קוזינקעס מאַן! ער איז אַ טייערער דאָקטער מיט אַ גוטער נשמה, מיט אַ נשמה פון אַ קריסט, פון אַן עכטן קריסט! דו ווייסט דען, וויפל אָרימע מענטשן ער היילט אומזיסט?

באַוווּנדערונג און צוטרוי האָבן געשיינט אין מאַרטאַס אויגן.

יהודית האָט אַ ציטער־געטון און אַ ווונדערלעך געפיל איז איר גע־לאָפן דורך אַלע אברים. ס'האָט איר הנאה־געטון, וואָס אויך זי האָט געהאַט איר חלק אין זיין העלפן אָרימע מענטשן... גלייכצייטיק אָבער האָט זי אויך געטראַכט, אַז אפשר וויל ער מיט דער דאָזיקער הילף צו אָרימע רייניוואַשן אָדער אויסמעקן זיין ביסל לעבעדיק געוויסן, וועלכעס פּייניקט אים אַזוי שטאַרק?...

— ביז שפּעטער, מאַרטאַ, איך וועל באַלד זיין צוריק!

— גיב מיר דיין ערנוואָרט — איז מאַרטאַ צוגעשטאַנען.

יהודית האָט געשמייכלט:

— איך וועל דאָך נישט בלייבן נעכטיקן אין גאַס! איך וועל באַלד זיין צוריק.

זי איז אַנטשוויגן געוואָרן, אַ דרוק־געטון מאַרטאַס האַנט און איז אַרויס פון גאָרטן.

דאָן פּופּיק מיט זיין ייִדענע זענען איר אַנטקעגנגעקומען. ער האָט זיך היימישלעך אויסגעבייכלט קעגן איר און געפרעגט מיט זיין צווייד־טיק שטימעלע:

— וואָס איילן זיי זיך אַזוי שטאַרק? עץ עט אויף מאַ וואָרעט גאַ ניש אַנווערן און קיינער עט זיך ניש צערייסן דעם ספּאָדיק, אַז עץ עט אַר־בעטן אַ ביסעלע ווייניקער.

די פּופּיטשקע האָט געשמייכלט דורך די פּאַרנאַשטע ליפּן און צו־געגעבן:

— מיר ברענגען אייך אַ גרוס פון קעשינעו... ער איז געווען אין שטאָט און איז שוין ווידער אַוועקגעפאָרן...

זי האָט אויף יהודיתן געקוקט מיט פאַרשנדיקע בליקן.

— אַ שיינעם דאַנק אייך פאַרן גרוס און זייט מיר געזונט און שטאַרק, מיינע קליענטקעס וואַרטן אויף מיר!...

די פּופּיטשקע האָט געמאַכט אַ פּריילעכע מינע, ווי נישט זי מיינט מען, און האָט אַ זאָג־געטון:

— און וואָס מאַכט עפּעס אייער שכנס שיקסל?... אַ מאַמעלע, דאָס מזל איר אין קבר...

יהודית איז בלייך געוואָרן, גלייך דאָס וואָלט פאַר איר געווען אַ שלעכטע בשורה, און זי האָט פאַרלוירן געשמייכלט, נישט וויסנדיק וואָס צו ענטפערן. דאָן פּופּיק האָט אַ קוועטש־געטון מיטן רעכטן אויגנווינקל צו זיין ייִדענע און באַלד אַנגעשטעלט די בליקן אויף יהודיתן.

— האָבן זיי ניש קאַ מורא פאַ לייטישע מיילער? אויף מאַ וואָרעט, סע איז ניש קעדאַ צו טראַכטן וועגן דעם...

יהודית האָט אומניחהדיק געשמייכלט, אים שווייגנדיק דערלאַנגט די האַנט, זיך אויך געזעגנט מיט דער פּופּיטשקע און איז איילנדיק אַוועק צום ראָג גאַס.

— וואָס זאָגסטו נישט צו איר בנעימותדיק געגעלע? — האָט איר די פּופּיטשקע נאָכגעשאָקלט מיט די בלאָנדע קנוידערן און פאַרריסן גע־לאַכט, — פּנחסל, האַרץ. זי זעט דאָך אויס ווי נאָך אַ תענית! דאָס דאָזיקע ווייבל וואָלט גאַר געקאָנט שפּילן טעאַטער...

ער האָט אָפּגעזיפּצט און זיך אַ שטעל־געטון אויף די פינגער:

— און יאָך מאַין, געטעשי, קערוין — האָט ער זי געוואָרנט — אַז שכנימלעך האָבן שוין איבערגעכאַפּט די מאָס... יאָך אַליין על שוין טוי־פעס זאָן די געננ פון דאָזיקן בידנעם ווייבל, נעבעך.

ווייכע שמייכעלעך האָבן זיך געמיניעט אַרום זיין מויל און ער האָט ווייטער געזאָגט:

— יאָך וויל נאָר וויסן, ווי אַזוי ווייסן די שכנים, וואָס זי טוט... עפּעס לייגט זיך מיאַ ניש אויפן שכל... וואָסי, אַזאַ פּאַשוין איז זי דיר?

— פאַרוואָס זאָגט מען גאָרנישט אויף מיר? — האָט זי אים איבער־געשלאָגן די רייד.

רוגז האָט זיך געבלעזלט ארום זיינע ליפּן; ער האָט זי אָפּגעגאָסן מיט די זוניקע שמייכעלעך פון אונטערן פריש־ראזירטן גאָמבעלע, זיך אַ שטעל־געטון אויף די שפּיצן פון די פינגער און באַרימעריש אויסגערופן:

— ווייל דו האָסט מיך פאַר אַ מאַן! יאָך בין אַ מאַנספּאַשוין און ניש אַבי ווער!...

— אַז ווי און אַז אַך! — האָט זי פאַרשנירעוועט די ליפּן און זיך אָפּגעקערט פון אים.

ער האָט אָנגענומען איר קליין פינגערל און זי מיטגעפירט מיט זיך ווי מען פירט אַ קליין שול־מיידעלע.

— אַז איך הייב נישט אָן צו פאַרשטיין, וואָס דער משוגענער קעשין האָט אויף איר דערזען! — האָט זי זיך ווידער אָנגערופן און פאַרשנירע־וועט די ליפּן.

— אַ האַריץ, געטעשי, קערוין, איז נישט קאַ זייגער און קיינער קען דאָס נישט ריקן וווהין מע וויל. באַ נים איז דאָס בידנע וואבל די שענ־צטע אין אַלע וועלטן.

— פון מיינעטוועגן זאָל ער טון וואָס ער וויל, אָבער דאָס, וואָס שכנים רעדן, דאָס מוז ער וויסן!... ער מוז! — האָט זי אַ וואָרן־געטון מיטן פינגער.

— ניטע, געטשי, האַריץ! — האָט ער זיך ווידער אַ שטעל־געטון אויף די שפּיצן פון די פינגער און איר פאַרשטעלט דעם וועג — מיר האָבן שוין גענוג געזינדיקט קייגן דעם בידנעם וואבל, נעבאַך. ניטע, דערשלאָג ניש צום טויט דאָס בידנע האַריץ פון אַ עלנדער יידעשער טאָכטער, ווי איז מיאָ נעבעך!

טרערן האָבן זיך אים געשטעלט אין די אויגן. זיין חרטה אויף די באַגאַנגענע חטאים קעגן יהודיתן האָט זיך אויך אויף איר אַריבערגע־טראָגן און זי האָט שטיל צוגעגעבן:

— איך האָב צו איר גאָרנישט, אָבער מיין כבוד דאַרף איך מיר היטן... מיר דאַרפן זי אויסמיידן...

— דאָס איז שוין עפּעס אַנדערש, — האָט דאַן פּופּיק אָפּגעזיפצט. — אָבער וואַרפן שפּילקעס אין יענעמס אָפענע וווּנדן, דאָס איז אַ זינד, אַ גרויסע זינד, געטעשי...

קאַפּיטל זיבעצן

פאַרנאַכט האָט זיך דער הימל געבלויט איבערן גאָרטן און געלויכטן ווי אַ יונג כלה־מיידל אין אַ בלוי באַלקלייד. ער איז געווען קלאָר און רויִק ווי די אויגן פון אַ קינד נאָך אַ לאַנגן, זיסן שלאָף.

אַ לעצטער רויטער פּאַס האָט זיך געטוליעט צום גרינעם האַריזאָנט און אַ דינער, ראָזעווער שיין ווי אַ דורכזיכטיקער זיידענער וואַל האָט זיך עלאַסטיש געקנייטשט צווישן די צווייט־ביימלעך פון גאָרטן.

די צווייגן פון די ווערבע־ביימער ביים זוים פון טראָטואר האָבן שרייענדיק געגרינט און זיך ריטמיש באַוועגט ווי פאַנטאַסטישע פיגורן אין זומערדיקן פרישן ווינטעלע.

קליינוואַרג האָט באַלעבט דאָס געסל מיט זיין פאַרשייט שפּילן און שפּרינגען, שטערנדיק די שטילקייט פון אַרום.

שכנים זענען געזעסן אין די אָפענע טירלעך פון זייערע נאָכן שטורעם חרובע גערטנדלעך און מיט זייער כאַראַקטעריסטישער פלעגמאַטישקייט געטרונקען מאַטע. די רויכלעך פון די שטיל־גליענדיקע פייערלעך האָבן זיך אויפגעהויבן ווי שמאָלע זיילעכלעך און זיך אויפגעלייזט ביי די ווענט פון די הויכע הייזער.

פּנימער מיט אַ מאָדנער דערוואַרטונג האָבן אַראָפּגעקוקט פון די שכנישע פענצטער. ס'איז קענטיק געווען, אַז אַלע האָבן שוין געוווּסט, וואָס אַזוינס ס'איז פאָרגעקומען מיט קוקין. דער דאָקטער איז ווידער געקומען. פאַרפאָלגט פון די בליקן פון די שכנים איז ער אַריין אין גאָרטן. ווי מחנות בינען זענען קינדער באַפאַלן דעם נייעם אויטאָ און האָבן אים באַקוקט פון אַלע זייטן און באַטאַפּט וואָס נאָר זיי האָבן געקאָנט. איינער אַ יאַטל פון אַ יאָר אַכט האָט אַ קוועטש־געטון דאָס טרובקעלע און אַ הילכדיקער סיגנאַל האָט אָפּגעקלונגען אין דער שטילקייט פון אַרום.

— פאַרנעמט אייך פון דאַנען! — האָט איינער פון די שכנים אַ געשריי־געטון — דאָ ליגט אַ קראַנק קינד און גוסעט!...

מאַרטאַ האָט אַריינגעשטעלט דאָס פּנים אין פענצטער און אויסגערופן:

— זייט שטילער, איך בעט אייך, שרייט נישט אַזוי! מיין קינד קען נישטליידן אַזעלכע קולות!

שכנים האָבן זי אָפּגעגאָסן מיט נייגעריקע בליקן פולע מיט פאָרוואורף. איינע אַ פרוי האָט זיך אָנגערופן:

— די סעניאָרא איז געדעכט. דאָס קראַנקע מלאכל דאַרף האָבן רו.
מאַרטאַ האָט ווידער צוגעמאַכט דאָס פענצטער און איז צוריקגע־גאַנגען צום בעטל. נאַטאַליאַ האָט אויף איר אַן ערנסטן קוק־געטון און שטיל געפרעגט:
— ווי אַזוי האָט זיך די קליינע לעצטנס אויפגעפירט?
— זי איז שוואַך. אויסגעמאַטערט. זי קען נאָך נישט אויפמאַכן די אויגן...
ער האָט ערנסט צונויפגעצויגן די ברעמען און אַריינגעקוקט אין קינדס אויגן. באַלד אָנגעשטעלט די בליקן אויף דאָן פּילקען:
— וואָס הערט זיך עפּעס אויף דער פּראָווינץ? איר זענט קיינמאָל אין דער היים נישטאָ?
אַ דין, נעבעכדיק שמייכל האָט אויפגעציטערט אַרום די בלייכע קאַ־נאַווקעלעך פון דאָן פּילקעס באַקן און ער האָט רויִק געענטפערט:
— אונדזערע קריאָזשאָס הייבן זיך פּאַוואָלענקע אָן צו ציוויליזירן! דאָס לאַנד וואַקסט.
פרייד האָט אויפגעשיינט אין נאַטאַליאַס אויגן; ער האָט זיך פאַר־טראַכט, פאַרגעסנדיק ווו ער איז: איך וועל אַ פּאַר־טון אין די קאָלאָניעס, ווו איך בין געבוירן. איך בין אַ קאָלאָניסטישער זון. איך האָב אַמאָל גע־האָלפן מיין טאַטן אַקערן און פאַרזייען דאָס פעלד.
באַלד איז ער צוריקגעקומען צו דער קעגנוואַרט, באַטראַכט די קליי־נע און ווידער געזאָגט:
— באַלד וועט איר בעסער ווערן; די היץ איז געפאַלן. אָבער מען דאַרף זיין זייער פאַרזיכטיק... סורפּריזן קענען נאָך קומען.
און כדי אָפּצוּווענדן די זאָרג פון קוקיס עלטערן, האָט ער אַ פרעג געטון אין סוחרישן טאָן:
— און ווי גייען אייערע געשעפטן, דאָן פּילקע?
ער האָט געזיפצט און טרויעריק צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ:
— אַלץ וואָלט גוט געווען, ווען מיין טאָכטער איז געזונט. איר קראַנק־הייט איז אויף מיר געפאַלן ווי אַ ביטערע שטראָף פון גאָט.
נאַטאַליאַ האָט געשמייכלט און זיך פאַרטראַכט אין זיינע פילאָזאָפישע געדאַנקען: אויך גאָט, ווייזט אויס, איז אַ כאַראַקטערלאָזער. ער שטראָפט נאָר די שוואַכע, די ערלעכע. אָבער יענע, וועלכע האָבן אינגאַנצן קיין געוויסן נישט, זיי בריקעווען זיך אויס זייער לעבן, בריקעווען ווי געזונטע פערד.
ער האָט אויפגעהויבן דאָס פּנים צו דאָן פּילקען און שמייכלענדיק אַ זאָג־געטון:

— ווען מיר ווערן געשטראָפט בלויז פאַרן ווײלן באַגיין עוולות און חטאים אײדער מיר ווערן געשטרויכלט, וואָלט אפשר כדאי געווען... אָבער נאָכדעם ווי מיר ליגן שוין געבונדענע און זעען דעם חורבן, וועלכן מיר אַליין האָבן געמאַכט אָדער אויף זיך גופא געבראַכט, דאַן האָט שוין די שטראָף קיין שום זין און ווערט נישט...

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן און זײַנע בליקן האָבן זיך נישט ווילנדיק אַריבערגעטראָגן צו דער טיר. דער פאָרהאַנג האָט זיך לײַכט באַוועגט. אַ קיל ווינטל האָט אַרײַנגעווייעט אינאײַנעם מיט מחיהדיק־שמעקעדיקע ריחות. אויך דער שמעקעדיקער ריח פון יהודיתעס בלאָנדע צעפּ האָט אויף נאַטאַליאַן אַ שלאָג־געטון.

מאַרטאַ מיטן מאַן האָבן אים שאַרף אָנגעקוקט, אין זייערע אויגן האָבן געפינקלט שרעק און שטומקייט. זיי האָבן געמיינט, אַז דעם דאָקטערס פילאָזאָפירן איז געווען אַן אָנדייט אויף זייער שולד אין דער קלײנערס קראַנקייט.

ער האָט זייערע בליקן לאַנג נישט געקאָנט אויסהאַלטן. ער האָט פון זיי עפּעס אַנדערש אַרויסגעלייענט... ער איז געווען זיכער, אַז יהודית האָט זיי אַלץ דערציילט וועגן איר צוזאַמענלעבן מיט אים. האָט ער גענומען זײַן רענצל פון טיש און זיך מיט זיי געזעגנט, זאָגנדיק:

— שרעקן זיך דאַרף מען נישט. די נאַטור האָט שוין גאַנץ אָפט איבערגעקליגלט אַלע דיאַגנאָזן פון די דאָקטוירים... — האָט ער זיי געטרייסט.

דאַן פילקע האָט אים אָנגענומען ביים אָרעם און אים אַרויסבאַגלייט. זיי זענען שטיין געבליבן ביים טירל. נאַטאַליא האָט אַ בליק־געטון צום פענצטערל פון יהודיתעס שטיבל. ער האָט דערקאָנט דאָס געשטיקטע פאָרהענגל. אַ ווייסקייט האָט געווייעט פון אָפענעם פענצטערל... פונקט אַזוי האָט עס אויסגעזען, ווען ער האָט אַרויפגעטראָגן זײַנע זאַכן אין דאָניאַ בערטאַס אויבערשטן צימערל... אַן אומעט איז אים באַפאַלן. זײַנע ליפּן האָבן זיך לײַכט באַוועגט ווי ביי אַ שטום געבעט. אָבער אַרום זײַן מויל האָט עס געציטערט מיט נצחון...

דאַן פילקע האָט איבערגעריסן די שטילקייט.

— וואָס האָט איר אויסגעפונען אין דער קלײנער? מיט מיר מעגט איר רעדן אָפן!...

נאַטאַליאַ האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און פאַרזאָרגט אַרײַנגערעדט אין די שפּיצן פון זײַנע שיך.

— איך וועל צושיקן אַ ביסל זויערשטאָף... מען מוז רעכענען מיט סורפּריזן... די קלײנע איז געפערלעך קראַנק...

אַ גרויער קאָליר האָט זיך איבערגעצויגן איבער דאָן פּילקעס פּנים און זיך באַלד ווידער פאַרוואַנדלט אין אַ געלקייט ווי וואַקס. מיט טרערן אין די אויגן האָט ער זיך געווענדט צום דאָקטער:

— נאַטאַליאַ, ראַטעוועט מיר דאָס קינד!

נאַטאַליאַ האָט אים פריינטלעך אַ קלאַפּ געטון איבערן אַקסל.

— גייט אַריין אין צימער און באַרויקט אייך, איך וועל שוין אַלץ באַזאָרגן.

מיט טרערן אין די אויגן און אַ שטיקעניש אין האַלדז און באַפאַלן פון אַ שוואַכקייט איז ער ווידער אַריין צו זיך אין צימער, זיך קוים איינגעהאַלטן פון וויינען.

נאַטאַליאַ האָט פרייער אָפּגעאָטעמט. זיינע טיפע, דורכדרינגלעכע בליקן האָבן נישט ווילנדיק אַ לויער־געטון איבערן צעזונגענעם גאָרטן. די צעעפנטע רויזן־קעפּ האָבן זיך שווער באַוועגט אונטערן שוואַכן ווינטל און ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז זיי האָבן געמורמלט: „שטיי נישט פון דער־ווייטנס, נאַטאַליאַ, יהודית האָט אונדז געפלאַנצט, געפלעגט און באַשפריצט פאַר דיינעטוועגן, פאַר דיינעטוועגן! זעסט דען נ־שט אין אונדזערע קעפּלעך איר ליבשאַפט צו דיר? זע נאָר, ווי מיר בל־ען און וואַקסן פאַר דייניטוועגן, פאַר דיינעטוועגן...

אַ באַנגיקער שמייכל האָט זיך אויסגעלייגט אַרום זיין מויל. מיט אַמאָל האָט עס אים ווײ־געטון, פאַרוואָס יהודית מיידט אים אויס... ער האָט זיך דערמאָנט, אַז אַלע יאָרן, זינט ער האָט זי איבערגעלאָזט, האָט ער בכיוון אויסגעמיטן זייערע אַלטע באַקאַנטע און אַפילו די פּלעצער, וווּ זיי פלעגן פאַרברענגען. ער האָט תמיד מורא געהאַט, אַז ווען זי וועט אים טרעפן, אַפילו צוזאַמען מיט זיין ווייב און קינדער, וועט זי צו אים צוגיין און פרעגן: „ביסטו איצט גליקלעכער ווי מיט מיר?... האָסטו מיך שוין אינגאַנצן פאַרגעסן?... איז „אייביקע ליבע" מער נישט ווי אַ פאַנטאַזיע און אַ טעמע פאַר שרייבער און ראָמאַנטיקער?..." אויך דאַן, ווען ער איז געקומען זען קוקין, האָט ער מורא געהאַט, אַז יהודית וועט אים נאָכגיין און זוכן צו שטערן זיין רו. אָבער ווען ער האָט זי נישט געטראָפן ביי מאַרטאַן און זי נישט געזען אין גאָרטן, איז זיין מענערישע אייגנליבע צערייצט געוואָרן. ער האָט באַדויערט, וואָס זי לאָזט זיך נישט זען. און אפשר האָט זי שוין חתונה געהאַט? — האָט ער אַ טראַכט געטון. — אויך זי איז נישט מער ווי אַ שוואַכע פרוי... זי וועט נישט גיין פאַרזיצן צוליב אַ געפיל פון איר ערשטער ליבע... זי וועט נישט!... און זאָל איר גאָט העלפן, דער אָרעמער...

רוגז האָט זיך צעבלעזלט אַרום זיינע, עטוואָס צעשמייכלטע אויגן. ס׳איז אים געווען אומעטיק, גלייך ווי זי וואָלט אים אָפּגענאַרט.

אין דעם האָט זיך גומערסינדאָ אַריינגעשטעלט אין גאָרטן און זיך געווענדט צו נאַטאַליאַן:

— זאָגט מיר, דאָקטער, איך בעט אייך, וואָס מאַכט די קליינע?

נאַטאַליאַ האָט אויפגעוואַכט ווי פון אַ חלום און רויק געענטפערט:

— די קליינע איז געפערלעך קראַנק, און אין גרויסער סכנה... סיידן די נאַטור וועט באַווייזן וווּנדער.

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן און אַרויס פון גאָרטן. פּונקט איז אים גינער אַנטקעגנגעקומען. זיי האָבן זיך דערפרייט, דערלאַנגט די הענט און זיך אַרומגענומען אויפן אַרגענטינישן שטייגער.

— אַך, וואָס פאַר אַן איבעראַשונג, גינער!

— וואָס מאַכסטו, נאַטאַליאַ? ווי גייט עס דיין ווייב און די קינדער?

— גוט, אויסגעצייכנט! און ווי גייט עס דיר?

— איך בין פאַרנומען מיטן צוגרייטן אַ גרויסע אַרבעט — האָט גינער פאַרזשמורעט די אויגן און שטראַלנדיק געלאַכט. אָבער באַלד איז ער אַנטשוויגן געוואָרן און איבערגעטראָגן די בליקן צו יהודיתס שטיבל.

אייפערזוכט און שטוינען האָט זיך געריסן פון נאַטאַליאַס בליקן...

— וואָס, גינער, האָט דיך אַהערגעבראַכט? — האָט ער נייגעריק געפרעגט.

גינער האָט אים חבריש אַ נעם־געטון אונטערן אָרעם און אים גע־פירט מיט זיך.

— קום, דאָקטאָרסיטאָ, וועל איך דיך באַקענען מיט אַ זייער אינ־טערעסאַנטער פרוי.

נאַטאַליאַ האָט זיך געווערט, זיך אָפּגעשטעלט.

— לאָז מיך אָפּ, איך מוז גיין זען מיינע קראַנקע! לאָז, דו ווילדער יונג!

— גיי דיר, גיי, דו בורגעס! — האָט אים גינער אָפּגעלאָזט, — דו ביסט געוואָרן אַ שטוביקער באַלעבעסל און דאָס איז אַלץ!

— דו רעדסט ווי אַ נאַר! איך האָב אַ סך פליכטן! קראַנקע ווילן נישט וואַרטן, — האָט ער אויסגערופן מיט אַן ערנסטן טאָן און ברוגז גע־שמייכלט. — איך, גינער, בין נישט קיין קינסטלער און טאָר נישט שוועבן אין די הימלען.

גינער אָבער האָט געלאַכט און געפּויקט מיטן פינגער אין נאַטאַליאַס דאָקטערישן רענצל.

— דער קלענסטער טרוים איז דאָך שענער פון דער גרעסטער ווירק־

לעכקייט. אָבער זאָג מיר, נאַטאַליאַ, וויפל קראַנקע האָסטו שוין אַוועקגע־שיקט אין גן־עדן אַריין? — האָט גינער געשפּאָסט און גענומען זיין פּריינט אונטערן אָרעם.

זיי זענען צוגעגאַנגען צום אויטאָמאָביל. נאַטאַליאַ האָט אים אויפ־געשלאָסן, זיך באַקוועם אַריינגעזעצט. דער אויטאָ האָט זיך אַ ריס געטון פון אָרט, לאָזנדיק הינטער זיך אַ ריח פון נאַפט. גינער האָט אים נאָכגע־פאָכעט מיט דער האַנט, ביז דער אויטאָ איז פאַרשוווּנדן פון געסל.

גינער האָט געפילט אויף זיך די שכנהשע בליקן, וואָס האָבן געחוזקט און געוואָלט אַרויסרייסן פון אים אַלע זיינע סודות און איבערלעבונגען. איז ער האַסטיק אַריין אין יהודיתעס גאָרטן, זיך וויכערדיק געטראָגן צווישן די רייען לימענע־ און מאַראַנצן־ביימלעך. ער האָט אָנגעקלאַפּט מיט די הענט אין דער הינטערן טיר פאַרהאַנג פון איר שטיבל. און כאָטש ער האָט קיין ענטפער נישט באַקומען, איז ער אַריין אינעווייניק, אויסגעטון דאָס רעקל און זיך אויסגעצויגן אויפן שניי־ווייסן בעטל. אַזוי קוקנדיק אויף רעמבראַנדס בילד איז אים געווען גוט אויפן האַרצן און ער האָט נישט געוווּסט, צי דערפאַר ווייל יהודית האָט שוין געוווּסט אַז ער האָט אַ ווייב מיט קינדער, אָדער צוליב דער צופעליקער באַגעגעניש מיט נאַטאַליאַן.

אין די גאָר יונגע יאָרן, ווען נאַטאַליאַ איז נאָך געווען אַ צייטונגס־פאַרקויפער, האָט ער אַלע טאָג ביי איר געקויפט אַ צייטונג. אַזוי האָבן זיי זיך באַפריינדעט און זענען געוואָרן גוטע חברים. שפּעטער האָט זיך גינער אַרויסגעצויגן פון יענער געגנט און זיי האָבן זיך אָנגעהויבן זעלטענער צו טרעפן. ער האָט געוווּסט, אַז נאַטאַליאַ איז געוואָרן אַ דערפאָלגרייכער דאָקטער און האָט ליב זיין ווייב און די קינדער. עטלעכע מאָל איז ער געקומען מיט זיין פאַמיליע צו־גאַסט צו גינערן. די פרויען זייערע האָבן זיך פון דער ערשטער באַגעגעניש אָן נישט געקאָנט פאַרטראָגן און אַזוי איז די פריינטשאַפט צווישן די מענער קילער געוואָרן.

דערהערט יהודיתן אַריינקומען, האָט ער זיך אויפגעהויבן און איז איר אַנטקעגנגעשפּרונגען. זי האָט אַוועקגעלייגט אויפן טישל אַ פּעקל מיט נאַשוואַרג און אַלערליי מינים פאַדים און אויסגעטאָן דעם מאַנטל. ערשט דאַן האָט זי אים באַטראַכט און מיט אַזעלכע בליקן, גלייך זי וואָלט אים נישט דערקענט.

— כודיט — האָט ער זיך דערשראָקן — וואָס איז דיר? דו ביסט קראַנק?

זי האָט אויפגעמאַכט די טיר פון דער שאַפקע און אַריינגעהאָנגען דעם מאַנטל, זי צוריק פאַרמאַכט און אים ווייטער באַטראַכט.

— כודיט! — האָט ער זי געזוכט אויפצומונטערן, — ווען דו וואָלסט

אַהיימגעקומען מיט עטלעכע מינוטן פריִער, וואָלט איך דיך געוועזן באַ־קענט מיט מיינעם אַ פריינט, אַ באַרימטער דאָקטאָר. ער איז אַמאָל געווען אַ צייטונגס־פאַרקויפער — האָט ער אויסגערופן מיט פּאַטאָס — אָבער אַן אָרעם מיידל האָט אים אַרויסגעהאָלפן און ער האָט געמאַכט אַ גרויסע קאַריערע. נאָך אַלעם אָבער איז ער אַ קאַנאַליע!...

יהודית איז בלייך געוואָרן און ציטערנדיק געענטפערט:

— דאָקטער נאַטאַליאַ! ער איז געווען מיין מאַן!

זי איז אַנטשוויגן געוואָרן און אים טיף אָנגעקוקט...

— ווייסטו, כודיט, וואָס דו רעדסט? ביסט זיכער אין דעם, וואָס דו זאָגסט? וואָס פאַר אַ צופאַל!

— יאָ, איך ווייס, וואָס איך רעד און וועמען דו מיינסט, — האָט זי מיט אַ כמעט וויינענדיקער שטימע מער אַרויסגעוויינט ווי אַרויסגעזאָגט און אַראָפּגעלאָזט די אויגן צו דער ערד.

גינער איז געווען צעטומלט פונעם צוניפטרעף און צופאַל; ס'האָט אים פאַרדראָסן, וואָס ער איז געווען דער גורם פון דער דאָזיקער געשאַ־פענער סיטואַציע, וועלכע ער האָט שוין איצט נישט געקאָנט ראַטעווען, און כדי איבערצורייסן די שווערע שטילקייט, וואָס האָט זיך געשאַפן, האָט ער שטיל און האַרציק אַ פרעג־געטון:

— כודיט, זאָג מיר דעם אמת, האָסטו אים נאָך אַלץ ליב?

זי האָט פאַרשעמט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און געשמייכלט:

— ערשט היינט, גינער, האָב איך מיך אין דעם איבערצייגט — האָט זי געענטפערט, פאַרפלאָכטן די הענט אַרום אירע קני און זייער שטיל געזייעט צווישן די ליפּן: — דו ווייסט גאָרנישט, ווי אויסגעליידיקט פון פרייד ס'איז איצט מיין נשמה. גינער, פאַרלאָז מיך נישט, זיי מיר אַ ברו־דער, זיי מיט אַ חבר!

איר האַרץ האָט אומרויִק געהאַמערט און זיך געריסן פון דער ברוסט. איר שוואַכקייט האָט גינערן געריִרט; ער האָט אַריינגענומען איר קאָפּ אין זיינע הענט און זי געטריי געדריקט צו זיך.

— כודיט, פאַר אַוועק — האָט ער שטיל געזייעט צווישן די ליפּן.

— איך קאָן נישט איבערלאָזן דעם גאָרטן! איבעריקנס, פאַר וואָס זאָל איך אַנטלויפן? אַנטלויפן מוז איך דאָך פון זיך אַליין!

ער האָט פאַרזשמורעט די אויגן און אומעטיק צוגעגעבן:

— פאַר, כודיט, דער גאָרטן איז ווינציקער ווערט ווי דיין לעבן!

— אָבער ער איז דאָך אַ טייל פון מיין לעבן! — האָט זיך יהודית געעקשנט, און צוגעגעבן: — איך בין תמיד מאַכטלאָז אַנטקעגן מיינע גע־פילן, אויך איצט, ווען איך האָב „אים“ ווידער באַגעגנט, וועלן זיך מיינע

אויפגעוואַכטע געפילן ווידער איינשטילן; זיי ווילן זיך ביסלעכווייז אָפּ־קילן, אויסלעשן אינאיינעם מיט מיר...

עלנט און בענקשאַפט האָבן זיך געריסן פון אירע אויגן און אָפּגע־שפּיגלט איר אינערלעך געמיט.

אין גינערן האָט זיך צעשריִען אַן אייפערזוכט. אין די דאָזיקע מינוטן איז זי אין זיינע אויגן אויסגעוואַקסן גרעסער, העכער און טייערער. אָבער אויך אַ געפיל פון דערלייכטערונג האָט געגלעט זיין געמיט. ער האָט זיך געפילט פריי און אויפגעבונדן פון די לייכטע פליכטן צו איר; פליכטן, פאַר וועלכע ער האָט זיך פריִער געשראָקן און געמיינט אַז זיי וועלן אים שווער ווערן. אָבער די פאַרערונג צו איר איז געוואָרן טיפער, ווען ער האָט דערקאָנט יהודיתן אין איר גרויסער, ווייבערישער ערלעכקייט. ער האָט זי געזען ווי אַן איבערבלייבעכץ פון דער אַמאָליקער ראָמאַנטישער צייט. זי שוועבט אין אַ וועלט פון גלויבן און פון אילוזיעס. און אַזוי ווי זי איז איז זי וווּנדערלעך, ווייל אַ סך אַזוינע נאַראָנים זענען מער נישט פאַראַן.

גינער איז געווווּנט געווען, אַז די „ליבעס" זיינע זאָלן זיך גיך אָפּלעבן און צעפאַלן. ער האָט קיינמאָל נישט געטרויערט נאָך זיינע פאַרלוירענע גן־עדנס. זיין איינציקע טיפע זאָרג איז נאָר געווען, אַז דאָס ווייבל זיינס קאָן אין אַ שיינעם טאָג באַקומען פון עמעצן אַן אַנאָנים בריוול... אָבער זיין געפיל צו יהודיתן איז געווען אַ ריינערס. ער איז געווען באַגייסטערט סיי פון איר פרימיטיוקייט און סיי פון איר אויסזאָגן אים שטענדיק דעם גאַנצן אמת.

אַ געפיל פון רחמנות צו איר האָט פאַרפלייצט זיין האַרץ. ער האָט זי געוואָלט זען גליקלעך. ער איז דאָך געווען זיכער, אַז נאַטאַליאַ האָט זי שוין לאַנג פאַרגעסן.

דאַן האָט ער זיך אָפּגעגעבן רעכענונג, פאַרוואָס נאַטאַליאַ האָט זיך פון אים אַרויסגעדרייט און נישט געוואָלט מיט אים אַריינגיין צו יהודיתן. ער האָט זי געוואָלט איבערצייגן אין איר טעות און איר געזאָגט:

— אייגנטלעך האָט נאַטאַליאַ דיך קיינמאָל נישט געליבט. ער האָט דיך נישט געקענט און ער וועט דיך שוין קיינמאָל מער נישט קענען אַזוי ווי דו ביסט אין דער אמתן. ער האָט מורא פאַר דיר...

זי האָט טרויעריק געשמייכלט. ס׳איז איר געקומען אויפן זין: עס קען זיין, אַז ער האָט רעכט. איך אָבער האָב געזען אין אים דאָס הערלעכסטע. און אויב איך האָב געגלויבט, אַז מיין אויסוויילן איז געווען טרעפלעך, — טאָ צו וואָס האָב איך באַדאַרפט אונדזער פאַרבינדונג שטעמפּלען דורך אַ ריכטער?

גינער האָט זיך ווידער אָנגערופן:

— האָסט באַדאַרפט מיט אים אַרויסנעמען אַ חתונה־ביכל!

— צווינגען? — האָט זיך יהודית צעפּלאַמט. — ווען איך בין נאָך געווען אַ קליין מיידעלע, האָב איך שוין געוווּסט, וואָס עס הייסט לעבן געצוווּנגען. שוין דעמאָלט האָב איך ביי מיר באַשטימט דעם וועג פאַר מיין לעבן.

זי איז אַנטשוויגן געוואָרן, זיך פאַרטראַכט און איז צוגעגאַנגען צום אָפענעם פענצטערל, ווו זי האָט אין זיך אַריינגעאָטעמט פרישע לופט. דאַן האָט זי זיך ווידער אויסגעדרייט מיטן פּנים צו גינערן. די אומרו האָט פון איר אַרויסגערעדט:

— מיין שכנה האָט מיר אַהערגעבראַכט אַן אומגליק. איך וועל דאָ נאָך ווערן אַן אומשולדיקער קרבן...

גינער האָט איר איבערגעשלאָגן די רייד:

— וואָס מאַכט די קליינע?

— נישט גוט!

— וואָס איז איר?

יהודית האָט זיך פאַרטראַכט און באַזאָרגט געענטפערט:

— דאָ איז עפּעס פאַרגעקומען און איך ווייס נישט וואָס... האָט זי גערעדט מיט אַ ציטערדיקער שטים, — די אָרעמע מאַרטאַ, נעבעך, זי איז אומגליקלעך. זי איז אַ גוטער מענטש, אָבער זי ווערט געפּייניקט פון עפּעס... איר געוויסן איז נישט ריין...

גינער האָט געלאַכט:

דער מיט די גראָבע הענט האָט זי דאָס אַזוי אומרויִק געמאַכט?... איי, ווייבער, ווייבער! — האָט ער זיך צעהוידעט אַהין און צוריק.

— שווייג, שוויג — האָט זי אים מיטן פינגער געוואָרנט — דער ענין איז אַ סך ערנסטער ווי דו מיינסט. דער דאָזיקער רויער יונג איז אויף אַלץ פעיִק...

אומגעריכט האָט זיך גומערסינדאָ אַריינגעשטעלט אינעם צוויי־העלפּ־טיקן פאַרהאַנג איבערן טירל. ס'האָט פון אים אַרויסגעברומט:

— דאָניאַ כודיט, גייט און רופט מיר אַרויס מיין מאַרטיטאַן.

זי איז געוואָרן בלייך און בייזלעך אָפּגעענטפערט:

— איך בעט אייך, באַלעסטיקט מיך נישט... דערליידיקט אייערע ענינים מיט מאַרטאַן אָן מיר!

— איך בעט ביי אייך פאַרגעבונג!... איך מוז דאָך וויסן, וואָס מאַר־טיטאַ מאַכט און זי האָט מיר פאַרבאָטן אַריינצוקומען. זי האָט נאָך אַלץ מורא פאַר איר געוועזענעם ים־קאָטער.

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן און אַרויסגעגאַנגען. גבורה האָט זיך גע־ריסן פון זיינע ברייטע אַקסלען. ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן דעם ווענטל פון מאַרטאָס קיך און האָט רציחהדיק געטופּעט מיטן פוס. רויטע פונקען האָבן געשפּריצט פון זיינע אויגן און אַ ווילדע אייפערזוכט. זיין מענערישע ווירדע האָט געזוכט גערעכטיקייט.

יהודית און גינער האָבן אים באַטראַכט דורכן פענצטערל. גומערסינ־דאָ איז געווען פאַרטון אין זיך. ס'האָט אין אים געבושעוועט: צי איז ער דען אַ שול־ייִנגל? צי האָט ער נישט קיין מענערישע ווירדע? מאַרטאַ האָט אים געשווירן אייביקע ליבע... זי האָט פיינט איר מאַן. ער האָט אַן אַנ־דערע. טאָ צו וואָס גאָך דאַרף מען זיך שפּילן אין באַהעלטעניש?... נאָך וואָס?... ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ שטיין און כעסדיק אַרויסגע־ריסן גאַנצע בינטלעך גראָז. מיט אַמאָל האָט ער אָנגעהויבן אויססווישטשען דאָס פאַרבענקטע ליבע־לידל צו מאַרטאַן. באַלד איז דאָן פּילקע אַרויס־געקומען און גערעוועט:

— פאַרנעם זיך פון דאַנען, דו מאַמזעריק, דו אָפּגעריסענער!

גומערסינדאָ איז ראַפּטום אויפגעשפּרונגען, זיך צעהוידעט אויף זיינע שטאַרקע פיס און האָט אים אַנטקעגנגעשטעלט זיין רעכטן אַקסל. רויטע, בלוטיקע שפּיזלעך האָבן זיך געמעסערט אין זייערע בליקן. ער האָט מיט חוזק אַרויסגעלאַכט:

— פאַרוואָס פלאָגסטו די אָרעמע מאַרטאַ?... דו האָסט זי דאָך פיינט! לאָז זי אָפּ! לאָז איר פריי דעם וועג! זיי אַ מאַן און נישט קיין ממזרל! ווען נישט מאַרטאַ — האָט ער שפּאָטיש צוגעגעבן — וואָלט איך צו דיר נישט באַנוצט קיין ווייסע הענטשקעס!...

דאָן פּילקע האָט אַ ברום־געטון ווי נישט מיט זיין קול:

— צו וועמען רעדסטו אַזוי! דו אויסוווּרף!

אויף זיינע קולות איז מאַרטאַ געקומען צו לויפן. זי איז געווען ווי איינגעבראָכן. זי האָט פאַרבראָכן די פינגער און ביטער געוויינט:

— גומערסינדאָ, גיי אַהיים, גיי, האָב רחמנות אויף מיין קראַנק ווע־רעמל.

ער האָט נאָכגיביק געשטאַמלט און געהאַלטן אויף איר די מאָנענדיקע בליקן.

— נעם די קליינע און קום צו מיר!... איך וועל אויסשטיין די אויס־גאַבן פון איר קראַנקייט! גומערסינדאָ איז אַ זכר!

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן און איינגעשטאָכן די האַרטע בליקן אין דאָן פּילקעס דורכלויכטיק גרין־געוואָרענעם פּנים. ער האָט אַ פּאָכע־געטון מיט אַ געביילטער פויסט און צוגעגעבן:

— וואַרט, דו דאַרער ים־קאַטער. אונדזערע חשבונות זענען נאָך נישט דערליידיקט!... און ער איז מיט אַ צעוויגט געגגעלע אַרויס פון גאָרטן.

דאָן פילקע האָט זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צים ווייב. זי איז געשטאַנען מיט אַ געזונקענעם קאָפּ און האָט מורא געהאַט אַ קוק צו טון אויף אים. טיף אין איר נשמה און מיט אַלע אירע חושים האָט זי געפילט איר שולדיקייט און אַ דורותדיקן דרך־ארץ צום געזעצלעכן מאַן און טאַטן פון אירע קינדער...

אויך אַ געפיל פון בושה האָט אין איר געשרפּעט. זי איז פון דעם געפיל שיעור נישט דערשטיקט געוואָרן.

דאָן פילקע האָט פאַרלוירן דאָס גלייכגעוויכט. אַ ציטערדיקער מיטן גאַנצן קערפּער האָט ער אויפגעהויבן די האַנט און זי אַראָפּגעלאָזט איבער מאַרטאַס פּנים. ס'האָט פון אים אַרויסגערעוועט:

— וואָס טוט זיך דאָ? דו שטיק פליישׁ! דו בהמה! וואָס האָסטו געמאַכט פון מיין שטוב?...

אַ הייסער שטראָם בלוט האָט זיך אַ גאָס געטון פון מאַרטאַס נאָז. זי האָט ווי אַ שולדיקע באַגראָבן דאָס פּנים אין די הענט און איז אַריינגעלאָפן צוריק אין צימער.

ווי אַ געטראָפענער פון אַ קויל איז דאָן פילקע אַראָפּגעלאָפן פון גאַניקל און איז אַרויס פון גאָרטן. ער איז אַנטלאָפן פון בושה און פון דעם חוזק, וואָס ער אַליין האָט געבראַכט אויף זיך. ער איז געלאָפן איבער זייטיקע, קרומע געסלעך און גומערסינדאָס ווערטער זענען אים נאָכגעלאָפן, אים געפּאַטשט איבערן פּנים, געשטאָכן זיינע געהירן און געצונדן דאָס בלוט אין די אָדערן: נאָך וואָס פלאָגסטו די אָרעמע מאַרטאַ! דו האָסט זי דאָך פיינט! לאָז איר פריי דעם וועג!!! זיי אַ מאַן און נישט קיין ממזרל!...

גינער און יהודית האָבן זיך שטום אָנגעקוקט. אומרו און שרעק פאַר עפּעס אַן אומגליק, וואָס וועט זיך אַראָפּלאָזן איבער מאַרטאַן... איז געווען אין זייערע בליקן.

סוף פון ערשטן באַנד.

פון דער זעלבער מחברן

צווישן קראַנקע (שפּיטאָל־רעפּאָרטאַזשן)

וואָס מיין פריינט האָט דערציילט (דערציילונגען)

בעסאַראַביע 1918 (ראָמאַן)

מיין שטעטל יעדינעץ (ראָמאַן אין 2 בענד)

צווישן בערג (דערציילונגען)

מלחמה־יאָרן 1914־1918 (ראָמאַן)

די מוטער רחל (ראָמאַן אין 2 בענד)

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINE
Copyright by:
Golde Gutman (Krimer)
BUENOS AIRES

Hecho el depósito que marca la Ley

INDUSTRIA ARGENTINA

ESTE LIBRO SE TERMINO DE
IMPRIMIR EL DIA 10 DE NO-
VIEMBRE DE 1954 EN LOS
TALLS. GRAF. "ZLOTOPIORO
HNOS." CALLE GASCON 1231
BS. AIRES., REP. ARGENTINA

GOLDE GUTMAN (KRIMER)

BAJO LOS CIELOS AZULES ARGENTINOS

(UNTER DI BLOE ARGENTINER HIMLEN)

TOMO I

✶

BUENOS AIRES
1954